STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10199

# GEZAMLTE SHRIFTN

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

# געזאמלטע שריפטן

פארלאג „פרייהייט“
ניו יארק, 1928

Copyright, 1928
by the
FREIHEIT PUBLISHING ASS'N, Inc.

270

דריטער באנד:

# היימישע מענשען.

# היימישע מענשען.

# פערלאָרען דעם קול

אין קלעמענקער גרויסען בית־המדרש איז שוין געווען צו ענדע דער וואָכענדיגער דאַווגען. דער שטעדטעלשער חזן, וואָס זינגט יעדע תפלה, אפילו ביחידות, און בלייבט דעריבער שפּעטער, האָט שוין צוזאמען געלעגט דעם טלית און האָט אונטערגעברומט מיט א ניגון דעם „יום". די עטליכע לעצטע ווערטער פון „יום" האָט ער אויסגעלאָזט חזנ'יש הויך:

„הוא ינהגנו על מות"...

אין דעם לעצטען וואָרט „מות" האָט ער, ווי זיין שטייגער איז, געוואָלט מאכען א קונץ: ארויפחאפּען זיך גאר אויף דער הויכער אָקטאווע, נאָכדעם אראָבלאָזען זיך נידריג און טאקי באלד ווידער צוריק אין דער הויך. עס האָט זיך איהם אבער ניט איינגעגעבען: א טאָן האָט זיך פערטשעפּעט אין האלז און עס איז ארויס ניט „דאָס".

ער האָט זיך דערשראָקען, און דערשראָקענערהייט האָט ער זיך אומגעקוקט, צי שטעהט ניט ווער נאָהענט נעבען איהם; אז ער האָט נעבען איהם דערזעהען דעם אלטען העניך איז זיין שרעק קלענער געוואָרען: ער האָט געוואוסט, אז העניך איז טויב.

געהענדיג אהיים מיט'ן טלית און תפילין אונטער'ן אָרעם, האָט איהם דער ניט גערעטענער „מות" אין די אויערען געקלונגען און עס האָט איהם געמאכט טרויריג.

— צו אלדע שווארץ־יאהר! — האט ער געמורמעלט — דאס האט נאך ביז אהער ביי מיר קיינמאל ניט געטראפען.

ער האט זיך אבער באלד דערמאנט, אז פאר צוויי וואכען „שבת־מברכים“, בעת ער האט מיט די משוררים אין בית־מדרש פאר'ן עמוד געדאווענט, האט איהם כמעט דאס אייגענע געטראפען ביי'ן „שמע ישראל“ אין דער קדושה, ווען ער האט אליין זיך צעזונגען „הוא אלהינו“. צום גליק האט דאס קיינער ניט בעמערקט. אלענפאלס האט מיט איהם דער „באס“ דערפון ניט גערעדט.

און די עראינערונג אן פאר־צוויי־וואכענדיגען ניט געראטענעם „שמע־ישראל“ און דעם היינטיגען „על מות“ ביחידות, האבען זיך צוזאמענגעמישט און האבען זיך אוועקגעלעגט ווי א שווערער שטיין אויפ'ן הארץ.

איהם האט זיך געוואלט, געהענדיג, פרופען נעהמען נאך אמאל דעם טאן, נאר גראד איז די גאס פול געווען מיט מענשען, און ער האט זיך געשטארקט איינצוהאלטען זיך, ביז ער וועט אהיים קומען. ער האט אנגעהויבען מאכען, ניט נאך זיין געוואהנהייט, גיכע טריט, און עס האט אויסגעזעהן, ווי ער אנטלויפט פאר עמיצען.

אז ער איז אריין אין שטוב האט ער שטיל, אהן א גוט־מארגען, אוועקגעלעגט דעם טלית און אברוהענדיג זיך אביסעל פון ניכען גאנג, האט ער זיך גענומען צו זינגען.

הוא ינהגנו על מות!

—שוין, האסט קיין צייט ניט! דער טאג איז דיר קליין!— האט זיך די חזנ'טע צובייזערט — עס גרילצט אזוי אויך אין די אויערען.

— ווי הייסט, עס גרילצט? — האט דער חזן דערשראקען אויפגעשטעלט די אויגען — איך נעהם א טאן און דו זאגסט עס גרילצט. וואס הייסט — עס גרילצט?...

ער האָט אויף איהר געקוקט מיט תחנונים, זיינע בליקען האָבען שטום גערעדט: האָב רחמנות! זאָג נישט אז עס גרילצט, ווארום אויב עס גרילצט, בין איך אומגליקליך, עקט זיך מיין לעבען!... נאָר די חזנ׳טע איז געווען צו פיעל פערטהאָן און צו־טראָגען וועגען אָנבייסען, אז זי זאָל קענען מיטפיהלען און פער־שטעהן, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר חזן, און זי האָט זיך נאָך מעהר צושריען:

— אודאי גרילצט! וואָס דען? איך ווער פערטויבט: מילא, אז דו זינגסט נאָך צוזאמען מיט די זינגער, מוז איך אויסשטעהן, אבער איצטער אליין... וואָס?...

דער חזן איז געוואָרען בלאַס, ווי קרייד, ער האָט קוים אויסגערעדט:

— גרונע, וואָס ביזטו משוגע? וואָס רעדסטו?

— וואָס טהוט זיך היינט מיט איהם? — איז שוין גרונע פון געדולד ארויס — געגוג דיר שוין צו מאכען זיך נאריש, געה וואש זיך עסען.

עסען האָט זיך דעם חזן נישט געוואָלט, נאָר ער האָט זיך בעטראַכט, אז צוליעב א רפואה מוז ער עסען; ניט עסען וועט נאָך ערגער זיין, און ער האָט זיך געוואַשען.

די „המוציא“ האָט ער געמאַכט הויך און חזנ׳יש אויסגע־זונגען און געקוקט אויף דאָס ווייב, צי בעמערקט זי ווידער עפּעס ניט, נאָר דערויף האָט שוין דאָס ווייב גאָר ניט געזאָגט, און דאָס האָט דעם חזן בערוהיגט.

— מיר דאַכט זיך נאָר, מיר דאַכט זיך נאָר.... האָט ער זיך געטרייסט, ס׳איז ווערט א שפּיי! ניט אַזוי גיך פערלירט מען דעם קול!

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אז ער איז שוין אלט פערציג יאָהר און ביים חזן, מאיר ליעדער, האָט עס געטראָפען פונקט אין דעם זעלביגען עלטער...

דאָס איז געווען געגוג, ער זאָל זיך ווידער אָנהויבן צו שרעקן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט זיך טיף פֿאַר־טראַכט, און באַלד האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ שטאַרקן געשריי געגעבן:

— גרונע!

— שאַ, וואָס איז? וואָס שרייסטו, ווי ניט מיט דיין קול? — האָט גרונע צולויפֿענדיק, זיך געבייזערט.

— אוי, לאָז מיך לעבן! — האָט זיך דער חזן געבעטן— וואָס רעדסטו „ניט מיט מיין קול" — מיט וועמעס קול רייד איך דען?... האַ... וואָס ווילסטו פֿון מיר?... —

אין זיין קול האָבן זיך ווי טרערן געהערט.

— דו ביזט היינט טאַקי משוגע, טשעפּעסט זיך צו... נו וואָס ווילסטו? — האָט גרונע זיך געבייזערט.

— קויף מיר אָב אַ פּאָר שיטערע אייער, — האָט דער חזן שטיל געבעטן.

— נאַ דיר אַ כייעם יום־טוב! — האָט זי זיך ווידער צושריען. — אין מיטן מיטוואָך — אייער! דאַרפֿסט דען שבת „דאַוונען"? עס איז איצטער אַזאַ יקרות — אַ פֿינפֿער איין איי.

— גרונע! — האָט דער חזן געפּאָדערט — עס מעג זיין אַ רובל איין איי, צוויי רובל, פֿינף רובל, הונדערט רובל, הערסט! קויף מיר אָב צוויי שיטערע אייער און רעד נישט!

— ביזט דאָך טאַקי אַ גרויסער פֿערדיענער! — האָט זיך גרונע געקרימט.

— דו מיינסט שוין טאַקי, אַז אוים!... — האָט דער חזן זיך געשטאַרקט — ניין, גרונע!..

ער האָט איהר געוואָלט זאָגן, אַז ער ווייס נאָך ניט אויף געוויס, אַ גליער שלאָגט נאָך, עס קען זיין, אַז איהם דאַכט זיך נאָר, עס איז אפשר נאָר אַן איינבילדעניש, אָבער ער האָט דאָס

מורא געהאט צו אויסרעדען און גרונע האט ניט פערשטאנען. וואס ער שטאמעלט, זי האט געקוועטשט מיט די פלייצעס:

— מיינע שונאים!..

זי איז אוועקגעגאנגען אבקאכען אייער. דער חזן האט דער־ווייל זיך צעזונגען. ער האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו יעדער טאן, ווי ער וואלט זיך אליין עקזאמינירט; ווען ער איז ניט געווען אימשטאנד צו בעקומען די הויכע אקטאווע, האט ער זיך פערצווייפעלט צושריען:

— גרונע, דערלאנגט גיכער די אייער!...

אין די אייער האט דער חזן איצטער געזעהן זיין איינציגע רעטונג...

די חזנ'טע האט איהם מיט א ברוגז־פנים צוגעטראגען די צוויי אייער און האט בייז ארויסגעברומט:

— נא, אייערלעך ווילט זיך איהם... מען דארט און מען קווארט...

דער חזן האט פאר איהר געוואלט אויסגיסען זיין הארץ, זאל זי ניט מיינען, אז ער מיינט טאקי די אייער, ער האט איהר געוואלט זאגען: גרונע, איך בין, דאכט זיך, פארביי!... ער האט זיך אבער געשטארקט און זיך איינגעהאלטען.

— „טאמער דאכט זיך מיר נאר", האט ער געטראכט.

און ער האט זיך אהן ווערטער גענומען טרינקען די איי־ער, ווי א רפואה.

אויסטרינקענדיג די אייער, האט ער געפרופט מאכען א פאר קונציגע חזנישע „שטייגערס". איהם האט זיך עס איינגע־געבען, און ער איז פרעהליכער געווארען.

— נישקשה, גאט לעבט! — האט ער געטראכט — ניט אזוי גיך פערליר איך מיין קול... מאלע וואס „מאיר ליעדער".

— ער איז געווען א שכור... איך טרינק נישט, אויף א ברית נאר אביסעל וויין!...

עס האט זיך איהם געוויזען אפעטיט און ער האט געשלונ־
גען א ביסען נאך א ביסען. —

נאר זיין פרעהליכקייט האט לאנג נישט געדויערט, דער
פריהעדיגער נישט געראטענער „מות" האט איהם אין די אוי־
ערן א קלונג געטהאן און די „מרה־שחורה" האט זיך ויעדער אנ־
געהויבען.

---

די מורא צו פערליערען דעם קול האט דעם חזן זיין גאנץ
לעבען געמוטשעט. זיין איינציגע זארג, זיין איינציגער רעיון
איז געווען: וואס וועט דאס זיין, ווען ער וועט ווען עס איז דעם
קול פערלירען? איהם האט דאס שוין אפילו אמאל געטראפען.
ער איז דאמאלס געווען אלט זיבעצעהן יאהר און האט געהאט
א טענארען־שטים און האט פלוצים עס פערלארען. נאר
דאמאלס האט דאס איהם ניט געארט. פערקעהרט, עס האט נאך
איהם הנאה געטהאן, ער האט געוואוסט אז דאס בייט זיך זיין
שטים און ער וועט אין א האלב יאהר ארום בעקומען א באַ־
ריטאן, אויף וואס ער האט מיט אונגעדולד געהאפט. אז ער האט
בעקומען דעם באריטאן, האט ער געוואוסט, אז אויב ער וועט
איהם פערלירען איז שוין פערפאלען, קיין אנדער שטים קריגט
ער ניט. און ער האט דעריבער שטארק דעם קול געהיט, ווער
רעדט אז ער איז געווארען א „בעל־הבית'ל" און האט אנגענומען
קלעמענקער חזנות, האט ער ניט צוגעלאזט צום „האלז", אז א
ווינדטעל זאל א בלאז טהאן; אין די גרעסטע היצען איז ער
געגאנגען פערבונדען מיט א פאטשיילע. אייגענטליך האט ער
דעם קול ניט געהיט פאר די קלעמענקער בעלי־בתים. ער איז
געווען זיכער, אז ווען ער וועט אפילו אין גאנצען דעם קול פער־
ליערען, וועלען איהם די קלעמענקער בעלי־בתים פון חזנות נישט
אבזאגען, זיינע שכירות וועט ער אלע מאל האבען, ווייל סיי ווי
סיי טראגט מען איהם די שכירות אין שטוב ניט אריין, נאר ער

מוז אַלע פרייטאג געהן פון שטוב צו שטוב אַליין מאַהנען, און קלעמענקער אידען זיינען ווייכהערציג, זיי זאָגען קיינעם נישט אָב, ווער עס שטרעקט נאָר אויס די האַנד. דעם קול האָט ער געהיט און געשראָקען זיך פאַר'ן פערלירען איהם, נאָר אויס ליעבע צום זינגען. פון די קלעמענקער בעלי־בתים האָט דער חזן שטארק געהאַלטען. אזוינע אידען זיינען אין דער גאַנצער וועלט ביטאָ, נאָר אין הלכות „נגינה" זייגען זיי גרויסע עמי־הארצים, ממש בהמות, זיי האָבען קיין שום געפיהל ניט, און ווען ער פלעגט מאַכען, פאַר'ן עמוד דאַוונענדיג, קונציגע שטיי־גערס, רייסען זיך אויף דער העכסטער אקטאַווע, איז דאָס נאָר געווען פ א ר ז י ך, ער האָט אַליין דערפון גרויס הנאה געהאַט, אויך פאַר די 8 זינגער זיינע, אין וועלכע ער האָט די גאַנצע וועלט געזעהען. די זינגער זיינען איהם געווען איינגע־באַקען טיעף אין הארצען און ווען א זינגער פלעגט איהם זאָ־גען: „אי חזן! אי זינגט איהר!" פלעגט ער זיין אויף דער העכסטער מדרגה פון גליק.

די אַלע זינגער זיינען געווען אַנגעפּאַהרענע פון פערשיע־דענע שטעדט און שטעדטלעך, און זייערע אַלע שמועסען און מעשיות האָבען זיך נאָר געדרעהט און געוויקעלט אויף חזנים און נגינה. די מעשיות און לעגענדען זיינען געווען דעם חזנ'ס „זוהר". ער פלעגט זיך נאָך יעדער מעשה שטארק פערטראַכטען און פלעגט ארויסלאָזען א טיעפען זיסען זיפץ:

— א קליינינקייט נגינה! א שפּילכעלע צו זאָגען — א גע־פיהל!...

און איצטער, ווען דער חזן האָט אַנגעהויבען מורא צו האָ־בען פאַר'ן קול, האָט זיך איהם אַלץ געדאַכט, אז די זינגער זיי־נען גאָר אַנדערע — שלעכטע! זיי מוזען פון איהם, אונטער די אויגען, לאַכען.. און ער האָט זיך אַנגעהויבען היטען פאַר זיי, ניט צו נעהמען פאַר זיי א הויכען טאָן, זיי זאָלען ניט דערקאָנען,— און ער האָט דערפון נאָך מעהר געליטען.

און וואָס וועלען זאָגען די אָרומיגע חזנים? דער געדאַנק האָט דעם חזן נאָך מעהר געמוטשעט. — ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַ שם ביי די אַרומיגע חזנים, מען האָט פון איהם שטאַרק געהאַלטען, וועגען זיין קול האָט מען פיעל גע־רעדט. איהם פלעגט זיך מאַהלען פאַר די אויגען, ווי עס שטעהט אַ קופּקעלע חזנים און רעדען שטיל און שאָקלען טרויעריג מיט די קעפּ; דאָס בעדויערן זיי איהם.

— נעביך, נעביך, איהר האָט געהערט, דער קלעמענקער חזן...

ביי דעם געדאַנק פלעגט ער זיך אינגאַנצען פערליערען.

— „און אפשר דאַכט זיך מיר נאַר!" פלעגט ער זיך אין אַזוינע שרעקליכע מינוטען אָנהייבען טרייסטען און ער פלעגט גלייך אָנהויבען זינגען, פּרובּען זיך נעהמען די העכסטע נאָטען. ער האָט אָבער פון שרעק פערלאָרען דאָס געהער און ער האָט ניט געקענט משער זיין, צי איז ביי איהם דער קול ווי גע־העריג, צי ניט.

אין פערלויף פון צוויי וואָכען איז זיין פּנים געוואָרען בלאַס, און מאָגער, די אויגען טיעף איינגעגראָבען, און ער האָט גע־פיהלט, אַז איהם געהען אויס די כחות.

— וואָס איז מיט אייך, חזן? — האָט איהם אין דער צייט אַ זינגער אַ פרעג געטהאָן.

— הא, וואָס איז מיט מיר? — האָט זיך דער חזן דער־שראָקען, מיינענדיג, אַז מען איז שוין זיך דערגאַנגען — וואָס זאָגסטו איז מיט מיר? דו ווייסט דען עפּעס, הא?...

— ניין, איך וויים ניט, דעריבער פרעג איך דאָס אייך: וואָס זענט איהר אַזוי צורודערט?

— צורודערט. זאָגסטו, צורודערט, מעהר ניט ווי צורודערט, הא? מעהר ניט?!...

— דער חזן מוז „קלערען" וועגען אַ גרויסאַרטיגען יום־נוראים׳דיגען שטיק — האָבען די זינגער זיך משער געווען.

עס איז פערגאנגנען נאך א חודש און דעם חזן האט דער שרעק אלץ ניט אבגעלאזען. עס איז איהם נמאס געווארען דאס לעבען.

וואלט ער שוין וויסען, אז ער האט געווים דעם קול פער־לארען, וואלט ער זיך אפשר בערוהיגט. פערפאלען! א מענש קען אייביג ניט לעבען (פערלירען דעם קול און שטארבען איז ביין חזן אלץ איינס געווען), נאר די ספקות, דאסווארפען זיך צווישען יא און ניין, דאס בלאנזשען אין „עולם־התוהו", דאס אלץ האט דעם חזן ביטער געמאכט דאס לעבען.

איינמאל, א דאנערשטאג פאר שבת מברכים האט דער חזן בעשלאסען צו דערגעהן דעם אמת—ער קען שוין מעהר ניט פער־טראגען.

עס איז געווען פאר נאכט, דאס ווייב איז אוועק אין יאטקע נאך פלייש און די משוררים זייגען זיך צוגאנגען, עס איז נאר געבליבען דער חזן מיט'ן עלטסטען זינגער — יוסיל באס.

דער חזן האט אויף איהם געקוקט, געעפענט דאס מויל און צוריק פערמאכט, עס איז איהם געווען שווער ארויסצורעדען דאס וואס ער וויל. ענדליך האט ער ניט אויסגעהאלטען:

— יוסיל!

— וואס איז, חזן?

— זאג מיר, דו ביזט איין עהרליכער מאן?

יוסל האט אויסגעשטעלט די אויגען אויף דעם חזן און האט געפרעגט:

— וואס עפיס היינט פרעגט איהר מיך, חזן?

—ברודער, יוסיל! — האט זיך דער חזן שיער ניט פר־נאנדערגעוויינט, — ברודער, יוסיל...

ער האט מעהר א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען.

— חזן, וואס איז מיט אייך?

— ברודער, יוסיל! זיי איין ערליכער מאן און זאג מיר דעם אמת, דעם אמת...

— איך פערשטעה ניט, וואס איז מיט אייך, חזן ?!

— זאג מיר דעם אמת, דו בעמערקסט אין מיר עפעס א פערענדערונג ?

— זעהר ! — האט יוסיל געענטפערט, קוקענדיג ווי דער חזן איז בלייך און דאר — זעהר א גרויסע פערענדערונג...

— איצטער זעה איך, אז דו ביזט אן עהרליכער מאן, זאגסט דעם אמת אין די אויגען, ווייסט, ווי לאנג דאס איז שוין ?

— דאס וועט שוין זיין באלד א חודש, — האט דער זינגער געענטפערט.

— יא, ברודער, א חודש, א חודש, איך האב אבער גע־פיהלט...

דער חזן האט אבגעווישט דעם שוויס, וואס האט בע־דעקט זיין שטערען און האט ווייטער געזאגט :

— און ווי רעכענסטו, יוסיל, שוין טאקי פערלארען אויף אלע מאל ?

— וואס פערלארען ? — האט יוסיל געפרעגט, אנהוי־בענדיג צו פערשטעהן גאר עפּיס אנדערש.

— נו, וואס פרעגסטו נאך ?... הא ?... וואס קען איך פער־לירען ? געלד ! קיין געלד האב איך ניט — איך מיין, פער־שטעהט זיך, דעם קול.

דא האט שוין יוסיל אלץ פערשטאנען, ער איז געווען צו פיעל זינגער ער זאל דאס ניט פערשטעהן. מיט רחמנות'דיגע בליקען האט ער געקוקט אויפ'ן חזן, און האט געפרעגט :

— געוויס ?

— וואס, געוויס ? ! — האט זיך דער חזן ערמונטערט — עס קען זיין, אז ניט געוויס ? אדרבה, אדרבה, הלואי זאל דאס טאקי זיין א טעות.

יוסיל האט געקוקט אויפ'ן חזן און ווי א דאקטאר בע־געהט זיך מיט זיינעם א חולה, איז ער זיך מיט איהם בעגאנגען:

— גנעהמט „דאַ“! — האָט ער געקאָמאַנדעוועט.

דער חזן האָט געהאַרכזאַם, ווי אַ שילער, געצויגען „דאַ“.

— ציהט, ציהט! פיער פערטעל — ציהט; — האָט יוסיל געקאָמאַנדעוועט, איינהערענדיג זיך מיט אויפמערקזאַמקייט.

דער חזן האָט געצויגען.

— איצטער, זייט מוחל, נעהמט „רע“!

דער חזן האָט געצויגען: רע־רע־רע! דער זינגער האָט זיך אָבגעשטעלט, טיעף פערטראַכט און האָט באַלד מיט אַ טרויריגען טאָן ארויסגעזאָגט:

— עס איז ניט „דאָס“... פערלאָרען!...

— טאַקי אויף אייביג? — האָט דער חזן אויסגעשטעלט די צוויי דערשראָקענע אויגען.

— וואָס דען, אַ יונגעלע זענט איהר, נאָך אַמאָל וועט איהר דען בעקומען אַ שטים? ! אין אייערע יאָהרען איז שוין פערפאַלען!

דער חזן האָט פערבראַכען מיט די הענד, אַ וואָרף געטהאָן זיך צום טיש און אַריינלעגענדיג דעם קאָפּ אין די הענד האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ קינד.

אויף מאָרגען האָט דאָס גאַנצע שטעדטעל שוין געוואוסט פון דעם אונגליק, אַז דער חזן האָט פערלאָרען דעם קול.

— אויך אַ געשעפט! — האָט יעקב דער שענקער, אַ פיינער בעל הבית, געמאַכט עס צו קליין־געלד — וועט ער „שבת מברכים“ וועניגער האַלטען דעם עולם מיט זיין זינגעכץ — בעט ביי מיר אַ ביטערע ציבעלע פאַר׳ן גאַנצען קול...

# ווייבערשער שרעק

איינגעשלאָפּען איז חייענע מיט א וואוילער אידעע : מאָר־גען וועט זי, אם ירצה השם, קאָכען אויף מיטאָג ארבעס מיט קארטאָפּעל, עס וועט זיין א „נייס", און איהר לייבע וועט הנאה האָבען.

אז אין קליין שטיבעלע האָט דער בלאָסער טאָג קוים אריינ־געקוקט, האָט זיך שוין חייענע אויפגעכאַפּט. אָבגעוואַשען נעגעל־וואסער, אָבגעזאָגט „ברכה", זיך דערמאָנט אַן דער „וואוילער אידעע", וואָס עס איז איהר פאר'ן שלאָף איינגעפאלען, און האָט זיך גענומען צום ביסעל ארבעס, וואָס האָט זיך געפונען גרייט אין איהר בעל־הבתיש'קייט.

די קינדער און לייבע זיינען נאָך פעסט געשלאָפען. אין שטיבעל איז שטיל געווען. נאָר דער האָהן, וואָס חייענע האָט געהאלטען אויף יום־כפור, האָט אלע 5 מינוט פון קאטוך אויס־געקרעהט זיין קוקעריקו און האָט געשטערט די שטילקייט.

חייענע האָט אויסגעשאָטען אויף א קליין טישטיכעל, וואָס האָט פערדעקט א האַלבען טיש, די ארבעס פון פאַפּיער, האָט אָבגעשארט פון דעם גרויסען קופּקעלע א קליין קופּקעלע און האָט זיך גענומען איבערקלויבען. די ווערמדיגע האָט זי געוואָרפען אין א גלאָז און די ריינע אין א טעלער. יעדעס קופּקעלע האָט זי דריי מאָל איבערגעזעהן, עס זאָל חלילה קיין ווערימדיגער ארבעס נים בלייבען און זי זאָל דערמיט יענע וועלט נים פערשפּיע־

לעז, ווייל א ווערימדיגער ארבעס איז צעהן מאָל מעהר טריף ווי חזיר. אזוי האָט איהר די מאַמע אמאָל געלערנט, ווען זי איז נאָך א מיידעל געווען.

אז זי האָט איבערגעקליבען א העלפט פון די ארבעס, האָט איהר אין די אויגען אָנגעהויבען צו פינטלען. די ארבעס האָט ווי א נעפּעל פערדעקט און דאָס קלויבען איז איהר שווער געוואָרען. יעדען ווערימדיגען ארבעס האָט זי מעהר אָנגעטאַפּט מיט די הענד, איידער אָנגעקוקט מיט די אויגען.

— עפּעס איז מיר טונקעל אין די אויגען! — האָט זי זיך דערשראָקען און זי איז ניט געווען זיכער מיט יעדען ארבעס, וואָס זי וואַרפט איהם אין טעלער אריין פאר א ריינעם.

לכתחילה האָט זי בעאונרוהיגט דער געדאַנק, אז זי נעהמט אזא זינד אויף זיך, ניט דערזעהענדיג קען זי חלילה אריינוואַרפען ווערימדיגע ארבעס אָנשטאָט ריינע. באלד איז אָבער צו דעם שרעק נאָך א גרעסערער צוגעוואַקסען: זי איז ערשט אלט ביי א יאָהר אכט און דרייסיג און די אויגען זיינען איהר שוין אזוי טונקעל.

זי האָט זיך דערמאָנט, אז די לעצטע צייט, ווען זי לייענט שבת ביי טאָג דעם „טייטש חומש" און צעוויינט זיך ביי די אָרמעטיגע ערטער, פערציהען זיך איהר אלע אותיות, ווי מיט א שלייער און מיט גרויס מאַטערניש קומט איהר אָן נאָכדעם ווייטער צו לייענען.

— אויסגעוויינט די אויגען פאר דער צייט! צו אכט און דרייסיג יאָהר! — האָט זי געזיפצט, זיצענדיג מיט א געבויגענעם קאָפּ ביי דעם קופּקעלע ארבעס.

און היינטע האָט זיך דערמאָנט, אז איהר גאַנץ לעבען איז אוועק אין טרעהרען. מיידעל־ווייז האָט זי געוויינט ביי יעדע פאָר שיך, ביי יעדען קליידעל, וואָס דער אָרימער טאַטע האָט איהר געדאַרפט מאַכען; כלה־ווייז האָט זי געוויינט ביי יעדער עקשנות פון חתן, וואָס האָט אלץ געסטראַשעט אָבשיקען די

תנאים, אויב מען וועט איהם ניט געבען דאָס און יענעס; אונטער דער חופה שטעהענדיג האָט זי געוויינט, דערמאָנענדיג זיך מיט וועמען זי פערבינדט זיך; נאָך דער חתונה האָט זי געוויינט, ווען לייבע האָט אויף איהר דעם ערשטען ברוגז געטהאָן. היינט ווער קען צעהלען די טרעהרען ביי׳ן „טראָגען“, ביי׳ן „האָבען“, ביי די קינדערס קראנקע „וויעגעליך“... ביי די יונגע קברים׳לעך“, וואָס זי פלעגט אלע תשעה באב בעזוכען.

— אַ היבש ביסעל טרעהרען! — מאכט זי א סך הכל און זיפצט.

נאָר באלד דערמאָנט זי זיך, אז עס איז נאָך ניט גאָר. ניט וועניג טרעהרען האָט זי ביים טייטש־חומש געלאָזען: ביי עקדת־יצחק, ביי „מכירת יוסף“, ביי פרעה׳ס „גזרה“ — ארייג־ווארפען די אינגלעך אין טייך, ביים חורבן בית המקדש... דער גאנצער „טייטש חומש“ איז געל...

נאָך געלער פון אלע זיינען די בלעטער פון דער פרשה „ויצא“, וואו עס דערצעהלט זיך מיט רחל און לאה׳ן, ווי יעקב אבינו האָט רחל ליעבער געהאט פאר לאה׳ן, ווייל לאה האָט געהאט שוואכע אויגען, זי האָט זיי אויסגעוויינט מיידעל־ווייז מורא האָבענדיג, אז עשו הרשע זאָל ניט זיין איהר מאַן, ווי זי האָט ברוח הקודש געזעהן.

— דאָס הארץ האָט מיר דאמאָלס געזאגט! — לויפט דורך איין חייענעס קאָפּ, דערמאָנענדיג זיך די טרעהרען, וואָס זי האָט אויף לאה׳ס מזל פערגאָסען.

און חייענען האָט זיך איצט געדאכט, אז לייבע וועט זי פון היינט אָן נאָך מעהר פיינד האָבען (מה־דאָך יעקב אבינו אזא צדיק!...), ער וועט נאָך מעהר ברומען און נאָך אָפטער חוזק מאכען: „יפיפיה“. און ווער ווייס: אפשר וועט ער זי נאָך אמאָל א רוף טהאָן „בלינדע!“

דער לעצטער געדאנק האָט זי א שטאָך געטהאָן. זי האָט זיך געסטארעט איהם צו פערטרייבען און האָט אָנגעווענדעט

אלע פעהיגקייטען פון די אויגען איבערצוקלויבען ריין דעם רעשט ארבעס.

— עס איז נאך פינסטערליך, זעה איך נים אזוי גוט! — האט זי זיך געטרייסט.

זי האט אבער א קוק געטהאן אין פענסטער און האט דער־זעהן, אז אויף דער גאס איז שוין גוט ליכטיג, און די טרייסט איז איהר פערשוואונדען.

*

אין א שעה ארום זיינען שוין אלע אין שטיבעל אויפגע־שטאנען. די עלטערע טאכטער, יענטיל, א מיידעל פון א יאהר זעכצעהן, האט זיך געשווינד אנגעטהאן און גענומען זיך העלפען דער מאמען, וועלכע האט שוין אין אויווען איינגעהייצט.

— מאמע, וואס זאל איך טהאן? — האט יענטיל גע־פרעגט.

חייענע האט זיך אומגעקוקט אין אלע פיער ווינקעלעך, ווי זי וואלט א סוד וועלען זאגען, און אז זי האט דערזעהען אויף זיכער, אז ליבע איז שוין נישטא, האט זי שטיל און שוואך, ווי זי וואלט ערשט פון א קרענק אויפגעשטאנען, געענטפערט:

— זעה איבער, מיין גאלד, די ארבעס.

— דו האסט נאך נים איבערגעקליבען, הא, מאמע?

—איך האב אפילו יא איבערגעקליעבען, אבער א קשיא אויף א מעשה — טאמער האב איך געלאזען ווערימדיגע. די אוי־גען, מיין קינד, דיענען מיר שוין נישט. מען קען זיך נאך חלילה מיט „טרפות“ אנעסען — א ווערימדיגער ארבעס איז טריפה, ווי חזיר...

יענטיל האט זיך געזעצט ביים טיש איבערצוזעהן נאך אמאל די ארבעס און האט אלע וויילע אנגעזאגט דער מאמען ווי מיט א שמחה:

— אט איז א ווערימדיגער... אט איז נאך איינער!... אוי,

וואָס ווערימדיגע ארבעס דו האָסט, מאמע, געלאָזען! וואָס איז דאָס עפּיס?

די פראגע האָט חייענען געשניטען ווי מיט א טעמפּען מע־סער איבער׳ן הארצען און זי האָט געענטפערט ווי מיט גאל:

— איך זעה שוין ניט!

יענטיל האָט אויסגעשטעלט דערשראָקען די אויגען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— דער טאַטע וועט מיך גט׳ן!... — האָט זי צוגעגעבען מיט א געמאכטען שמייכעל.

— אי, רעד ניט, מאמע! — האָט די טאָכטער זיך שמערצ־ליך פערקרימט.

— וואָס איז, נארעלע, — עס טרעפט ניט?... — האָט חייענע, אליין ניט וויסענדיג פאר וואָס, אלץ געשראָקען איהר קינד, — דער טאַטע איז נאָך א יונגער מאן און איך בין שוין אן אלטע יודענע — איך זעה שוין ניט...

— גוואלד, געוואלד, מאמע! — האָט זיך יענטיל צושריען ווי מיט כעס און האָט קוים זיך איינגעהאלטען, ניט צו פונאנ־דערוויינען זיך...

---

חייענעס אויגען זיינען וואָס א וואָך אלץ טונקעלער געוואָרען, און איהר שרעק איז אלץ גרעסער געוואָרען. עפּעס האָט זיך איהר געדאכט, אז לייבע ווערט צו איהר וואָס א טאָג קעלטער, קוקט ניט אין איהר זייט, און ווי ער עסט אָב, געהט ער אוועק אין מארק.

אויסער איהר שרעק פאר׳ן מאן, האָט זי געליטען שבת אין שוהל ביים דאוונען און איבערהויפּט ביי די „תחינות“. מילא די תחינה ביים „אויסנעהמען“ האָט זי שוין געקענט אויסווענינ; אז עס פלעגט אָבער קומען א „שבת מברכים“ און מען פלעגט דארפען לייענען די תחינה פאר ראש־חדש בענטשען, פלעגט זי מיט קנאה קוקען אויף די ווייבליך אין איהרע יאָהרען, וואָס זיצען, ווי די שררה׳טעס מיט די תחינות אין די הענד און לייע־

נען ווי א וואסער און וויינען. זי פלעגט דאן די תחינה צו־טראגען, וואס נעהענטער צו די אויגען, בעמיהען זיך ניט צו וויינען (האטש, מישטיינס געזאגט, וואס פאר א טעם א תחינה האט אהן טרעהרען — אלץ איינס ווי א חתונה אהן כלי־זמר...) נאר דאס האט איהר ווייניג געהאלפען: די אותיות פלעגען זיך ווי צוזאמענגיסען און זי פלעגט קוים א ווארט דערזעהן, אויסער די גרעסערע ווערטער, וואס שטעהען פון אנהויב, ביי יעדער „רבונו של עולם“. נאר די גרעסערע ווערטער זיינען לשון־קדש, זיי זיינען טאקי מעהר הייליג, די מצוה וואס מען האט פון זיי איז נאך אפשר אויף יענער וועלט גרעסער, דאך זיינען זיי איהר עפעס פרעמד, זי פערשטעהט זיי ניט... א י ה ר ע ווער־טערליך, וואס זיינען געדרוקט מיט קליינע אותיות׳ליך ווי פע־רעליך, וועלכע רעדען צו איהר הארצען און זיינען איהר אזוי גאהענט און ליעב, — אט די אותיות׳ליך ווילען איהר מעהר ניט דיענען, ווי זיי וואלטען ברוגז אויף איהר געווארען, און ווי זי הויבט זיי אן צו „זאגען“ הויבען זיי אן צו שפרינגען און בע־האלטען זיך אונטער א שווארצען שלייער..

— מיט וואס האב איך אזוי פערזינדיגט ביי דיר, רבונו של עולם? — וויינט חייענע אין דער שטיל, זיצענדיג אין שוהל ביי דער תחינה — וואס האסטו מיר אזוי יונג גע־שטראפט, טאטע זיסער!...

און שבת ביי טאג איז איהר איינציגער פערגעניגען און טרייסט, וואס זי פלעגט געניסען פון „טייטש־חומש“, אויך אבגענומען געווארען. זי פלעגט אפילו אבזיצען ביי איהם די זעלבע צייט, וואס אלע מאל, זי האט מורא געהאט, אז לייבע זאל ניט א חשד ווארפען אויף איהרע אויגען, אויב זי וועט גאר ניט לייענען. נאר אנשטאט, וואס אלע מאל פלעגט זי לייענען און וויינען צוזאמען, פלעגט זי היינט וויינען אליין אויף איהר פריהצייטיגען ועלקען, און לייבע פלעגט ניט איינמאל בררמען, צובענדיג זיך פון שלאף נאך׳ן שבת׳דיגען טשאלענט:

— וואָס האָט זי זיך דאַרטען צויאַכמערט, מיין „צדקניות“ ?...

„אַלטע יודענע! פלעגט חייענע אַבקלינגגען אין די אויערען און זי פלעגט שטילער ווערען...

---

איהר „פעהלער“ האָט זי איינמאָל אין שוהל שבת פערטרויט דער „רבי'צין“, אַ אידענע, וואָס האָט אויסגעזעהן געעלטערט פאַר דער צייט, מיט אַ געקנייטשט פּנים, מיט שוואַרצע גוטע אויגען, וועלכע האָבען פרום און טרויריג געקוקט, אונטער די שפּאַקולען, וואָס זי האָט געטראָגען ביי די תחינות, ווי זיי וואָלטען אויסגעדריקט עפּעס אַ בענגשאַפט, אַ ציהעניש צו אַנדערע וועלטען.

— וואָס טהוט מען רבי'צין? — האָט זיך חייענע געווענדעט צו איהר בשעת „קראַת התורה“. — איך זעה שוין ניט ווי צו לייענען.

— איז וואָס, מיין טאָכטער, — האָט זי די רבי'צין געטרייסט — קויף אַ פּאָר שפּאַקולען ווי מיינע...

חייענע האָט אַ ציטער געטהאָן.

— עס קאָסט סך הכל אַ גילדען און עס עפענען זיך די אויגען! — האָט די רבי'צין ווייטער געזאָגט, בעמערקענדיג חייענעס פערלעגענהייט.

— איך בין, רבי'צין, ערשט אַכט און דרייסיג יאָהר אַלט!

— האָט חייענע שוואַך אַרויסגערעדט — איך שעם מיך...

— איך גלויב דיר, מיין טאָכטער, איך האָב מיך אַמאָל אויך געשעמט... נאָר וואָס זאָג איך אַמאָל? ערשט צוויי יאָהר, אַז איך טראָג זיי... אודאי שעמט מען זיך לכתחילה, וואָס זאָל מען אָבער טהאָן? — מעסט אָן אויף טשיקאַוועס מיינע שפּאַקולען, דאַכט זיך, זיי וועלען זיין גוט אויף דיר.

און די רבי'צין האָט אַראָבגענומען פון איהר שמאָלע נאָז

די שפּאַקולעז, און האָט מיט א ליעבליכען שמייכעל אַנגעטהאָן זיי אויף חייענעס נאַז...

חייענען האָבען זיך געביטען די פאַרבען, דאַ איז זי רויט און דאַ בלייך געוואָרען, ווי עס טרעפט מיט א יונג־מיידעל, ווען זי מעסט אָן אַ מאַנסבילישע היטעל...

— נו, פּרוב אין זיי אביסעלע לייענען דאַ אין מיין תחינה.

די רבי'צין האָט איהר אונטערגעטראָגען די תחינה און חייענע האָט מיט א קלאַפּענדען הארצען אריינגעקוקט.

— נו? האָט די רבי'צין געפרעגט, ווי א דאָקטאָר — זעהסט?

— שייך, איך זעה! — האָט חייענע געענטפערט פרעה־ליך. עס איז מיר ליכטיג אין די אויגען געוואָרען, פונקט ווי א חדש נאָך דער חתונה...

„רבונו של עולם — האָט חייענע אָנגעהויבען לייענען — „הארר פון אלע וועלטען, דערפיל דאָס בעגעהר פון מיין הארץ צו גוטען און טהו אויסציהען מיין רצון און טהו געבען מיין געבעט און דיין שכינה זאָל אויף אונז טהאָן רוהען און מאַך צייגען אויף אונז איין געמיטה פון קלוגהייט און פערשטאַנד און עס זאָל מקוים ווערען אויף אונז דער פסוק: ונחה עליו און עס וועט אויף איהם רוהען א געמיטה פון גאָט און א גע־מיטה פון חכמה"...

— דאַ לייענסטו אלע שבת — ביזטו געניט — האָט די רבי'צין איבערגעשלאָגען, פון דאנען איז נאָך קיין ראיה ניט, אז דו זעהסט אין די שפּאַקולען. נאַ לייען אָט דאַ אין דער תחינה — עס איז א שפּאַגעל נייע תחינה, דו האָסט זי נאָך קיינמאָל ניט געהאט.

די רבי'צין האָט פערדריכט אויף חייענעס נאַז די שפּאַקו־לען, געמאַכט איהר א בעמערקונג, אז מען דארף זיי טראָגען העכער, חייענע האָט קרענקליך א שמייכעל געטהאָן און האָט זיך אָנגעהויבען לאָזען עקזאַמינירען אין דער שפּאַגעל נייער תחינה:

„רבונו של עולם, הערר פון אלע וועלטען, וואס דו ביזט דער בעשעפער פון מענשען און האסט איהם בעשאפען א גוף מיט א נשמה דער גוף איז עפר מן האדמה...“

— שטויב פון דער ערד... — האט די רבי’צין אונטערגע־חאפט, ווי א דארשטיגער חאפט די קווארט פון א צווייטענס האנד, ווען יענער האלט אין טרינקען...

„שטויב פון דער ערד — האט חייענע פארטגעזעצט, אריינגעהענדיג אלץ מעהר אין א טרויעריגען תהינה־נגון — „און די נשמה איז גענומען געווארען פון אונטער דיין הייליגען כסא הכבוד און ווען דער מענש שטארבט שיידען זיי זיך פער־נאנדער, יעדערער געהט אוועק צו זיין ארט, דעם גוף לעגט מען אין קבר...“

— וואס דען! — האט די רבי’צין איבערגעשלאגען — אודאי אין קבר! מען האלט נישט דעם זינדיגען גוף...

„דעם גוף לעגט מען אריין אין קבר און ער ווערט פער־פוילט און ער ווערט אומגעקעהרט צו דער ערד...“

— נו, גענוג! — האט די רבי’צין איבערגעשלאגען. — זעהסטו, ווי אזוי דו לייענסט אין שפאקולען!

— שייך, איך זעה, ממש ווי ניי געבוירען — האט חייענע זיך ענטציקט — ווי א חדש נאך דער חתונה.

— אט וועסטו קויפען, אם ירצה השם, נאך שבת א פאר שפאקולען, וועלען זיך עפענען דיינע אויגען.

חייענע האט זיך טרויריג פערטראכט. פיהלענדיג אויף דער נאז די שפאקולען, האט זיך איהר געדאכט, אז זי זעהט אוים אלט און מאוס... און איהר האט זיך פארגעשטעלט, ווי זי זיצט שבת ביי טאג, ביים טייטש־חומש, — די שפאקולען אויף דער נאז און לייענט. לייבע שטעהט אויף פון שלאף, געהט צו צום טיש, קרימט זיך בייז קוקענדיג אויף איהר און מורמעלט:

— אלטע באבע!

זי וועט זיך ניט קענען איינהאלטען: „דיר ניט געפעלען! — וועט זי איהם ענטפערן — „קענסט מיך גט'ן, אז דו ווילסט“.

— חאַטש מארגען! וועט זיך לייבע אָנחאַפּען מיט שמחה.

און לייבע וועט האלטען ווארט, וועט זי שלעפּען צום רב אויף מארגען און וועט איהר אין א האלבע שעה אַב'גט'ן (ווי־פיעל געדויערט עס דען?...) קיין כתובה וועט ער איהר ניט געבען — ער האָט ניט וואָס, וועט זי אויף מארגען נאָכ'ן גט ווע־רען אזא אונגליקליכע, ווי חאַשע די „עגונה“ וואס דער מאן האָט זי אוועקגעוואַרפען, און זי געהט אום אין אלע בעל־בתי'שע הייזער און בעט מיט טרעהרען מען זאָל איהר געבען גרעט וואַ־שען, גענז פליקען, דייזשעס קנעטען...

חייענע האָט אָנגעהויבען צו שווידערן. זי האָט אריינגע־קוקט דורך די „פענסטערליך“ אין דער מאַנסבילשע שוהל. לייַ־בע איז געשטאַנען נעבען זיין „שטאַדט“, דער טלית פערוואַרפען פראנטיש איבער די אקסלען, האָט געגלעט צופריעדען דאַס קליין־שווארץ בערדיל און האָט, ווי געשמייכעלט.

— נאָך גאָר א יונגער מאַן — האָט זי קוקענדיג אויף איהם געטראכט — ער וועט נאָך געהמען א מיידעל...

דער געדאנק האָט איהר א קלאַפּ געגעבען.. זי האָט גע־שווינד, ווי עס וואלט א דונער געטהאַן, זיך אַבגערוקט פון די „פענסטערליך“.

— נאָט אייך די שפּאקולען! — האָט זי זיך געווענדט צו דער רבי'צין און אראָבגעריסען געשווינד פון נאָז די שפּאקו־לען, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט ראטעווען פון א גרויסער סכנה, וואָס איהר שטעהט פאָר...

— נו, וועסט אם ירצה השם, קויפען שפּאקולען מארגען. הא? — האָט די רבי'צין בעזאָרגט געפרעגט.

— ניין, רבי'צין! עס וועט איבערגעהן... — האָט חייענע געשטאמעלט פאר שרעק — איך בין ערשט אלט אכט און דריי־סיג יאהר, עס איז נאָך פריה... „מיינער“ זעהט נאָך גאַנץ גוט...

איך וועל ביי א דאָקטאר א פרעג טהאָן.... מען זאָגט, עס איז פארהאן צו אויגען אזא וואסער... עס ווילט זיך, טהייערע רבי'צין, ניט ווערען יונגערהייט קיין באָבע, עס ווילט זיך ניט...

חייענע האָט זיך אָבגעהאקט, ווי זי וואָלט א גרויסע נאַרישקייט ארויסגערעדט.

די רבי'צין האָט אויף איהר אויסגעשטעלט די אויגען, נעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזיפצט:

— אוי, זינדיגע ווייבער!

# אויף מבינות

די כלה האָט מען אַראָבגעבראַכט אויף די אַנדערע טעג יום־טוב. זי איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע, דאָס געזיכט אַ קליינס, די אויגען שוואַרצע מיט אַ פאַרלאָשענעם גלאַנץ, און עס איז אין זיי געלעגען אַ טרויעריגער ערנסט, עפּעס אַ מין יאוש.

די תנאים זיינען געווען מיט אַ חדש צוריק. דעם חתן׳ס פאָטער איז אויף די תנאים ניט געפאָהרען, ער האָט קיין צייט ניט געהאַט. און אַנב האָט די מחותנת׳טע, דעם חתן׳ס מוטער, זיך געהאַלטען, אַז זי איז מעהר מבין אויף אַ כלה ווי ער.

דער וועג איז געווען אַ שלעכטער. די גאַנצע פינף שעה, וואָס די רייזע האָט געדויערט, האָט געגאָסען אַ קאַלטער רע־גען, און אַ ווינט, אַ בייזער, אַ כעסן, האָט געריסען די טוך, אין וועלכע די כלה איז געווען איינגעוויקעלט און אַז ער האָט ניט געקאָנט גובר זיין די טוך האָט ער אַריינגעבלאָזען אונטער דער טוך, און זי איז געקומען צו פאָהרען אַ ידערפרוירענע.

— לאָמיר נאָר אָנקוקען די כלה — עפּעס אַ שעהנע?

— האָט דעם חתן׳ס פאָטער ר׳ חיים, דערהערענדיג אַז די כלה איז געקומען, פרעהליך מיט אַ וויצעלע אויסגערופען.

ער האָט זיך אויסגעצויגען מיט די הענד אין די באָקעס, אויסגעשטעלט זיינע גרויסע סאַרע אויגען און האָט אָנגעהויבען קוקען מיט אַן ערענסטען שמייכעל.

— נישקשה! — האָט ער ענדליך ארויסגעזאָגט און ווייטער זיך גענומען בעטראַכטען, און ענדליך צוגעגעבען:

— חשך אביסעל!

די כלה האָט זיך געסטארעט צו שמייכלען און האָט נעענטפערט:

— איהר וועט מיר גוט צוזעהן וועל איך זיך ביי אייך אין געסט פּאָפּראַווען.

— גערעכט, גערעכט! — האָט ר' חיים צופריעדען אויסגערופען — און ער האָט שוין בעשלאָסען ביי זיך אין געדאנק, אז זי איז ניט קיין נאר.

באלד איז אין שטוב געוואָרען א גרעסערער גערודער. די קינדער, וועלכע זיינען ווער אויפ'ן גאס און ווער אין א צווייטען צימער געווען, זיינען זיך צוזאמען געקומען און אָנגעהויבען אָהן שום צערעמאָניעס ארייגרוקען זייערע גאנצע פּנים'ער אין דער כלה'ס פּנים אריין, כדי איהר בעסער צו בעטראַכטען, און דאָס יונגסטע אינגעל בערטשיק, מיט ניט גאר קיין ריינעם נעזל, האָט זיך אזוי נאָהנט צו איהר צוגערוקט, אז די כלה ווי העפליך זי האָט זיך ניט געוואָלט האלטען, האָט זיך דאָך אבגעקעהרט פון איהם... •

באלד איז א פּערסאָפּעטער פון גאס אָנגעקומען דער חתן.

ער האָט איהר גלייך געגעבען די האנט, געפרעגט מיט האלבען מויל: וואס מאכ.. די איבעריגע אותיות האָט ער פערשלונגען, עס זאָל ניט זיין קענטיג, צי ער „דוטשעט" זי, צי ער „איהרצט" זי און איז זיך געלאָפען איבערטהאָן.

— די כלה מוז וועלען עסען! — האָט דעם חתן'ס מוטער, ביילע, א נארישע אידענע, וואס האָט זיך געהאלטען פאר א גרויסע חכמה, בעמערקט.

— ניין, א דאנק! — האָט די כלה, וועלכע האָט זיך שוין צוגעזעצט, געענטפערט — איך וויל נאָך ניט עסען.

— וואו האסטו געגעסען? — האָט די מחותנת'טע געפארשט.

— ארויספּאַהרענדיג פון דער היים! — האָט די כלה גע־ענטפערט און האָט אַראָבגעלאָזען די אויגען אויף איהר קיי־טעלע, וואָס דער חתן האָט איהר צו די תנאים געגעבען א מתנה.

— די כלה וויל בעסער אַברוהען! — האָט ר' חיים הויך אויפ'ן קול גערעדט, ווייל איהם האָט זיך געדאכט, אז וואָס העכער ער וועט רעדען וועט ער אַלץ מעהר פריינדליכער זיין.

די כלה האָט זיך געפיהלט ווי בעפרייט פון עפּעס שווע־רעס און האָט לייכט אָבגעאָטעמט. זי האָט געוואָלט א הוסט טהאָן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאלטען.

— איך וואָלט זיך טאַקי וועלען צושפּאַרען א ביסעל! — האָט די כלה זיך ארויסגעהאפּט און האָט גלייך חרטה געהאט, ווייל דאָס לעצטע וואָרט האָט זי ארויסגעזאָגט מיט א הייזע־ריגליכען קול און זי האָט בעמערקט ווי די מחותנ־ים האָבען איי־נער אויפ'ן צווייטען א קוק געטהאָן.

דעם חתן'ס מוטער האָט זי אריינגעפיהרט אין א זייטיגען האלב־פינסטערן צימערל, האָט איהר אָנגעוויזען וואו צו לעגען זיך און איז ארויס.

די כלה האָט זיך געפיהלט ווי בעפרייט פון עפּעס און האָט לייכט אָבגעאָטעמט. זי האָט געוואָלט א הוסט טהאָן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאלטען.

אז זי האָט אבער איינגעדרעמעלט•האָט זי זיך פערגעסען וואו זי איז און האָט זיך צוהוסט ווי אין דער היים, פריי און אונגעשטערט.

דער מחותן, ר' חיים, וועלכער איז געשטאַנען נעבען טהיר פון צימערל און האָט זיך איינגעהערט צו יעדען מינדס־טען שאָרך, וואָס דאָרט קומט פאָר, האָט דעם הוסט גלייך דער־הערט, האָט א וואונק געטהאָן צו דער מחותנת'טע און האָט שטיל געזאָגט:

— מיר דאכט, אז זי איז א קראנקע!...

די מחותנת׳טע, וועלכע איז געווען די גאנצע מבינ׳טע אויף דער כלה, האט ניט איינגעשטימט.

— נאך א נייעס! וואס נאך וועסטו אויסקלערען!

— זי איז א קראנקע! — האט זיך ר׳ חיים געהאלטען ביי זיינם.

— געה, געה, משוגענער! — האט שוין די מחותנת׳טע זיך געבייי׳ערט.

— ביזט א שארפע מבינ׳טע! — האט ר׳ חיים זיך גע־קרימט, — האסט געקליבען און טאקי פיין אויסגעקליבען.

די כלה האט זיך גענומען וועקען. די מחותנים ביי דער טהיר האבען געוואונקען עם זאל זיין שטיל. באלד האט זיך דערהערט א הוסט...

— נו? — האט דער מחותן אויסגעשטעלט די אויגען אויף דעם ווייב.

— מאלע וואס א מענש הוסט, זיך אודאי צוגעקיהלט, פאהרענדיג.

— דאס קאן אויך זיין אמאל! — האט דער מחותן איינ־געשטימט. — פונדעסטוועגען קאן מען זיך דערויף ניט פער־לאזען. מען דארף זי גוט בודק זיין. מען וועט נאך זעהן: ממה נפשך: גוט — גוט, ווען ניט, איז ניט געפידעלט.

— ששששש! — האט די מחותנת׳טע געלעגט דעם מיטעלס־טען פינגער פון האנד אויף דער נאז — רעד ניט אזוי הויך...

אין א שעה ארום איז די כלה אויפגעשטאנען. איין באק, אויף וועלכע זי איז געלעגען, איז געווען ניט נאטירליך רויט, די אנדערע באק בלאס און פערוועלקט. די מחותנים האבען געקוקט אויף איהר מיט חשד. מעהר אבער האט געקוקט די מחותנת׳טע. זי איז געווען די מבינ׳טע, זי איז פעראנטווארט־ליך! זי מוז ארומזעהן די כלה פון אלע זייטען.

אין קוקענדיג אויף איהר א היבשע ווײלע, פון וואס די כלה האט ניט געהאט וואוהין צו טהאן איהרע בליקען, האט די מחותנת׳טע בעמערקט עפּעס א שראם אויפ׳ן שטערען.

— וואס איז דאס ביי דיר, טאכטערקע, פאר א צייכען אויפ׳ן שטערען? — האט זי געפרעגט גאר אהן צערעמאניעס.

די כלה האט זיך דערשראקען. איהרע ליפּען האבען זיך געקרימט פון פּיין... דער שראם איז איהר געקומען פון א פאל נאך אין דער קינדהייט. זי האט עפּעס געוואלט פארצעהלען. זי ווייסט דערפון די גאנצע מעשה. די מאמע איהרע פלעגט עס פאר אלע ווייבער פארצעהלען. נאר די צונג האט איהר ניט גע־דיענט. און זי האט עפּעס ניט דייטליך ארויסגעשטאמעלט:

— דאס איז גאר נישט... דאס איז גאר נישט... די מחותנים האבען זיך ווידער איבערגעקוקט, שוין אבער מיט מעהר ערנסט. דער חתן, וועלכער האט זיך שוין איבערגעטהאן און איז אומגעגאנגען הין און צוריק אין דעם נייעם אנצוג, די הענד אין די קעשענעס, האט זיך אויך אבגעשטעלט, צוגע־גאנגען נאהענט צו דער כלה, און האט טיעף ארייגערוקט זיי,. פּנים מיט א מינע פון א שארפען מבין..

---

די אנדערע טעג יום־טוב האט מען געפיהרט די כלה אויף „כיבוד“ צו קרובים. דער מיין איז אבער געווען הערען מבינות אויף דער כלה. די משפּחה איז געווען א גרויסע: מען האט זי געפיהרט פריהער צום חתן׳ס זיידען, ר׳ לייזער. דארט איז עס צוגענאנגען גרינג. ערשטענס האט דער אלטער נישט געקוקט אויף ווייבער, צווייטענס, האט ער געלאזען אין שוהל די שפּא־קולען און אהן שפּאקולען זעהט ער סיי ווי סיי גאר נישט. די באבע האט גראד דעם טאג געליטען אויף רעוומאטיזם און האט געקרעכצט אין בעט. שווערער איז עס צוגעגאנגען ביי די פּע־טערס און מומעס. דארט פלעגט די מחותנת׳טע אברופען די ווייבער אן א זייט, אנווייזען מיט׳ן פינגער אויף דער כלה און

פרעגען אזוי שטיל, אז די כלה פלעגט הערען יעדעס ווארט:
— וואס זאגסטו? דער „אלטער" זאגט, אז זי איז א קראנקע.
— הא... פלעגט א מומע אויסשטעלען די אויגען און קוקען אויף דער כלה...

דא פלעגט שוין די כלה ניט הערען. דער געשפרעך פלעגט שטילער ווערען. נאר זי האט זיך פארגעשטעלט אזעלכע מיינונגען, פון וואס דאס בלוט פלעגט איהר ווערען פערקיהלט.

איין עלטער־מוהמע, ביי וועלכער מען איז געווען צום לעצטען, א נידריגע דיקע פרוי, האט איהר גאר אבגעזאגט אינגאנצען דאס לעבען.
— זי איז דאך א מסוכנת... זי איז דאך א געשטארבענע...
האט זי איין א ווינקעל, אברופענדיג די מחותנת'טע — בעשלאסען... זי פערזוכט דאך גאר נישט פון טיש...
— יא, יא... האט די מחותנת'טע געזיפצט. איך וויים גאר ניט וואו זיינען מיינע אויגען געווען!... וועה איז מיר...

---

— נו, וואס טהוט מען איצטער? האבען די מחותנים געשמועסט, קומענדיג אהיים, צווישען זיך, ווען די כלה איז ארויסגעגאנגען אין א צווייטען שטיבעל.
— איך וויים? — האט געזאגט דער מחותן.
— איך וויים? — האט געענטפערט די מחותנת'טע.
— נו, וואס זאגסטו, חתן?
— איך וויים? — האט דער חתן געדריקט מיט די פלייצעס. — טהוט ווי איהר פערשטעהט.
און דערהערענדיג טריט האט ער א וואונק געטהאן:
— שא, זי געהט!...
די כלה איז אריין אין שטוב. פערשטעהענדיג, אז מען האט וועגען איהר גערעדט, האט זי זיך ניט געהאט וואוהין צו טהאן.

— נו, ווילסטו שוין אפשר עסען? — האט די מחותנת'טע ווייטער געפרעגט.

— ניין, א דאנק...

— דו עסט אלע מאל אזוי ווייניג? — האט דער מחותן געפארשט, ווי א דאקטאר.

— פערקעהרט.... האט די כלה געשטאמעלט, פערשטע־הענדיג וואוהין מען ציעלט מיט דער פראגע.

— הייסט עס, האסט יא אפעטיט.

— ניט צו פערזינדיגען! — האט די כלה געפרובט שמייכ־לען.

עס איז געווארען שטיל א ווײַלע. דער מחותן האט אראב־געלאזען דעם קאפ אויפ'ן טיש און האט זיך פערטראכט. באלד אבער האט ער זיך ערוואכט, ווי אין קאפ וואלט איהם אריינ־געפאלען א גרויסע אידעע און האט זיך געווענדעט צו דער כלה מיט א קוראזש:

— זאג מיר מיין טאכטער, דו ביזט, חלילה, ניט קיין שטי־קעל חולה?...

די כלה איז בלייך געווארען, זי האט אינגאנצען א ציטער געטהאן און האט א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען...

נאך יום־טוב איז זי אוועקגעפאהרען א קראנקע אויף אן אמת....

# דער קוש

חיה ביילה׳ס „שטוב“ האָט געהאט א נאָמען אין דער גאנצער גאס. דעם נאָמען האָט די שטוב פערדיענט ניט צו־ליעב איהר עשירות, ניט צוליעב איהר צדקה, נאָר צוליעב די שטענדיגע קריגעריי, קולות, געשרייען און קללות, וואס האָבען זיך פון דאָרט שטענדיג געטראגען, סיי זומער — דורך די קליינע אָפענע, סיי ווינטער — דורך די צווייענדיגע פערמאכטע און גוט ארומגעקלעבטע פענסטער...

די ערשטע צייט, מיט יאָהרען צוריק, ווען די דאָזיגע קולות האָבען זיך צוליעב דעם אונטערגעוואקסענעם „הויזגע־זינד“ נאָר וואס זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען, פלעגט ניט זעלטען ביי דער שטוב א גאנץ רעדיל זיך צונויפקלייבען. מאנ־כע פון רעדיל פלעגען לאכען, מאנכע פלעגען בעדויערן און אנדערע, רודף־שלום׳ניקעס, פלעגען זיך טאקי אין שטיבעל ארייננכאפען און אנהייבען צו מוסר׳ן:

— פע, חלשות, די גאס איז דאָך אויף! עס איז דאָך א חרפה פאר לייטען!

געוועהנליך פלעגט אזא „רודף־שלום׳ניק“ חאפען א פסק, ווי ער האָט פערדיענט פאר זיין גרוים חכמה ארייננצומישען זיך דאָרט, וואו דער דלות, דחקות און פערביטערטקייט קריגען זיך. און האָט שוין נאָכדעם פערזאָגט א צעהנטען, ניט צו מישען זיך אין פאמיליען לעביי

שפעטער אבער איז מען שוין צו דער דאָזיגער שטוב גע־וואָהנט געוואָרען, מען האָט שוין אויף דער שטוב מיט דער חאַנד אוועקגעמאכט:

— א פערשאָלטענע שטוב!

קריגען, זידלען און שעלטען, דערהויפט שעלטען, פלעגט זיך די מוטער מיט׳ן מאַן, מיט די קליינע קינדער און דער עיקר מיט דער עלטערער טאָכטער, — דוקא מיט דער עלטערער, פון וועלכער זי האָט אזוי געגאַרט נחת צו זעהן, פיהרען זי צו דער חופה און דערלעבען פון איהר אייניקלעך...

דאָס אבער פלעגט זי טראכטען אין הארצען אין גוטע מי־נוטען, ווי שבת נאָך וואַרעמס, ווען דער טשאָלענט איז ארויס געראָטען, און דער קוגעל איז ניט צוקראכען געוואָרען, וואָס פלעגט אייגענטליך זעלטען טרעפען, אדער אין שוהל ביי דער „תחנה פאר קינדער" און אין נאָך אזוינע גליקליכע רוהיגע מי־נוטען.

דאָס זיינען איבריגענס נאָר מינוטען געווען. דאָס לעבען אבער בעשטעהט פון יאָהרען, לאַנגע וויסטע יאהרען אין דחקות און אין נויט. און אין אזוינע יאהרען זיינען גוטע מינוטען ביי דער מוטער פון דער שטוב זעהר ווענינ געווען, און אום אויסצוקיהלען דאָס „פערביטערטע הארץ" איז געווען דאָס איינ־ציגע מיטעל — שילטען...

אין קללות איז חיה ביילע געווען גענים. מען קען זאָ־גען, אז זי איז געווען א שילטערקע מיט גאָטס גנאָד. אין קללות איז זי געווען שטארק אָריגינעל. איהר פערביטערטע נשמה האָט פיינד געהאַט א געוועהנליכע שאַבלאָנע קללה, וואָס יעדע „יענטע" אין גאַס בענוצט זיך מיט איהר. חיה ביילע האָט גע־האַט איהר אייגענעם רעפערטואר קללות, קללות אין פּראָזע און אין גראמען. די קללות אין גראמען פלעגט זי בענוצען אין א רוהיגער צייט, אפט מאָל אלס א גוט ווארט, א פריינדליכ־קייט. א קינד פרעגט, למשל: מאמע, וואו איז דער מעסער?

ענטפערט חיהביילע: זאָלסט ניט וואַקסען גרעסער! ווען א קינד רופט אמאָל: מאמע! ענטפערט חיה ביילע צום גראַם: זאָל דיר זיין א יאמע! דאָס וואָס יאמע איז ניט קיין ריין אידיש וואָרט האָט איהר ניט געאַרט. זי האָט געשאָלטען, ווי גע־זאָגט, נאָר אום אויסצוקיהלען איהר הארץ, וועלכעס איז שטענ־דיג געווען פערביטערט, אבער ניט צוליעב דער קונסט..

---

א זומער פריה־מאַרגען.

די עלטערע טאָכטער, זעלדע, איז געשטאַנען איינגעבויגען ביי דער באַנק, וואָס האָט געדיענט אנשטאָט א קיך, און האָט געוואַשען דאָס געפעס פון דער נעכטיגער וועטשערע. די וועט־טשערע איז נעכטען בעשטאַנען פון קאַרטאָפעל מיט בעבלעך, א שטאַרק אָנגעלעגטער מאכל ביי חיה ביילען אין שטוב, פאר וואָס די קינדער שלאָגען זיך ממש. אמת, די עלטערע קינדער זיינען שוין אויסגעשטאַטקעוועט, אויסג'דרך־ארץ'ט, זיי ווייסען, אז ווי פיעל מען גיט, דאַרף זיין גענוג, אבער די דריי קלענערע קינדער זיינען נאָך ניט גענוג ערצויגען, נאָך וועניג קלעפּ און קללות האָבען זיי בעקומען, און זיי שרייען שטענדיג: נאָך! נאָך! — און מען רייסט איינס ביים אנדערן פון די טעלער, פאר וואָס חיה ביילע שילט צום גראַם און אָהן גראַם...

יא, די וועטשערע איז געווען א גוטע. די קאַרטאָפעל איז ממש צוגאַנגען אין מויל. פון די בעבליך רעדט מען שוין ניט. ווער ווייס דאָס ניט, אז בעבלעך איז אזא מאכל וואָס היילט ממש אין הארצען!... דערפאַר אבער האָט די דאָזיגע וועט־טשערע א חסרון, וואָס דאָס געפעס נאָך איהר איז שווער צו דערוואַשען. אז מען האַפט זיך גלייך נאָך דער וועטשערע אויסצוּוואַשען עס איז נאָך א האַלבע צרה, קען מען זיך נאָך אן עצה געבען; ווער האָט אבער צייט צו וואַשען זיי ביי נאַכט? גלייך נאָך וועטשערע מוז מען אויסבעטען די בעטען. צוליעב די בעטען וואָלט אפילו די ארבייט ניט געדויערט. סך הכל גע־

פינען זיך אין שטיבעל צוויי בעטן. דאָס ארבייטען געדויערט אבער טאַקי דערפאר, וואס קיין פיעל בעטען זיינען ניטאָ... און יעדע נאכט מוז מען אין דער גיך, ווי מען בויט באריקאַדען, להבדיל, אויסבויען צו די צוויי נאָך פיער בעטען... און די ארבייט נעהמט אוועק די צייט און דאָס געזונד און דאָס לעבען... די ארבייט איז אפילו א פרעהליכע, בשעת זעלדע ארבייט, האלט אונטער חיה ביילע מיט קללות, מיט געשרייען, און די קלענערע קינדער, וואָס ווילען שוין שלאָפען, שווייגען אויך ניט. שטעהענדיג שוין מוכן ומזומן צום שלאָפען געהן, האלט יעדער די אלע צעהן פינגערליך אין קאָפּ, קראצען זיך מיט כונה און רייסען זיך אויפ'ן האלז. אודאי קען זיך זעלדע ביי דער ארבייט ניט לאנגווייל'ען, אָבער קיין צייט אויף די געפעם וואַשען, ווי געזאָגט, בלייבט איהר שוין ניט, און זי לעגט עס אָב אויף מארגען פריה.

און שטעהענדיג א גאנצע נאכט, ווערען די טעלער, לעפעל און די גרויסע שיסעל פערטרינקענט. דערזעהענדיג זיי אין דער פריה, ווערט זעלדע א פערציטערטע. איהר דאכט זיך, אז זי וועט פון דער ארבייט ניט ארויס, און בייז און אויפגערעגט גיט זי א זאָג ווי פאר זיך:

— קיין אנדערע מאכלים ווי בעבליך מיט קארטאפעל קען זי גאָר ניט אויסקלערען!

עס פערשטעהט זיך, אז חיה ביילה פערשווייגט ניט אזא אויסרייד, חאָטש א שטילער, און דאן וואשט שוין זעלדע די טעלער אונטער דער מאמעס מוזיק...

און דאָס מאָל זיינען נאָך די טעלער מיט די איבערגעבליעבענער וועטשערע מעהר ווי אלע מאָל פערטריקענט געווארען. זעלדע, וואס איז געווען צורייצט פון ניט דערשלאָפען די נאכט, פון היטץ און דושנעקייט, האָט געברומט און געשאָלטען אונטער דער נאָז און הויך און שטארק געריבען עפּעס א טעלער, וואָס איז בעזונדער פערטריקענט געווען.

פלוצים האט זיך דערהערט א קלאפ.

— צעבראכען!! — האט פאר שרעק אויסגעשריען די מוטער, צולויפענדיג צו זעלדען...

זעלדע איז געשטאנען מיט אראבגעלאזענע הענד און האט ניט געענטפערט.

— דיין קאפ זאל צוברעכען ווערען! — האט חיהביילה אנגעהויבען, בעטראכטענדיג שוין קלאר דאס אונגליק. ווי רייבט מען דאס אזוי א טעלער? צעריבען און צעמאלען זאלסטו ווערען... אוי, וועה איז מיר! די מויד וועט מיך אין גרוב אריינטרייבען, זאל זי בעסער אליין א מיתה משונה איינגעמען...

זעלדע האט געשוויגען.

— זי שווייגט! די צונג זאל איהר אבנעהמען, רבונו של עולם! וואס שווייגסטו, וואס? איז זי אויף איהר ארויפגעפאלען. זאג, וואס שווייגסטו? איז זי שוין אין רציחה אריין. מיין בלוט גיעסט זיך און דו שווייגסט, הא? דו שווייגסט? איך האב געלד אויף נייע טעלער צו קויפען?! זאלסט אזוי האבען א חתן!...

— שווייג, ווארים איך צעברעך באלד אלע טעלער! —איז זעלדע אויפגערעגט געווארען פון דער לעצטער קללה... שווייג! שווייג! איז זי שוין אויפגעשפרונגען פון ארט און זיך געלאזען, ווי א ווילדע טיגערין איבער'ן שטיבעל.

— דו ביזט נאך גערעכט? — האט חיה ביילע אויסגעגלאצט די אויגען אויף איהר — דו ברעכסט טעלער, דו פערגיעסט מיין בלוט ווי וואסער, און דו ביזט נאך גערעכט? נא דיר גערעכט, נא!

און חיה ביילה האט זיך אריינגעריסען מיט איהרע דארע לאנגע הענד אין זעלדעס לייב, ווי זי זאל זי וועלען דערשטיקען. זעלדען האט פערהאפט דער אטהעם, דאס בלוט האט איהר געגעבען א זעץ אין קאפ, און ווערענדיג ווילד פאר צארען, האט זי מיט אלע כחות א שטויס געטהאן פון זיך די מאמען.

עס האָט זיך דערהערט א קלאַפּ פון א קערפּער, נאָכדעם א געשריי, שפּעטער א ווײַלע — א שטילער קרעכץ דורך טרערן:

— זי האָט מיך גע׳הרג׳עט... קינדערליך, זי האָט מיך גע־הרג׳עט... כּרות יאָהרען וועט זי האָבען... געהט רופט דעם טאַ־טען... כּרות...

די קליינע קינדער האָבען זיך צעוויינט און האָבען זיך אלע א וואָרף געטהאָן אויף זעלדען, ווער מיט די הענד, ווער מיט א שטעקען.

— וואָס האָסטו גע׳הרג׳עט די מאַמען?... — האָבען זיי געשריען... — מאַמעלע שטעה אויף!...

חיה ביילע איז אויפגעשטאַנען און אָנפאַנגס שטיל גע־קרעכצט. באַלד אָבער איז זי געקומען צו זיך און האָט גענומען פלוכען:

— כּרות יאָהרען דיר... כּרות יאָהרען. א מאַמען געשלאָ־גען... נאָך דיין לויה זאָל איך געהן, רבונו של עולם, ווי דערלעב איך דאָס!...

— נאָך דיינער בעסער! — האָט זעלדע צוריק געשאָל־טען און גלייך חרטה האָבענדיג אויף דער קללה, וועלכע זי האָט דאָס ערשטע מאָל געגעבען דער מאַמען, איז זי ארויסגע־לאָפען אויפ׳ן גאַס.

---

א שווערער טאָג איז עס געווען. די שערבליך פון דעם צע־בראָכענעם טעלער זיינען געלעגען אויף דער ערד און האָבען ווי עדות געזאָגט אויף דעם, וואָס איז פאָרגעקומען... די נאַכט איז געקומען און פערמאַטערט זיינען אלע אין דעם דאַזיגען שטיבעל אויף די געלעגערס אוועקגעפאַלען, און אָהן וועטשערע האַרט איינגעשלאָפען...

זעלדע האָט אבער ניט געקאָנט איינשלאָפען. אזוינע טעג זיינען אפילו א סך אין איהר קורצען און דאָך לאַנגען לעבען גע־ווען, אבער שלאָגען און שילטען צוריק די מאַמען האָט זי נאָך

קיינמאָל ניט... זי האָט ניט מורא פאַר כרות... וואָס איז כרות? — מען שטאַרבט! נו וואָס איז? הלואי וואָלט זי שוין טאַקי געשטאָרבען. וואָס וועט זי פערלירען?... אַ קליינער חלוק פון איהר לעבען ביז איהר טויט. דאָ ליעגט זי אויף דער ערד, און דאָרט אביסעל טיעפער. אבער דערפאַר — רוהיג... זעלדען פער־דריסט נאָר, וואָס זי האָט איהר מאַמען, איהר אייגענער מאַמען, אַזאַ צער פערשאַפט. קיינמאָל איז די מאַמע ניט געווען אַזוי צעטראָגען ווי היינט. זי האָט זיך אפילו ניט געשאָלטען... אַ גאַנצען טאָג איז זי אומגעגאַנגען ווי צומישט און שטאַרק פער־טראַכט. דעם צעבראָכענעם טעלער האָט זי אפילו ניט דער־מאָנט. זעלדע האָט דערפיהלט, וואָס זי האָט היינט געטהאָן דער מאַמען, און איהר האַרץ איז צוגאַנגען, ליעגענדיג אויף דער ערד.

די אָרימע מאַמע! וואָס איז זי שולדיג, אַז זי שילט און שלאָגט זיך אפילו? דאָס ביטער לעבען איז דאָך שולדיג. זי האָט דאָך אַ גאָלדען האַרץ. זי גיעט דאָך אַ שכן דאָס לעצטע אוועק.

זעלדען האָט צונויפגעדריקט דאָס האַרץ. זי האָט ניט גע־קענט איינליעגען.

זי שטעלט זיך אויף און געהט צו צו דער מאַמעס בעט.

חיהביילע ליעגט מיט'ן פּנים אַרויף. די דאַרע ברוסט אָפען. אויף דער מיטען ברוסט זעהען זיך צוויי בלוטיגע קראַ־צען.

זעלדע קוקט אויף די צוויי בלוטיגע פּאַסען און קען זיך ניט אָברייסען פון זיי... עפּעס ציהט זי אַזוי צו דער מאַמען. אוי, ווי זי האָט ליעב די מאַמען! זי האָט גאַר ניט געוואוסט ביז אהער!... דאָס ערשטע מאָל זינט זי געדענקט זיך, פיהלט זי אַזאַ מאָדנעם ווארעם געפיהל... אָט וואָלט זי צוגעפאַלען צו איהר און אַרומגעהמען און קושען זי, אָבער אַזוי שטאַרק...

— די מאַמען קושען! — דערמאָנט זיך זעלדע — און איהר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ משוגענער פערלאַנג... קושען די מאַמען! זי איז שוין אַלט 25 יאָהר און האָט נאָך די מאַמען

קיינמאָל ניט געקושט. עס קומט עפּיס אוים מאָדנע: קושען די מאַמען...

די צוויי בלוטיגע רויטע פּאַסען אויף דער ברוסט ווינקען אָבער און ציהען אַזוי שטאַרק...

זעלדע קען זיך ניט אָברייסען. עפּעס א געהיימע קראַפט בייגט זי, בייגט זי נידעריגער צום בעט. איהרע ליפּען ציטערן פון א מאָדנעם בעגעהר: זי וויל קושען די מאַמען!.. זי קען זיך ניט איינהאַלטען... עס ציהט אַזוי...

— מאַמע, מאַמע! פּליסטערט זי שטיל! אונגליקליכע מאַמע. אוי, דיין ווייסט לעבען! און זי בייגט זיך צו און ריהרט אַן מיט איהרע ליפּען דער מאַמעס דאַרע ברוסט.

— אוי וועה איז מיר! — חאַפּט זיך אויף חיה ביילע — ווער איז דאָ?

זעלדע בלייבט שטעהן דערשראַקען און קען זיך פון אָרט ניט ריהרען.

— אוי, זעלדע! קרעכצט די מאַמע — דו ווילסט מיך טאַקי הרג'ענען!.. אוי וועה איז מיר, וואס איך האָב דערלעבט!

זעלדען שניידען די ווערטער, ווי מיט מעסער. זי שעמט זיך, זי קען ניט, אָבער זי וועט איהר זאָגען.. זאָל זי ניט מיינען, אַז זי האָט זי געוואָלט הרג'ענען...

— מאַמע! איך האָב דיך געקושט!

— קינדערלעך! איז שוין חיה ביילה געקומען צו זיך — די מויד איז משוגע געוואָרען! אוי זאָל זי טאַקי שוין משוגע ווערען!

דערהערענדיג די קללה איז זעלדע א בערוהיגטע אוועק צו איהר געלעגער...

# דער גמילות חסד

דער גרעסטער יריד אין ק ל ע מ ע נ ק ע איז אולאם. דאָס שטעדטעלע ווארט אויף „אולאם" מיט א קלאפּענדיגען הארצען און מיט גרויסע האָפנונגען. „אולאם", זאָגען די קלע־מענקער קרעמער און הענדלער „איז א גאָטס בענשונג". ווען ניט אולאם וואלט קלעמענקע שוין לאנג אוים קלעמענקע געווען, אמעריקא וואלט שוין די רעשט ביסעלע אידען פון דארט צוגע־נומען צו איהר".

צו אולאם דארף מען אבער האָבען „געצייג". די קרעמער דארפען האָבען סחורה און די סוחרים — געלד. אָהן די געצייג איז אולאם אויך בלאָטע!

און חיים דער תבואה־הענדלער געהט ארום א טויטער. צו אולאם איז געבליעבען סך־הכל נאָך דריי טאָג און ער האָט נאָך ניט א „קאָפּיקע" מיט וואס דעם שפּייכלער אויפצומאכען.

און אויפ'ן מארק דרעהען זיך אום די תבואה־הענדלער מיט פערדרעהטע דאשיקעס, מיט גראבע טיטונענע פּאַפּיראָסען אין די מיילער, מיט די שטעקלעך אין די הענד און מען רעדט שטארק וועגען יריד.

— אין דריי טעג אויף ד ע ר צייט! — רופט אוים איינער.

— פּששש! קריגט התפעלות א צווייטער — אין דריי טעג אויף דער צייט ועט זיך „ברעכען".

„זיך ברעכען" הייסט אויף מארק לשון: עס וועט זיין א גרויסער עולם.

און חיים ווערט בלאס. ער וואלט בעטען א מפלה אויפ'ן יריד, עס זאל דעם טאג רעגענען, שנייען, שטורמען, אז קיין משוגענער הונד אפילו זאל צום מארק ניט קומען. חיים ווייס אבער, אז „אולאם" איז ניט קיין שרעקעדיג־אינגעל: „אולאם" האט קיין מורא ניט פאר דער גרעסטער זאווארוכע — „אולאם" בלייבט „אולאם"!

און ביי חיים'ן שפארען ארויס די אויגען פון קאפ: א גמילות־חסד, וואו קריגט מען א גמילות־חסד? א פינף־און־צוואנציגער האטש...

ער בעט ביי אלעמען, נאר יעדער ענטפערט מיט א פרעה־ליכען געלעכטעריל:

— צי משוגע! פאר א יריד געלד?

און חיים'ן דאכט זיך, אז ער וועט טאקי משוגע ווערען...

---

— וואלסט אריבערגעהן צו לייבע־בערעס, עצה'ט איהם דאס ווייב, נעמענדיג א טיפען אנטהייל אין זיין וועהטאג.

— איך האב דאס שוין אליין געקלערט — ענטפערט חיים פערטראכטערהייט.

— נאר וואס? — פרעגט דאס ווייב.

חיים וויל איהר ענטפערן: נאר איך קען ניט אריינגעהן, איך האב קיין מוטה ניט. פאר דעם ווייב אבער פאסט איהם ניט צו זיין אזוי אפענהערציג און ער ענטפערט:

— געהט ער צום טייוועל! ער וועט ניט לייהען.

— פרובען זיך שאדט ניט — רעדט זי איהם איין.

און חיים בערעכענט זיך, אז ער האט טאקי קיין אנדער ברירה ניט און לייבע־בערעס איז א איד א גביר, און וואהנט מיט איהם אין איין גאס, דאס הייסט „שכנים", און קיין געלד צום

יריד דארף לייבע־בערעס ניט — ער אליין איז גאר א וואלד־סוחר.

— נעהם מיר ארויס דעם שבת'דיגען אויבער־בגד! — ווענדעט ער זיך צום ווייב מיט א בעשליעסענדען טאָן.

— וואס דען? — ענטפערט איהם דאס ווייב — די בעס־טע זאך ארייננעהן צו „איהם".

און חיים האט זיך געשטעלט קעגען האלבצובראכענעם קליין־שפּיגעלע, וואס איז געווען צוגעשלאגען צום וואנד, האט א גלעט געטהאן מיטביידע הענד די באָרד, פערקאשערט די פאות, דערנאך האט ער אראבגענומען דאס היטעל פון קאָפּ און א פּיהר געטהאן איבער איהם מיט דעם ארבעל.

— זעה נאר, איך בין פון הינטען ניט אויסגעריבען אין קאלך?

— א קשיא! — האט איהם דאס ווייב געענטפערט און האט זיך גענומען איהם קלאפּען מיט ביידע הענד איבער'ן פּלייצע.

— ביי אונז איז דאכט זיך אמאל געווען א שטיקעל בערש־טיל פון „זאכען". וואו איז זי, הא?

— דיר האט זיך אפשר גע'חלום'ט! — האט דאס ווייב געענטפערט, קלאפּענדיג איהם איבער'ן פּלייצע און מורמלענדיג:

— נו, זיך אויסגעריבען אביסעל!

— נו, גענוג צו קלאפּען! — האט חיים כמעט ווי מיט כעס ארויסגעברומט — איך וועל שוין געהן.

מיט א זיפץ האט ער אנגעטהאן דעם שבת'דיגען אויבער־בגד, ארויסגעמורמעלט: זאל ער אזוי לעבען, ווי ער וועט ליי־הען, און איז ארויסגעגאנגען.

---

און געהענדיג צו לייבע־בערעס האט חיים'ן דאס הארץ גע־ציטערט. פאר'ן גאנצען לעבען זיינעם, זינט לייבע־בערעס וואהנט דא אין עק גאס, איז ער ביי איהם אין גאנצען געווען

צוויי מאָל, און ביי חיים׳ן איז דער איצטיגער גאנג געווען אַ מין עקזאמען.. דער „אריינגאנג“ צו איהם, די ליכטיגע צימערן, די גרויסע שפּיעגלען, די ווייכע מעבּיל, לייבּע־בּערעס אליין מיט זיין לאנגער ברייטער בארד, מיט זיינע שטרענגע גביר׳עשע אויגען: די גבירה, די פרעהליכע גליקליכע קינדער, אפילו די דיענסט, וועלכע איז איהם געבליעבען אין זכרון פון יענע צוויי מאָל, — דאָס אלעס האָט איהם געשראָקען און ער האָט זיך אליין געפרעגט: „וואו אהין געהסט דו, צי משוגע, געה צוריק!“ און ער פלעגט זיך מינוטען־ווייז אָבשטעלען אין מיטען וועג. נאָר דער געדאנק, אז באלד איז „אולאם“ און ער האָט ניט מיט וואָס צו עפענען דעם שפּייכלער האָט איהם געטריעבען געהן ווייטער.

— ער וועט ניט לייהען — עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו האָפּען אומזיסט!... האָט ער געהענדיג זיך מכין געווען צום קלאָפּ, נאָר ער האָט דערפיהלט, אז ער וועט ניט קענ·ען דאָס מויל עפענען ארויסצוריידען זיין בקשה, אויב ער וועט אזוי אראָב פאלען ביי זיך, און ער האָט זיך געטרייסט:

— אז מען זאל איהם צוטרעפען אין אַ גוטען הומאָר וועט ער לייהען. וואס וועט ער מורא האָבען צו לייהען מיר עטליכע רובעל איבער׳ן יריד? איך וועל איהם זאגען, ווי נאָר איך פער־קויף די סחורה בעקומט ער גלייך דעם גמילות־חסד. איך וועל איהם שווערען מיט ווייב און קינדער... ער וועט גלויבען.. און איך וועל דאָך איהם ט אַ ק י אָבגעבען...

דאָס מאכט אבער חיים׳ן אלץ נישט שטארקער ביי זיך און ער זוכט איין אנדער נחמה, איין אנדער רפואה צו שטאר־קען זיך:

— ער איז ניט קיין שלעכטער מענש... און אגב קאן ער מיר דאָך ניט פון היינט אָן. שוין אַ יאָהר צוואנציג אז מען וואָהנט אין אַ י י ן גאָס — פאראבאצקער גאָס...

און חיים דערמאנט זיך, אז פאר צוויי וואכען, ווען לויב־בערעס איז געגאנגען פארביי זיין שטיבעל אין מארק און ער,

חיים, איז געשטאַנען גראָד אויפ'ן הויף און האָט איהם פריינדליך, ווי עס פּאַסט פאַר א גביר, גוט־מאָרגען אָבגעגעבען (איך וואָלט געשוואָרען, אז איך האָב איהם די האַנד געגעבען — וויל ער זיך דערמאָנען) האָט ליבע־בערעס איהם צוריק פריינד־ליך געענטפערט, ער האָט זיך אפילו אָבגעשטעלט און געפרעגט איהם גאָר ווי א גוטער בעקאַנטער:

— וואָס מאַכסטו דו עפּיס, חיים?

און חיים שטרענגט אָן זיין בית־זכרון און דערמאָנט זיך, אז געענטפערט האָט ער איהם אזוי:

— א דאַנק פאַר'ן פרעגען! ניט צו פערזינדיגען... מען האַנדעלט!...

און חיים בלייבט צופריעדען מיט דעם ענטפער.

— געענטפערט האָב איך איהם גאַנץ ברייט!...

און חיים בעשליסט, אז איצט וועט ער מיט איהם אויך ריידען וואָס ברייטער, וואָס שטאָלצער, פאַלען — ניט!

חיים דערזעהט שוין פון ווייטען ליבע־בערעס הויז... ער הוסט זיך אויס, גיט א גלעט די באָרד און בעטראַכט אויף זיך דעם בגד.

— נאָך גאָר א גוטער בגד, רעדט ער פאַר זיך אַרויס, ווי ער וואָלט זיך וועלען איינשמועסען, אז דער בגד איז נאָך גוט כדי ער זאָל מעהר מוטה האָבען, מעהר שטאָלץ זיין...

אז ער איז אָבער צוגעקומען צו ליבע־בערעס גרויסען הויז, אז פאַר זיינע אויגען האָבען א פינקעל געטהאָן די אכט גרויסע פענסטער צום גאַס, דורך וועלכע עס האָט זיך דורכגעשלאָגען דאָס העלע ליכט פון אינווענינ, האָט איהם דאָס האַרץ א ציטער געטהאָן.

— אוי, רבונו־של־עולם, העלף! — האָט זיך ביי איהם ניט ווילענדיג פון האַרצען אַרויסגעריסען. ער האָט זיך אָבער באַלד פערשעמט פאַר זיך אליין און ער האָט זיך פערכאַפּט:

— עט, נאַרישקייט!...

א ציה טהוענדיג די טהיר, האט זיך ביי איהם די „תפלה" נאך שטארקער ארויסגעריסען:

— העלף, שטארקער גאט! מיין בלוט גיעסט זיך!...

---

ליבע בערעס איז געזעסען ביי א גרויסען טיש, איבערגע־דעקט מיט א קלאר טישטוך און האט געטרונקען טהיי, שמוע־סענדיג פרעהליך מיט זיין געזינדעל.

— עפּעס א איד איז געקומען, טאטע! — האט הויך אויס־גערופען א איינגעלע פון א יאהר צוועלף, דערזעהענדיג חיים'ן שטעהן ביי דער טהיר.

—טאקי א איד! — האט א צווייטער אינגעלע נאך פרעה־ליכער אויסגעשריען, אויסשטעלענדיג אויף חיים'ן זיינע גרוי־סע שווארצע „ממזר'שע" אויגלעך.

דאס געזינדעל ביים טיש האט זיך א נעהם געטהאן שטארק בעטראכטען חיים'ן און איהם האט זיך געדאכט, אז באלד פאלט ער אנידער. „עס וועט זיין זעהר מיאוס, אז איך וועל פאלען"... האט ער זיך געשטארקט און האט געמאכט א טריט ווייטער און אהן א גוט־אבענד צו זאגען האט ער ארויס־געשטאמעלט:

— איך בין געגאנגען פארביי, פערשטעהט איהר מיך, איך זעה איהר זיצט... הייסט דאס איהר זייט אין דער היים... נו, קלער איך: — מען דארף אריינגעהן... שכנים...

— נו, מהיכא־תית, מהיכא־תית! — האט לויבע־בערעס ליעבליך געשמייכעלט, — ביזט איין אנגעלעגטער גאסט, זעץ זיך!

חיים'ן האבען זיך ווי שטיינער פון הארצען אראבגעקוי־קעלט נאך אזא ענטפער און קוקענדיג אויף די צוויי אינגלעך, האט ער זיך שטיל אוועקגעזעצט.

— לאה! דערלאנג ר' חיים'ן א גלאז טהיי! — האט דער גביר א קאמאנדעווע געטהאן.

— א גאנץ גוטער מענש! — האט חיים א טראכט געגעבען — זאל איהם דער אויבערשטער העלפען!

ער האט געקוקט מיט דאנקבארע בליקען אויף איהם, עס האט זיך איהם געוואלט פאלען דעם גביר אויפ'ן נראבען האלז און קושען איהם.

— נו, וואס מאכסט דו? — האט דער גביר געפרעגט.

— גאט צו דאנקען! מען לעבט!

די דיענסט האט איהם דערלאנגט א גלאז טהעע, ער האט איהר געזאגט: א „יישר" און האט גלייך חרטה געהאט: א דיענסט פאסט ניט צו דאנקען. ער איז רויט געווארען און האט געביסען די ליפען.

— טרינק מיט „ווארעניע"! — האט לויבע־בערעס איהם פארגעלעגט.

— „א טייערער מענש, א טייערער מענש!" —איז חיים איבערראשט געווארען — „ער וועט זיכער לייהען..."

— דו האנדעלסט עפעס? — האט לייבע בערעס געפרעגט.

— ווי דען? — האט חיים ברייט געענטפערט — מען האנדעלט א דאנק גאט, ניט ערגער ווי אלע סוחרים.

— ווי האלט איצט האבער? — איז דער גביר אויסגעפאלען צו פרעגען.

האבער איז די לעצטע צייט געפאלען, נאר חיים'ן האט אויסגעוויזען צו זאגען בעסער, אז האבער איז געשטיגען.

— גאנץ הויך געהויבען! — האט ער אויסגעלאזען מיט א סוחרישען טאן.

— נו, און דו האסט עפעס אנגעקויפט האבער? — האט דער גביר ווייטער געפארשט.

— איך האב גאר א פיין־פעקעל האבער, קאסט מיר ניט טהייער, גאנץ ביליג! — האט חיים מיט מעהר היץ געענטפערט, פערגעסענדיג בשעת ריידען, אז ער האט שוין פון עטליכע וואכען קיין קערענדיל האבער ניט אין שפייכלער.

— און דו ביזט ביכולת צו „ספעקולירען“? — האט לויב-בערעס געפרעגט, — דארפסט גאר קיין געלד ניט?

— גאט צו דאנקען! — האט חיים שטאלץ געענטפערט — געלד האט מיר קיינמאל ניט אויסגעפעהלט.

„וואס רעד איך דאס? וועה איז מיר!“ — האט חיים זיך דערשראקען פאר זיינע אייגענע ווערטער — ווי אזוי בעט מען איצטער לייהען א גמילות־חסד? און חיים האט געוואלט צוריק א שלעפ טהאן דעם וואגען, נאר לייבע־בערעס האט איהם איבערגעשלאגען:

— הייסט עס, דו מאכסט גוטע געשעפטען, ביזט א שטיקעל נגיד....

„מיינע נגידות אויף שונאים געזאגט געווארען“ האט חיים געוואלט צוריק ציהען, א קוק טהוענדיג אבער אויפ'ן גביר'ס שיינענדיג פנים, אויפ'ן בלאהען קריגעל „ווארעניע“ האט ער שטאלץ געענטפערט:

— גאט צו דאנקען, איך האב זיך ניט אויף וואס צו בעקלאגען.

„אט איז דיר א גמילות־חסד!“ האט חיים'ן ווי עמיצער א זעץ געטהאן הינטען אין קאפ. פרא־אדם, דו שוטה!... וואס בעריהמסט דו זיך? דערצעהל איהם, אז דו דארפסט האבען צו „אולאס“ א פינף־און־צוואנציגער — זאל ער דיך ראטעווען, זאג איהם, אז דו פאלסט, אז...

נאר חיים איז וואס ווייטער אלץ מעהר אריינגעפאלען אין א צופריעדענעם גליקליכען טאן, אלץ מעהר געריהמט זיינע געשעפטען און פערבראכט מיט'ן גביר, ווי מיט גאר א גלייכען מענשען...

באלד האט ער אבער דערפיהלט, אז ער איז דא איבעריג, אז ער האט ניט אזוי געדארפט זיצען, ניט אזוי געדארפט רעדען. ער וואלט בעסער רעדען וועגען יריד, וועגען גמילות־חסד... איצטער איז שוין פערפאלען; „קיין געלד פעהלט מיר נישט...“

און חיים האָט מיט פערצווייפעלטע בליקען א קוק גע־טהאַן אויף לייבע־בערעס פרעהליכען פנים, אויף די צוויי אינג־לעך, וואָס זיינען געזעסען קעגען איהם און האָבען מיט ממזר׳שע לוסטיגע אויגעלעך געקוקט אויף איהם און זיך עפּעס מאָדנע געשושקעט און נאָך מאָדנער געשמייכעלט...

א קאַלטער שוויס האָט איהם בעגאָסען. ער האָט זיך אויפ־געהויבען פון אָרט.

— דו געהסט שוין אוועק? — האָט לויבע־בערעס העפליך געפרעגט.

„אָט איצט אפשר קען איך א בעט טהאָן", איז חיים׳ן איינגעפאַלען צו ראַטעווען זיך פּאָרט — נאָר א קוק טהוענדיג אויף די צוויי אינגלעך מיט די ממזר׳ישע אויגעלעך, וואָס האָבען אַזוי כיטרע געקוקט, האָט ער מיט גדלות געענטפערט:

— איך מוז! געשעפטען! ניטאָ קיין צייט!... און לאַזענ־דיג זיך צום טהיר האָט זיך חיים׳ן געדאַכט, אז הינטען שטע־לען איהם אויס די צוויי אינגעלעך מיט די ממזר׳שע אויגעלעך פייגען, ציִנגען און לייבע־בערעס אַליין שמייכעלט, דאַכט זיך, און זאָגט זיי:

— גרעסערע, גרעסערע!...

און חיים׳ן האָט זיך געדאַכט, אז די פּלייצע ברענט איהם פון הינטען און ער איז געשווינד ארויסגעגאַנגען...

# דער אלטער משכיל

חיים גאטליב איז געבוירען אין ליטא, נאר ער וואהנט שוין א לענגערע צייט אין ווארשוי און האלט דארט א רעסטא־ראן.

ער איז א איד פון א יאהר 50, זויבער געקליידעט, מיט א רונד בערדיל, וועלכעס איז שטענדיג פערקעמט און עס דאכט זיך, אז ער שערט עס אונטער, חאטש ער האט עס קיינמאל אין זינען נישט געהאט. ער איז ניט רייך, ציהט די חיונה מיט שווערקייטען, דאך קלאגט ער זיך קיינמאל ניט — ער האט העכערע שטרעבונגען, ווי די טרוקענע פרנסה, ער האט די לשון־קודש'דיגע ליטעראטור!...

דעם לשון הקודש איז חיים גאטליעב איבערגעגעבען מיט זיינע בעסטע טיעפסטע געפיהלען. קיין שעהנערע שפראך איז אויף דער וועלט ניטא, לשון קודש, זאגט ער, איז די נאטירליכע שפראך.

ער האט דאצו א וויסענשאפטליכען בעווייז:

אז מען זאל א קינד גלייך פון געבוירען טאג האלטען אליין אין א צימער און מען זאל מיט איהם קיין שום אנדער לשון ניט רעדען, וועט ער אנהויבען רעדען פון זיך אליין לשון קודש...

— דאָס איז ריכטיג ווי גאָלד!... לאָזט ער אוים מיט פילאָזאָפי־זיכערקייט — דאָס ווייסען אַלע.

אין זיינע מיינונגען וועגען יונגע לייט, צו אַזוי אידען, שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע זיין שטענדיגע התפּעלות:

— ער איז אַ שאַרפער בעל לשון־קודש!... ער שרייבט הפלא!...

ביי חיים'ען אין ביבליאָטהעק געפינען זיך אַלע אַלטע אידישע קלאַסיקער, ווי מרדכי אהרן גינזבורג, מאפו, סמאָלענסקין, אדם הכהן און זיין זוהן מיכה יוסף. די אַלע פערגעטערט ער, רעדענדיג וועגען זיי, לייכט אין זיינע דונקעלע אויגען עפּעס אַ מין הייליג פייערל, וואָס מען קען זעהן ביי קליינשטעדטעלדיגע חזנים, ווען זיי רעדען איבער אַ געראָטענעם „יחדשהו“... אמת פון מיכה יוסף'ן האַלט ער שוין וועניגער:

— „ער האָט אויך „געקענט“, שמייכעלט חיים ליעבליך, ער איז שוין אָבער יונגער. — עס איז שוין ניט דאָס, גיט ער צו פערשטעהן און ווייזט אויף, אַז וואָס דער שרייבער איז יונגער איז אַלץ דער לשון ערגער...

צווישען זיינע שטענדיגע געסט, וואָס עסען ביי איהם געפינען זיך אייניגע העברעאישע לעהרער, אַ פּאָר אַלטע מחברים און אייניגע היינטיגע משכילים, ציוניסטען; צוליעב זיי שרייבט ער אויס דעם „המליץ“ און אָבאָנירט היע דעם „הצפירה“ און ער לעזט זיי אַליין אויך, היט יעדער נומער ווי דאָס אויג, און בינדט זיי אַלע יאָהר איין. נאָר טיעף אין הארצען איז ער פון זיי ניט צופריעדען, ער בענגט נאָכ'ן אַמאָליגען „המגיד“.

— עס איז היינט גאָר ניט די מליצה! קלאָגט ער זיך פאר זיינע אַלטע געסט.

יענע זיינען איהם מודה און שאָקלען טרויריג מיט די קעפּ. די יונגערע געסט אָבער קוקען זיך איבער און שמייכלען איראָניש. איינער פון זיי, שטילמאַן, אַ העברעאישער לעהרער איז ברילען, וועלכע ער נעהמט אַלע 5 מינוט אראָב און גאָר אַהן

א שום נוימינקייט, נאָר אויס געוואָהנהייט, ווישט ער זיי איי־בער מיט'ן ברעג טישטוך — ער שלאָגט אב חיים'ען מיט א דייטליכען שפּאַטישען שמייכעל:

— עט, פּאני גאָטליעב, איהר האָט א טעות! היינט שרייבט מען העברעאיש בעסער, אייראָפּעאישער. מען ענטוויי־קעלט זי, מען בלאָזט אריין אין איהר א „רוח חיים באפה"... אמאָל האָט מען פּסוקים געשריעבען, אלטע מליצה...

חיים איז בטבע א היציגער איד — ווען אָזא מיי דיספּוט טרעפט זיך אין בית המדרש צי ערגיץ אנדערש וואו, וואָלט ער זיך שוין זיכער צושריען: פרעגט אייך בחרם — איהר ווייסט גאָר ניט. א. ד. ג. מיט זיינעם א גאַסט אבער איינרייסען קאָן ער ניט, לאָזען עס ווידער אזוי, דאכט זיך איהם, וועט ער צו גרויסע זינד בעגעהן, און מיט גרויס פארזיכטיגקייט הייבט ער אָן צו פערטיידיגען דעם אלטען לשון־קודש:

— ניין, פּאני שטילמאַן, אמאָליגער לשון קודש איז געווען אביסעל וויכער, בע'טעמ'טער... נעהמט, למשל, גינזבורגס א „דביר"... צוקער!

און די באקען זיינע בעדעקען זיך מיט א רויטער פארב. אזוי פערשעהמט זיך אן אלטער מאַן, דעמאָנענדיג זיין ערשטע ליעבע...

די עלטערע געסט פּאָדטאקעווען: א קליינינקייט אמאָליגער לשון־קודש! א ווערטעלע אויסצורעדען! די יונגע קוקען זיך איבער און שמייכלען שטיל. שטילמאַנען אבער פּערדריסט עס שטארק, עס ריהרט איהם פּערזענליך אָן: ער אליין איז פון „מהלך החדש", זיינס א שיר האָט זיך שוין געדרוקט אין „אשכול" און ער זוכט אלע טאג מיט א קלאפּענדען הארצען אין די בלעטער א מיינונג וועגען זיין כשרון"... ער רייסט אראָב נערוועז די ברילען פון נאָז, ווישט זיי מיט'ן ברעג טישטוך און רעדט פרעך אויס:

— לאזט צורוה אייערע אמאליגע! לאזען זיי זיך דארטען רוהען בשלום על משכבם..

— חע־חע־חע! יונגווארג! לאכט כלומרשט חיים פאר די עלטערע געסט. מען דארף אבער זיין א מבין, וואס ביי איהם טהוט זיך אין הארצען. ער געהט אום איבער'ן צימער, הוסט מיט כעס און צופט דאס בערדעל.

— יונגווארג! רעדט ער ווידער צו די עלטערע געסט — איין איינפאל צו זאגען, אז היינטיגער לשון־קודש איז בע־סער פאר אמאליגען... כ'וויים... דאכט זיך פאני שטילמאן איז א מבין אויף „לשון", נאר, פערשטעהט איהר מיך, דאס יונגע בלוט... ער דארף זוכען חסרונות אין אמאליגען לשון... מען זאל, למשל, נעהמען אדם'ס „ההמלה" — דאס איז דאך, וואס אי שייך, צאצקע, קרוין!... אזא לשון, אזא מליצה... וואו זעהט מען עס היינט?...

— און זיין „דל מבין"! חאפט אונטער איין עלטערער עסער — א קליינינקייט אדם'ס מליצה!

— אדמ'ס מליצה! ווערט חיים בעגייסטערט — יענער האט געקענט תנ"ך אויף אויסווענייג. היינט זיין וויסען דקדוק! א שפאס! היינטיגע קענען דאך א ווארט דקדוק נישט!... נימא נאך היינט אזא אדם הכהן! —

—ער איז דאכט זיך „א ווילנער" געווען — זאגט איינער פון די עלטערע עסער, צו בעווייזען, אז ער ווייסט אויך עפּיס.

— א ווילנער, א מיחיילישאקער — עס איז אלץ איינס!— ענטפערט חיים צוקאכט — ער איז דען נאר איינער? וואו איז מאפוס „עיט צבוע", וואו איז סמאלענסקינ'ס „התועה"!.. — דאס זיינען דאך געווען גאונים! זייער „לשון" — א שפאס זיי־ער לשון... עס איז דאך געווען פששש! עס עקט זיך די וועלט!...

זיין קורצע בילדונג, די ביסעלע ווערטער וואס ער האט ווע־גען ליטעראטור, זיינען ניט אימשטאנד אויסצודריקען זיינע התפעלות פון אמאליגע אויטאריטעטען זיינע, און ער גיט עס

ארוים מיט פערשיעדענע בעוועגונגען און מיט קלאנגען...

עס העלפט אבער ניט: שטילמאן ענטפערט מיט א דיפלאָמאטישער געלאסענהייט:

— איהר האט א טעות, ר׳ חיים, א גרויסען טעות — דאס דאכט זיך אייך. לעזט היינטיגע שרייבער די נייע. לעזט טשערניחאָווסקי׳ס שירים... לעזט מיין שיר אין „אשכול“, איהר האט איהם געלעזען? פרעגט ער צום סוף ניט דרייסט.

— יא, ווי דען? איהר האט דאך מיר געוויזען...

און ר׳ חיים האקט זיך אב. וואס טהוט מען דא? אויס ערדעלקייט מוז ער דעם „משורר“ אין די אויגען זאגען, אז דער שיר איז הפלא, נאר ווי אזוי זאגט מען עס? — געבען דעם שונא א שארפע שווערד אין האנד און פאלען טויט אונטער זיינע פיס... און חיים בעשליסט צו ראנגלען זיך אליין מיט׳ן שווערד, ניט אונטערגעבען זיך. די געשטארבענע העברעאישע שרייבער שוועבען פאר זיינע אויגען און בעטען דאכט זיך: האלט זיך שטייף, פערטיידיג אונז!

און אז שטילמאן פרעגט מיט אונגעדולד:

— נו, וואס זאגט איהר אויף מיין שיר?

— עס איז א שיר!... — ענטפערט חיים קאלט — די „חרוזים“ קלינגען טאקי, אבער דער „לשון“ איז געמאטערט, חארטליך.

— און ביי אדם הכהן איז ווייך? — פרעגט מיט גזלנישע אויגען שטילמאן.

— איהר פרעגט נאך? איהר זענט דען קיין מבין ניט אויף גוט? — ענטפערט חיים מיט א זיעגערישען שמייכעל.

ער פיהלט, אז ער האט דעם שונא בעזיעגט, שטילמאן איז געבליבען אהן ווערטער. ער האט זיך אויפגעהויבען פון ארט, האט בעצאהלט פאר׳ן מיטאג און איז אהן אן אדיע ארויסגעגאנגען.

— ער איז ד׳אכט זיך ברוגז געווארען! — זאגט חיים מיט

א זיפץ. עס פערדריסט איהם דאָך א מיטאג־עסער, די פּרנסה איז אזוי אויך קליין.

און דאָך פיהלט ער, אז עס וואלט זעהר גוט געווען ער זאָל שוין מעהר קיינמאָל ניט קומען, ער קען אויף זיין פּרצוף ניט קוקען. ער וויל ביי איהם אוועקרויבען דאָס, וואס ביי איהם איז אזוי הייליג, אזוי טהייער...

— א פּרא אָדם, א בחור! שרייט ער ענדליך אוים מיט כעס פאר די געסט, זאל ער געהן בשם אלהי ישראל...

# ביים דאוונען.

מיכל בערעס איז א רייכער בעל־הבית מיט א שעהנעם נאָ־מען אין זיין שטעדטעל, מיט א שעהן הויז און מיט נאָך א שעה־נערען גאָרטען.

דעם גארטען האָט ער פערפלאנצט מיט פונפצעהן יאָהר צו־ריק, ווען זיינע געשעפטען זיינען גלענצענד אוועק. די ערשטע יאָהרען, אז די בוימעלעך זייענן נאָך יונג געווען, פלעגען זיי איהם שטארק רייצען. „אריינגעלעגט א שטיק גאָלד און גאָר נישט! ווארט ביז וואנען מען וועט עפּעס פון זיי א נחת דערלעבען, קענען אן עפעל צי א בארנע אָב־רייסען!“ צינד אָבער, אז די בוימעלעך זיינען בוימער געוואָ־רען און זיינען געווען אָנגעזועצט מיט רויטע עפּעל, מיט פולע בארנעס, האָט מיכל שטארק נחת געקליבען פון זיין גאָרטען און איז שטאָלץ געווען מיט זיין אונטערנעהמונג.

— ווער מען וואָלט דאָ אין שטעדטעל איינגעפאלען צו האָ־בען אין אייגענעם גאָרטען — פלעגט ער מיט שטאָלץ טראכ־טען, — זיי ווייסען דען עפּעס?

אין איינעם א הייסען זומער־פריה־מאָרגען, איז ער אויפ־געשטאנען זעקס א זייגער אין דער פריה. ער האָט אבגעגאסען נעגעל וואסער, ארויפגעחאפּט אויף זיך דעם שלאָפראק און איז ארויס אין גאָרטען. עס איז געווען ענדע תמוז, די זונן האָט הער־ליך געפלאקערט און בעשאָטען מיט גאָלדענע שטראהלען די

צווייגען, די פייגעלעך האָבען פרעהליך און אויפגעלעבט גע־טשיריקעט, בעהאלטענדיג זיך ערגעץ צווישען די געדיכטע צווייגען, ווי זיי וואלטען מורא האָבען צו דערזעהן אַ מענשליכע געשטאלט... פון דער מילדער ווארעמקייט, וואס די שטראהלען האָבען געגאָסען, פון די פייערליכע פויגעל־געזאַנגען און דער הויפּט פון זיין אייגענעם — דעם גאָרטען, איז ר׳ מיכל׳ען געוואָ־רען זעהר פרעהליך אין זיין סוחרישען הארצען, די נשמה זיינע האָט זיך עפּעס ווי אַ הייב געטהאָן און ער האָט אָנגעהויבען אונטערזינגען אַ יום נוראים׳דיגען ניגונדיל.

און אונטערזינגענדיג דאָס ניגונ׳דעל מיט אַ פרעהליך־גע־מיטה, איז ער פּאַוואָלי אומגעגאַנגען איבער די שמאָלע וועגע־לעך פון גאָרטען און האָט בעטראַכט די בוימער, וואס האָבען זיך געבויגען אונטער דער שווערער משא פון די פרוכט, וואס איז אויף זיי געהאַנגען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בוימער בעטען זיך רחמים: נעם אראָב פון אונז די פרוכט, וואס זיינען מיר מחויב צו טראָגען זיי אויף זיך, מיר האָבען שוין קיין כח ניט!...

— אַ געראָטען־יאָהר! — האָט מיכל געזעדט צו זיך אליין, בעטראכטענדיג מיט מבינישע בליקען יעדעם צווייגעלע בעזונדער — עס זאָלען נאָר, רבונו של עולם, קיין ווינדען ניט זיין!

דער געדאַנק וועגען ווינדען דערשרעקט איהם, ער ווערט אביסעל צורודערט. נאָר די זון, וואס ווארימט איהם וואס ווייַ־טער אַלץ מילדער, דערלאָזט איהם ניט צו אריינלאָזען זיך אין טרויעריגע געדאַנקען און זיין פרעהליכע לוינע קומט ווידער צו איהם.

ער געהט אום איבער׳ן גאָרטען און איז זיך מיישב צו דאַוונען דער ווייל פון „פּאַרענט“.

ער הייבט אָן די ברכות צו זאָגען און איז מכון יעדעם וואָרט.

„אלו דברים שאין להם שיעור. הפאה והבכורים“...

דאָס דערמאָנט איהם אַן ארץ ישראל. דאָרטען פלעגט מען „על פּי דין“ מוזען געבען די אָרימע לייט און די כהנים פאה און בכורים און מעשר... ווי אזוי איז עס צוגעגאנגען קען ער זיך יעצט ניט דערמאָנען, ער האָט שוין לאנג קיין משניות אין האנד ניט גענומען. „א שאָד! טראכט ער, מען דאַרף דורכקוקען נאָך אמאָל זרעים... פון פּרות דאכט זיך האָט מען גאָר נישט גע־דארפט געבען... און אפשר יאָ...

ער מעסט אָב מיט די אויגען די פּרוכט פון זיין גארטען און ווייל משער זיין: פיעל וואָלט אָנגעקומען די כהנים, צי די אָרימע לייט, ווען דער דין וואָלט דאָ אין חוץ לארץ אויך געהערשט.

דער רעכענונג קומט ביי איהם אויס גאָר א גרויסער, אז „מעשר“ — א צעהנט־חלק — וואָלט אויסגעקומען זיכער א פּוד צעהן.

— א היבש געשעפט וואָלט געווען! קלערט ער איראָניש, איהם דאכט זיך אבער, אז גאָט, דער „יודע מחשבות“, וויים, וואָס ער טראכט אין הארצען, און ער קען נאָך איהם דערפאַר שטראָפען מיט א שטורים־ווינד און ער מורמעלט ווי פאַר גאָט ארוים:

— אז דער דין וואָלט געווען געזאָגט אויף חוץ לארץ וואָלט איך אודאי געגעבען! ווי דען?

אז ער בערוהיגט זיך אביסעל פון גאָט׳ס שטראָף און בלייבט צופריעדען, וואָס מען דאַרף קיין מעשר ניט געבען, ווערט ער ווידער פרעהליך און זינגענדיג דאָס פריהערדיגע נגונ׳דעל, געהט ער אום איבער׳ן גארטען און בעטראכט יעדער בוים בעזונדער.

צוקומענדיג צו דעם ווינקעל פּארקאן, וואָס צווימט אָב די בוימער פון גאָס, דערשרעקט ער זיך, ער האָט גאָר ביז אהער ניט בעמערקט וואָס פאַר א שאָדען ער קען האָבען. עטליכע בוימער, די בעסטע בוימער, וואקסען אריבער דעם פּארקאן און שטעהען

אין א גרויסער סכנה. אז מען זאָל זיך פון גאַס אוועק שטעלען אויפ׳ן שפּיץ פּאַרקאַן און איינבויגען די צווייגען קען מען לייכט רייסען עפּיל. ער ווערט שוין שרעקליך אויפגעבראַכט, זיין פאַנטאַזיע מאָלט איהם שוין אויס א בילד, ווי אזוי איין אבגע־ריסענער מאוסער גאַסען־יונג שטעהט אויפ׳ן שפּיץ פּאַרקאַן, בויגט די צווייגען צו זיך און פרעסט עפּיל...

— א רוח אין איהם! — שרייט ער אויס כמעט ווי אויפ׳ן קול, גלייך ווי ער וואָלט שוין דעם גנב געזעהען. זיין פרעהליכע לוינע פערשווינדט, ער הערט אויף צו זינגען, לאָזט דאָס דאַווענען פון פאַרענט, ווי ער וואָלט א וויכטיגערע תפלה געפונען און הייבט אָן צו טראַכטען צו דעם אונגליק א מיטעל.

„מען דאַרף איבערשטעלען דעם פּאַרקאַן, העכער מאַכען איהם“, מאַכט ער פּלענער — באַלד אָבער בלייבט ער אונצו־פריעדען דערמיט: „עס וועט קאָסטען א מטמון מיט געלד!“

און קלערענדיג און זוכענדיג א מיטעל, ווי אזוי צו פערהי־טען די עטליכע בוימער פון גאַסען יונגען און פון גנבים, אז זיי זאָלען ניט קענען צוקומען צו זיינע עפּיל, דערמאָנט ער זיך, אז אמאָל, געהענדיג הינטער׳ן שטעדטעל צווישען די גויעשע געמ־ליך, האָט ער בעמערקט, ווי דאָס רוב זיינען דאָרט די פּאַרקאַ־נעס פון די גערטנער אָנגעשלאָגען מיט צוויעקעס, מיט די שפּי־צען ארויף. לכתחלה האָט ער דאמאָלט גערעכענט, אז דאָס שלאָגען אָן די גויעשע ווייבער אויף צו הענגען און צו טריקע־נען וועש. אז ער האָט אָבער געפרעגט ביי איין אלטען „בעל־הגוף“, צוליעב וואָס זיינען די פּאַרקאַנעס אָנגעשלאָגען מיט צוועקעס, האָט איהם יענער געענטפערט:

— קאַב זלאָדעאי ניע קראַלי: גנבים זאָלען ניט גנבה״־נען...

ער דערמאָנט זיך איצט, אז דער „בעל־הגוף„ האָט איהם דערצעהלט דער צו א געשיכטע, ווי אזוי איינער האָט איין א פינסטערער נאַכט געוואָלט אריינקריכען אין גאַרטען עפּיל צו

גנב׳נען, האָט ער אזוי צובלוטיגט די הענד און געבליעבען הענ־גען אויף די צוועקעס, אז ער האָט געמאכט א גוואלד, מען זאָל איהם קומען ראטעווען. עס פערשטעהט זיך, אז מען האָט איהם געראטעוועט מיט קולאקעס און אוועק געפיהרט אין פאָליציע.

מיכל׳ען איז דער איינפאל דאמאָלס שטארק געפעלען געוואָרען, נאָר דאמאָלס זיינען נאָך זיינע בוימער „ערלה“ גע־ווען און ער האָט זיך מיט׳ן מיטעל ניט שטארק אינטערעסירט, איצט אָבער האָט דער מיטעל איהם די אויגען געעפענט.

איהם האָט זיך שוין פארגעשטעלט, ווי אזוי א שמוציגער גנב הענגט אויפ׳ן פארקאן מיט פערבלוטיגטע הענד און שרייט: „אוי, ראטעוועט!“...

— רעכט אויף דיר, קריך ניט גנב׳ענען! — האָט מיכל גערעדט פאר זיך, גלייך ווי דער גנב וואלט שוין געהאנגען אויף די צוועקעס...

און ער בעשליעסט זיך, אז נאָכ׳ן דאווענען קויפט ער צוועקעס און שלאָגט אַן דעם גאנצען פארקאן מיט די שפיצען ארויף.

— די צוועקעס זאָלען זיין וואָס שפיציגער!.. — מורמעלט ער מיט נקמה־געפיהל.

ער מעסט אום מיט די אויגען די גרויס פון פארקאן און איז משער, אז עס וועט אוועק געהן אודאי פאר א רובעל צוועקעס...

— מילא, פערפאלען — טראכט ער זיך — וואָס דען? לאָזען זיי פרעסען מיינע עפעל? א תכלית!

און מיכל בערוהיגט זיך און נעמט זיך ווידער דאווענען פון פאָרענט, ער האָט פערגעסען וואו ער האלט און העבט אָן אויף דאָס ניי, ווי ער וואלט געטראכט: זאָל, רבונו של עולם, בעסער מיינע איבער געהן!...

און קומענדיג צו „הפאה והבכורים“, דערמאָנט ער זיך ווי־דער אָז ארץ ישראל, אן דער משניות און ער איז דאכט זיך צו־

פריעדען, וואס ער וואהנט אין חוץ לארץ און איהם איז פער־שפארט צו געבען „מעשר“...

ער דערשרעקט זיך וויעדער פאר זיינע מחשבות און הויבט אויף די אויגען, צי קוקט אויף איהם ניט גאט...

— ותלמוד תורה כנגד כולם! — ענדיגט ער מיט א התלהבות׳דיגען ניגון.

— דער עיקר איז תורה — מאכט ער א פשרה, און איז שטארק צופריעדען, וואס אלע מצות זיינען קעגען תורה לערנען א שפיי.

— מען דארף איבערקוקען „זרעים“ נאך אמאל, בע־שליעסט ער פעסט, מען דארף זעהן, וואס טהוט זיך דארטען מכח מעשר און בכורים.

און ער בלייבט צופריעדען מיט זיין גוטען רצון און פער־טיעפט זיך אין פרומע געדאנקען ביז ער קומט צום געדאנק, אז נאכ׳ן דאווענען, אי״ה, דארף מען אנשלאגען דעם פארקאן מיט צוועקעס מיט די שפיצען ארויף.

— א פיינע המצאה, כ׳לעבען... האט ער געשמייכעלט און ווייטער געדאווענט...

# שכר למוד.

— טאטע, דער רבי האָט געבעטען געלד! —האָט שלום'קע אויסגעשאָסען, אריינקומענדיג פאר נאכט א היים פון חדר.

— ווייטער געלד! — האָט חנן זיך שמערצליך פער־קרימט — ווי לאנג האָב איך מיט דיר געשיקט דריי רובל!

— ער האָט געזאָגט, אז עס איז שוין באלד סוף הזמן און דו האָסט ערשט אָנגעגעבען זיבען רובל, נאָך אכט רובל קומט. ער דארף האָבען! — האָט שלום'קע שוין בייזליך געענדיגט, קראַ־צענדיג זיך אין קעפּיל.

— שאַ, נאַר בייזער זיך ניט, מיין תכשיט! — האָט חנן נערוועז געזאָגט, דערמאָנענדיג זיך, אז עס איז שוין טאקע לאנג צייט צו שיקען געלד.

ער איז אנשווינען געוואָרען און האָט מיט יאוש געצופּט דאָס בערדיל, ווי ער וואָלט פרעגען ביי איהם: „וואָס זאָגסטו, מיין בערדיל, צו אַזאַ אומגליק"...

ניט דערוואַרטענדיג פון בערדיל קיין שום עצה, האָט ער גענומען פּיהרען מיט'ן האנד איבער'ן גאנצען פּנים, און אז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, האָט ער געהויבען פון קאָפּ די היטעל, ארויף און אראָפּ, דאָ אין גאנצען עס אראָפּגענומען און אין האנד צוגעהאַלטען, דאָ ווידער עס אָנגעטהאָן, און איבערגע'חזר'ענ־דיג דאָס עטליכע מאָל, איז דער וואָלקען פון זיין צוקנייטשט פּנים, ווי העלער געוואָרען, אין די אויגען האָט עפּעס זיך א

פייערל בעוויזען און ער האָט שוין גוטמוטהיגער ארויסגעזאָגט, ניט קוקענדיג קיינעם אין די אויגען:

— מען דארף מארגען פערקויפען דעם פעקיל זוימען!...

— ווערסטו מארגען געבען געלד? האָט שלום'קע געפרעגט, דערהערענדיג, אז דער טאַטע וועט מארגען פערקויפען דעם פעקיל זוימען.

— איבערמאָרגען, מיין זוהן!

—איבערמארגען! איבערמארגען! — האָט זיך שלום'קע געוואָרפען, פארשטעלענדיג זיך אין זיין דמיון, ווי אזוי ער וועט מארגען דארפען אריין אין חדר און קוקען דעם רבי'ן גלייך אין פנים אריין און זאָגען איהם: „ניטאָ"...

— שטיל! — האָט חנן ווייך זיך געבייזערט — איך זאָג דיר איבערמארגען, איז איבערמארגען — געזאָגט איז געזאָגט!..

— אין דער אמת'ן וואס מאכסטו אזוינע העויות! — האָט זיך שוין די מאמע אריינגעמישט — עס ברענט דאָך ניט! דער טאַטע זאָגט איבערמארגען איז איבערמארגען.

שלום'קע האָט זיך מישב געווען, אז עס איז טאקע ניט קיין אומגליק, האָט זיך גלייך פערגעסען אָן דעם, און געבעטען וועטשערע.

— אלץ ווילסטו! — האָט די מאמע האלב ערנסט און האלב שמייכלענדיג גערעדט, — אי געלד פאר'ן רבי'ן, אי וועטשערע, ניעחאי ווּאלסטו פערדיענען...

—איך בין דאָך נאָך א קליינער! — האָט שלום'קע זיך פערענטפערט...

— א שעהנער קליינער — 12 יאָהר א בחור! — האָט די מוטער געזיפצט גלאט אין דער וועלט אריין.

---

אויף מארגען פריה נאָכ'ן דאַוונען האָט חנן געעפענט דעם שפייכלער, וואס האָט זיך געפונען אויפ'ן הויף, און האָט בעטראַכט דעם פעקיל זוימען, וואס איז געלעגען רוהיג אין א ווינ־

קעל פון גרויסען זאסיעק. די איבריגע צוויי זאסיעקעס זיינען געווען ליידיג און האָבען מיט אומעט און מיט פאָרווירפע גע־קוקט אויף חנן'ן, וואס ער האָט אין זיי שוין אזוי לאנג ניט אריינגעשאָטען קיין תבואה.

חנן האָט אריינגערוקט אין זאסיעק די האנד, ארויסגענו־מען א הויפען זוימען און האָט געטראכט אויפ'ן קול:

— שעהנער זוימען — ער וועט אודאי האָבען 7 מאס!

ער האָט געפיהרט מיט איין פינגער פון דער לינקער האנד אויפ'ן ביסעל זוימען, וואָס האָט זיך געפונען אין דער רעכטער האנד — און האָט ווייטער געטראכט:

— ער קאָסט אבער שעהנע געלד! טהייערע מקחים גע־צאָהלט, פרוב אבער, וויז דאָס דעם סוחר לעווינען, וועט ער פערקרימען די נאָז און זאגען: ס'איז שוואכע סחורה, און ער וועט דיר אָבשניידען נאָז ון אויערען, א קלייניגקייט — א י י ן סוחר!... האָט ער זיך צוזיפצט.

און חנן מאכט א חשבון. אז דער פעקעל זוימען קאָסט איהם דורכשניטליך צו זיעבען גילדען א פוד; אז דער סוחר זאָל אפילו געבען צו 7 מיט צעהן, קען ער האָבען פון הונדערט פוד הונדערט צעהנערליך — פינף רובל, איז פּראָ־צענט פון געלד שוין אָנגעוואקסען אודאי צוויי רובל, בלייבט איהם ריינער ריוח דריי רובל.

חנן זיפצט און טראכט עצות, ווי אזוי פערדיענט מען פון דעם פעקעל זוימען האָטש צעהן רובל.

און ער צופט דאָס בערדעל, רייבט דאָס פנים, מישט דעם זוימען און הויבט די אויגען צום בוידעם פון שפייכלער...

אויפ'ן בוידעם איז יאָ דאָ א מיטעל, ווי צו פערדיענען: דאָרטען ליגט דריי זעקלעך מיט „זעליא*) עס קאָסט סך הכל צו גילדען א פוד, דאָס זאָל מען אריינשיטען, נאָכדעם, ווי דער סוחר וועט דעם פעקיל זוימען אָנקוקען, א דריי פיער פוד, קען זיין עטליכע רובל רויח...

עס איז אבער „אבמאן“, גנבה, חנן וויל זיין איין עהרלי־בער סוחר, חנן האט מורא פאר גאט און פאר זיך אליין...

פאר זיך אליין מעהר ווי פאר גאט... נאך אזא מעשה, וועט איהם גאט אפשר מוחל זיין, גאט ווייסט דאך, אז ער איז ניט שולדיג — די גויט, זי טהוט עס. אבער ער, חנן, איז א שלעכ־טער, ער וועט זיך אזעלכע מעשיות קיינמאל ניט מוחל זיין און נאכדעם עסט ער שטענדיג זיך אליין:

— וואס האסטו דאס געטהאן, חנן, הא? שעהן אזוי, גוט אזוי, עהרליך אזוי?.. בערעכען זיך, חנן?...

און חנן הערט אויף צו קוקען אויפ'ן בוידעם וואו די זעק־לעך מיט די פסלות ליעגען און בעשליסט צו האנדלען עהרליך...

— עהרליך, עהרליך, עהרליך! — שרייט ער אויס און פערשליסט דעם שפייכלער און געהט רופען דעם סוחר...

---

דער סוחר לעווין, א הויכער איד, מיט א רויט פנים, מיט קליינע שווארצע אויגלעך, פערקאטשעט די ארבעל און לאזט זיך אראב גרונטעווען אין ווינקעל פון זאסיעק.

— עס איז7 מאסיגער! ניטא גאר וואס צו שמועסען!— קען זיך חנן ניט איינהאלטען און לויבט זיין סחורה, נאך איי־דער דער סוחר בעטראכט עס אליין.

דעם סוחר פערדריסט, וואס חנן, אזא קליין ווערימעל, זאגט איהם פריהער, איידער ער אליין האט נאך בעטראכט, וויפיעל מאס דער זוימען האט, און ער זאגט ארוים קאלט:

— באלד וועלען מיר אליין זעהן וויפיעל מאס ער האט!

חנן'ן קלאפט דאס הארץ פאר שרעק, טאמער געפינט דער סוחר, אז דער זוימען איז ניט זיבעצן מאס, — עס איז דאך א גזלן א איד — טראכט ער, און ער פרובט זיך ווירקען אויפ'ן סוחר'ס מבינות מיט א גוט ווארט:

— אייך, פאני לעווינען, דארף מען שוין ניט זאגען, איהר ווייסט, פאני לעווין, אליין — איך וואלט עס פערמאגט יעצט

אַ צעהנטל־חלק, וואָס איהר האָט שוין איבערגעשיקט זוימען קיין קעניגסבערג...

— יאָ, ברודער, מעגסט זיך עס ווינשען! — זאָגט לעווין מיט גדלות, גרונטעווענדיג זיך אַלץ אין די זוימען—וואָס וואָלסטו אָבער געטהאָן מיט אַזוי פיעל געלד?

— חע... חע... חע... — לאַכט ביטערליך חנן... — איך וואָלט שוין געוואוסט וואָס צו טהאָן... איך וואָלט געהאַנדעלט ווי איהר „אויף קעניגסבערג“..

— דער זוימען האָט מעהר ניט ווי פינף מיט אַ האַלבע מאָס — העכסטענס זעקס! — האָט פּלוצלונג לעווין אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

חנן'ס געמאַכטער שמייכעל, וואָס איז געלעגען די גאַנצע צייט אויף די ליפּען, איז פערשוואונדען; קוים שטעהענדיג אויף די פיס, האָט ער אַרויסגערעדט:

— וואָס רעדט איהר, פּאַני לעווין?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט! — האָט דער סוחר קאַלט געענטפערט.

— איז וויפיעל, הייסט דאָס, גיט איהר? — האָט חנן מיט אַ נעקלעמטען קול געפרעגט.

— צו 98 קאָפּיקעס — דאָס איז הויך געצאָהלט. זוימען איז יעצט געפאַלען, האָט לעווין רוהיג אַרויסגעזאָגט.

— פּאַני לעווין, איהר פערלאַנגט איך זאָל נאָך צולעגען?... האָט זיך חנן געבעטען און בשעת־מעשה האָט זיך איהם געוואָלט אויסשרייען: „אַ, דו גראָבער גזלן!“ און אַריינשטעכען איהם אַ מעסער...

— איך קען אודאי ניט צולעגען! — האָט לעווין טרוקען געענטפערט און געוואָלט אַרויסגעהן.

— זייט עפּיס מוסיף! — האָט זיך חנן געבעטען און אין זיין קול האָט זיך ווי טרעהרען געהערט.

לעווין איז צוגעגאַנגען נאָך אַמאָל צום זאַסיעק, פּערקאַ־

טשערט נאָך אמאָל די ארבעל פון זיין שווארצען ראָק, זיך גע־לאָזט גרונטעווען, און ארויסגערעדט:

— מילא, דו האָסט נאָך צוויי קאָפּיקעס, גלייך צו רובל, — דו טשעפּעסט זיך צו, ביזט ווי א פּעך...

— מעהר גיט איהר טאַקי ניט?

לעווין האָט געמאכט א מינע ווי ער איז אין כעס און האָט ניט געענטפערט. חנן האָט זיך דערשראָקען פאר דער מינע. וואס וועט ער איהם טהאָן, אז ער וועט דערפאר גאר ניט וועלען קוי־פען ביי איהם? און א קוק טהוענדיג אויפ'ן בוידעם, וואו די זעקליך פּסלות זיינען געלעגען, האָט חנן, ווי מיט א געמאכ־טען כח ארויסגעריסען פון מויל:

— מילא, פאר אייך. ווען וועט איהר עס צונעהמען?

— פיער דעם זייגער שיק איך דעם „מענשען" מיט פוה־רען.

— גוט! — האָט חנן מסכים געווען און געקוקט מיט שרעק אויפ'ן בוידעם. דער סוחר האָט שוין געוואלט אוועק־געהן און האָט געוואָרפען זיינע שווארצע אייגלעך איבער'ן שפּייכלער.

— נאָר דו שיט מיר ניט אריין קיין „פּסולת", ווי איהר חברה הענדלער האָט ליעב... האָט ער געוואָרענט.

חנן איז בלייך געוואָרען און כדי דער סוחר זאָל עס ניט פערשטעהן, האָט ער גענומען זיך שווערען:

— אך, זאָל מיר גאָט אויסהיטען פון אזעלכע זאכען — וואס רעדט איהר? נאָר חנ'ן האָט זיך גערדאכט, אז דער סוחר פערשטעהט זיינע געדאנקען, און כדי דער סוחר זאָל אויף איהם קיין חשד אפילו ניט האָבען, האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון מויל:

— איהר קענט אייך נעהמען ביז פיער דעם זייגער דעם שליסעל פון שפּייכלער...

— יאָ, דאָס וואלט טאַקי ניט געשאדט, — איז לעווינען

געפעלען געוואָרען דער פּלאַן — און עהרליכער מאַן ביזטו יאָ, נאָר האַנדעלשאַפט, ווייסט דאָך..

— מיט'ן גרעסטען כבוד, מיט'ן גרעסטען כבוד ! — האָט חנן געשריגען, ווי פערצווייפעלט פאַר חרטה, וואָס ער האָט אַזאַ זאַך פאַרגעלעגט, דאָס פּנים האָט איהם געברענט, אין די שלייפען געקלאַפּט און מיט גרויס מאַטערניש איז איהם געלונגען זיך איינצוהאַלטען, ניט אויסצושרייען :

— קוילע ! קוילע ! קוילע !...

מיט ציטערענדיגע הענד האָט ער פערשלאָסען די טהיר. ארויסגענומען דעם שליסעל און מיט א שמייכעלע, וואָס האָט געקענט שטעכען אין זיעבעטען ריפּ האָט ער זיך געווענדעט צו לעווינען :

— אָט האָט איהר אייך דעם שליסעל !...

— גוט, גוט ! — האָט לעווין צופריעדען אויסגערופען, בעהאַלטענדיג דעם שליסעל טיעף אין קעשענע.

— נאָר שפּעטיגט זיך ניט, פּאַני לעווין, — האָט חנן כמעט ווי געוויינט — מען דאַרף אמאָל עפּעס האָבען אין שפּייכלער. נאָר לעווין איז שוין ווייט געווען און חנן האָט זיך אליין געזידעלט:

— אוי, דו תרח, תרח! וואָס האָסטו דאָ געטהאָן, דו וועסט דאָך איצטער בדלות ווערען... וואו וועסטו נעהמען שכר למוד?...

און חנן האָט פערבראָכען די הענד, די אויגען האָבען מיט פונקען געשאָסען, ער איז אַזוי געבליבען שטעהן ביים שפּייכלער און אָנגעהויבען זוכען אַן אָרט וואו אריינצוגעהן צוריק... נאָר דער שפּייכלער איז געווען פערמאַכט פון אַלע זייטען, אויסער א קליין לאַנג-שמאָל פענסטעריל, אַהן א שייבעל... חנן האָט געקוקט אויפ'ן פענסטערל, געקוקט, געפּרובט מעסטען, צי וועט ער קענען אריינגעהן, נאָר אומזיסט, ווי ניט אויסגעדאַרט ער איז געווען, איז ער פאַרט פאַר דעם פענסטערל צו דיק געווען.

*

צווײ א זײגער איז געקומען שלומקע פון חדר.

— נו, טאטע, װעסט געבען געלד מארגען דעם רבי׳ן?

חנן האט ניט געענטפערט. ער האט אויסגעשטעלט די אויגען און שטארק פערטראכט האט ער געקוקט אויף שלומקען.

— װאס קוקסטו אזוי אויף מיר, טאטע? — האט שלומקע געלאכט.

שלומקע האט זיך פערשעמט און האט אראבגערוקט דאס היטעלע און ניט קוקענדיג אויפ׳ן טאטען האט ער װייטער געפרעגט:

— זאג, װעסט געבען?

שלומקע! װילסט זיין א חואט? — האט חנן אנשטאט צו ענטפערן געפרעגט.

— װאס איז?

— קום אויפ׳ן הויף, איך װעל דיר עפעס זאגען.

א נייגיעריגער איז שלומקע ארויסגעגאנגען נאכ׳ן טאטען אויפ׳ן הויף.

— װאס טאטע?

חנן האט איהם צוגעפיהרט צום שפייכלער און, אנווייזענדיג אויפ׳ן פענסטעריל, װאס איז ניט הויך געװען, האט ער געפרעגט:

— דו װעסט קענען דורכקריכען דורכ׳ן פענסטערל?

— אויך מיר א פאראדע! — האט שלומקע גערעדט אויפ׳ן יונגעלשען לשון, דערהערענדיג, אז דער טאטע אליין הייסט איהם „שטיפען“ אביסעל.

— טא קריך, מיין גאלד, אריין, — האט חנן גערעדט און האט זיך געשעמט פאר זיין יונגעלע און פאר זיך אליין — און קריך נאכדעם ארויף אויפ׳ן בוידעם... דארטען ליעגען זעק מיט זעליא... װייסט דאך.

— איך װייס, איך װייס... װאס מען שיט אין זוימען! איך

האָב אמאָל געזעהן! — האָט שלומקע פרעהליך פון זיין געניט־קייט אויסגעשריגען.

— שאַ, שריי ניט, נאַריש אינגעל! — האָט זיך חנן גע־בייזערט, — קריך אַרויף אויפ'ן בוידעם, בינד אָפּ אַ זאַק און שיט אריין אין דעם זאַסיעק זוימען, אָבער מען דאַרף נאָכדעם גוט אויסמישען... וועסט קענען?

— יאַ, יאַ! — האָט זיך שלומקע אָנגעכאַפּט, איך מיש אַלע מאָל מיט'ן שופעל.

— נו, קריך! נאָר פאַמעליך...

שלומקע האָט זיך אָנגעהאַנגען אויפ'ן פענסטערל און גע־שווינד, ווי אַ קאַץ, איז ער פערשוואונדען דורכ'ן פענסטערל אין שפייכלער אריין.

חנן איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צום גאַס און געהיט. דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט און פאַר די אויגען איז איהם גע־שטאַנען לעווין מיט'ן שליסעל אין האַנד...

— נו, וואָס הערט זיך? — איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטעריל אין פינף מינוט אַרום.

— איך מיש! — האָט שלומקע פרעהליך אויסגעשריגען, — צוויי זעק האָב איך אריינגעשאָטען.

חנן איז לכתחילה אַ פערציטערטער געוואָרען און האָט שטילערהייד אין פענסטערל אריינגעשריגען:

— גזלן! איך וועל דיך הרג'ענען! האָסט געפּאַטערט דעם זוימען.

— איך מיש אויס גוט! — האָט שלומקע געשריען. עס וועט ניט זיין קענטיג.

— נו, אַ אינגעלע! — האָט חנן געטראַכט און אַ געפיהל פון וועהטאָג און פערגעניגען האָט איהם דורכגענומען — מילא צוויי זעק איז צוויי זעק! — האָט ער זיך בערוהיגט, איצטער וועט אפשר זיין עפּעס פּרנסה... וואָס זאָל מען טהאָן?...

— שוין, טאטע! — האט שלומקע אין 10 מינוט ארום אויסגעשריען דורכ'ן פענסטעריל.

— גוט אויסגעמישט?

— גוט!

א פערשוויצטער איז שלומקע ארויסגעקראכען, זיינע שטענ־דיג בלייכע דארע בעקלעך זיינען געווען רויט, די אויגעלעך האבען געגלאנצט, און אינגאנצען שיינענדיג פאר גליק, וואס דער טאַ־טע האט איהם געטרויט אזא ארבייט, האט ער פון קעשענע ארויסגענומען א פראבקעלע זוימען און געוויזען דעם טאטען.

— גוט? — האט ער געפרעגט א צופריעדענער.

— האפט איהם דער טייוועל — עס וועט זיין גוט... דער גזלן... ער געטרויט ניט... דעם שליסעל נעהמט ער צו, ער איז אליין א גנב...

שלומקע האט געקוקט אויפ'ן טאטען און ניט פערשטאַ־נען, וואס ער איז אזוי צוטראגען.

— נו, מארגען וועסטו געבען געלד פאר'ן רבי'ן?... — האט ער געפרעגט.

— ווי דען מיין זוהן! — האט דער טאטע זיכער געענט־פערט, 5 רובל גיב איך דיר מארגען...

און ווירקליך איז אויף מארגען שלומקע געפלויגען מיט א נייער 5 רובלדיגע אין חדר אריין. דער רבי האט איהם א קניפ געטהאן אין באק און געזאגט: א שעהנער בחור. שלומקען האט זיך פאר שמחה געוואלט דערצעהלען נעכטיגע בריה'שאפט זיינע, נאר ער האט זיך דערמאנט, אז דער טאטע האט איהם פערזאגט, אז ער זאל למען השם קיינעם, קיינעם ניט דער־צעהלען.

און שלומקע האט זיך גענומען לערנען גאט'ס תורה, האל־טענדיג דעם נעכטיגען סוד טיעף אין זיין קליין יונג הערצעלע, וואס דאס האט איהם שטארק געדריקט.

אנדערש אבער האט דער סוד געדריקט זיין טאטען חנ'ען...

# די גרויסע סוכה.

דאָס קלענסטע שטיבעל אין גאס איז געווען ברוך'ס. דאָס דאָזיגע שטיבעלע האָט געהאט מעהר עהנליכקייט צו א חאטקע אין א דאָרף איידער צו א שטעדטעלשען בנין, נאָר דער דאך מיט צופוילטע שינדלען איז געווען איין עדות, אז דאָס שטי־בעלע איז א שטעדטעל'שע און די מזוזה ביים טהיר — אז עס איז א אידישע.

דאָס שטיבעלע אינוועניג האָט קיינע צימערן ניט געהאט. די עלטערע טאָכטער האָט אפילו אמאָל געפּרובט די צווייטע העלפט פון שטיבעלע, וואס איז געווען אָבגעצוימט מיט א היל־צערנעם ניט געפּארבטען אלמער, א נאָמען געבען „די פינסטערע קאמער“, דאָס האָט זיך איהר אבער ניט איינגעגעבען. פינס־טער איז אפילו אין דער אנדער העלפט געווען געגוג, אבער קיין איינדרוק פון א „קאמער“ האט דאָס ניט געמאכט. צוויי מאָל האָט זי עס מיט דעם דאָזיגען נאָמען אָנגערופען, אבער, אז די אלע הויזיגע האָבען איהר ניט אונטערגעהאלטען, האָט זי אליין אויך אויפגעהערט צו גלויבען אין די ריכטיגקייט פון נאָמען, און זי האָט צוגלייך מיט אלע הויזיגע אָנגערופען די צווייטע העלפט — „דער פינסטערער ווינקעל“...

עס פערשטעהט זיך, אז איין אלמער אין אזא ענגען שטי־בעל איז ניט אזוי [illegible] [illegible] גאסט. הויך און שטאָלץ און

קאַלטבלוטיג איז ער געשטאַנען אין מיטען שטיבעלע און האָט זיך ניט געלאָזען א קעהר טהאָן דעם לעבעדיגען מענשען... דער אַלמער איז אבער געווען א ירושה פון ברוך'ס עלטערען און מען האָט זיך מיט איהם געמוזט האַלטען, בעטענדיג אויף איהם אַלע טאג אין הארצען א תפלה...

אַבער נאָך מעהר אַבקומעניש איז געווען דער אויווען. אַז דער אכזר האָט פערהאַפט כמעט דריי חלקים פון שטיבעל. דער אַלמער איז זיינער גאָר א נאָהנטער שכן געווען, נאָר שטארק ליעב איינע די אנדערע האָבען זיי זיך ניט געהאַט: זיי האָבען ביידע זיך שטענדיג בייז אָנגעקוקט. סיידען ערב פסח, ווען צביה, די בעל־הבית'טע פון שטיבעלע פלעגט דעם פאַרענט פון אויווען אבקאַלכען, דאַן פלעגט ער עפּעס אָנהייבען אביסעל ווי פרייגדליכער קוקען אויף זיין שכן...

ווי קומט אין אזא קליין שטיבעלע אזא גרויסע אויווען, ווייסען אפילו ניט זיינע בעלי־בתים. דאָס שטיבעלע שטעהט שוין אודאי הונדערטער יאָהרען. ווער ווייס, וואס פאר א משוגעים פארצייטען זיינען געווען, וואס פאר א מיין זיי האָבען דערמיט געהאַט. זיי, די בעלי־בתים, האָבען דאָס שטיבעל ניט געקויפט. גלייך נאָך ברוך'ס חתונה האָט דער פאָטער איהם אריינגעזעצט אהער, און אַט אזוי זיצט ער שוין עטליכע צעהנד־ליג יאָהר. צו דערגעהן די געשיכטע פון דעם שטיבעלע האָט ער קיין צייט ניט, ער האָט בילכערע זאכען: ברוך איז א איד, וואָס האָט א ווייב מיט א סך קינדער און מיט ווייניג פרנסה...

בכן איז איינס פון די ערשטע אונגליקען אין ברוך'ס הויז־געזינד די ענגשאפט. ברוך'ס ווייב, צביה איז אפילו א בריה א אידענע, די עלטערע טאָכטער האָט נאָך איהר אריבערגעשטי־גען, און אַט די צוויי בריות ארבייטען געגוג, כדי צו מאכען עפּעס ארדנונג, גערוימקייט אין שטיבעלע. אבער וויפיעל זיי זאָלען ניט ארבייטען העלפט עס ניט. אַט איז נאָך אַנביי־סען; די מוטער און טאָכטער האָבען דאָס געזונד אוועקגעלעגט

אויפצורוימען, מאַכען אַ שטיקעלע דורכגאַנג צום טיש. עס גע־דויערט אָבער ניט קיין צעהן מינוט, עס פאַלט עפּעס אַראָב אויף דער ערד, עפּעס ניט פאַרזיכטיג אָוועקגעשטעלט, עטוואָס די באַנק אַ דרעה געטהאָן, און אין שטיבעל קאָן מען שוין ווידער נישט דורכגעהן, חאָטש נעהם און שפּרינג! וואָרים אויסער דעם אַלמער און אויוועו האָבען זיך נאָך, פערשטעהט זיך ממילא, געפונען אין שטיבעל צוויי בעטען, אַ טיש און צוויי לאַנגע בענק פון וועלכע איינע, די לענגערע, האָט מיט איהרע שפּיצען גע־לעכערט די ווענד; און קלענערע כלי־בית.

— האָט אונז דיין טאַטע אַ ירושה געלאָזען! — פלעגט צביה ניט איינמאָל „שטעכען" איהר ברוך'ן, ווען די ענגשאַפט איז געווען ניט צו דערטראַגען, למשל ביים אויסבעטען די בע־טען, ביים חלה באַקען, טשאָלענט רוקען און נאָך אַזוינע צייטען פון הו־הא.

ברוך פלעגט איהר קיינמאָל נישט ענטפערן, וואָרום ער אַליין איז אָט מיט דער דאָזיגער ירושה אויך ניט געווען צו־פריעדען. חאָטש צייטענווייז פלעגט ער טראַכטען: פון דעסט־וועגען פאָרט אַן אייגענער ווינקעל...

אויסער וואָס די בעלי־בתים פון שטיבעלע האָבען געליטען פון דער ענגשאַפט פיזיש, האָבען זיי אויך גייסטיג געליטען און מען קאָן זאָגען, אַז די גייסטיגע ליידען זיינען פיעל גרעסערע געווען...

אמת, ברוך איז געווען אַן אָרימער איד, אָבער דאָך איז ער געווען אַ בעל־הבית, געשטאַמט פון שעהנעם יחוס, איצע זלאַטעס למשל איז געווען זיינער גאָר אַ נאָהנטער קרוב, און איצע זלאַטעס איז אַ איד אַן עושר... אויסער דעם דאָזיגען קרוב האָט ער געהאַט נאָך פיעל קרובים: צביה איז אויך ניט געווען חלילה קיין עלענדע, אויך ניט פון אַ שטיין געבוירען. פון ביידע צדדים האָבען זיך אָנגעקליבען מומעס, פעטערס, שוועסטער־קינדער, שני בשלישי אַ היבשע ביסעל. און אָט טאַקי צוליעב

דער דאָזיגער משפּחה האָט ברוך מיט זיין צביה מיט דער על־טערער טאָכטער, געהאַט ניט זעלטען שפּיכות דמים.

עס טרעפט זיך, און ניט זעלטען, אַז צביה ווערט געלעגען מיט אַ אינגעל. עס פאַרשטעהט זיך אַז עס איז אַ שמחה, זאָל זיין אפילו — דאָס דריטע אינגעל. אין שטיבעלע איז טאַקע ענג, אבער די ערשטע וואָך ליעגט דאָס נייגעבוירען קינד נעבען דער קינפּעטאָרין און פאַרנעהמט וועניג פּלאַץ, שפּעטער אַז עס דאַרף האָבען אַ וויעגעלע איז אויך ניט קיין בייז. צביה האָט אַלע קינדער אויסגעהאָדעוועט אין הענג־וויעגעליך, וואָס דאָס פאַר־נעהמט נור אַ פּלאַץ אין דערלופטען, עלעהיי אַ צווייטער גאָ־רען.. אבער דעם ברית מאַכען איז ניטאָ וואו, אין ברוך׳ס שטי־בעלע קאָן זיך ניט אפילו דער נויטיגער מנין פּאַטויפּען און ווי געזאָגט, ברוך מיט צביה׳ן זיינען בעלי־משפּחה און רופען מוז מען יעדען.

און דאָ הייבען זיך אָן די שפּיכות דמים. די רייכערע מר־מעם און פעטערס, וואָס זיינען די גאַנצע „שיינדעל“, קומען ערשט נאָכ׳ן ברית און אויך ניט אַלע צוזאַמען נאָר פּאַרווייז, און ברוך מוז זיך פאַר יעדען פאַרענטפערען, וואָס עס איז אַזוי ענג, און וואַרפט פאַרצווייפעלטע בליקען אויף די וועגד, ווי ער וואָלט וועלען זיי בעטען: ווערט עפּעס ברייטער, גזלנים!..

אבער נאָך גרעסער זיינען די שפּיכות דמים ביי יעדען יום־טוב, ווען די קרובים ווי דער מנהג איז, לאַדען איין איינע די אַנדערע אויף „כיבוד“.

— זאָלסט זיך אָקאָרשט ניט לאָזען בעטען אויף ברכה!

— קלאַפּט איהם אין שוהל אַ יעדער קרוב אין פּלייצע נאָכ׳ן יום־טוב׳דיגען דאַווענען — למען השם מיט צביה׳ן און מיט די קינדערליך. הערסט, ברוך?

ברוך הערט. ווי דען? ער וועט ניט געהן און אָנמאַכען אַ ברוגז?... אודאי קומט ער צו יעדערן מיט זיין גאַנצען געזינד. מען מאַכט ברכה, מען ווינשט לחיים, און נאָכ׳ן כבוד, ווען ער

דאַרף צו זיך רופֿען, לויט דער מנהג אין שטעדטעל, דיענט איהם ניט די צונג אַרויסצורעדען זיין איינלאַדונג, און ער שטאַמעלט קוים אַרויס:

— איצטער וואָלט מען געדאַרפֿט צו מיר געהן...

— אי״ה, אַז דו וועסט בויען אַ גרעסערע שטוב... גאָט וועט העלפֿען...

בעקומענדיג אַזאַ ענטפֿער, וויל ער צוריק ענטפֿערן: וואָס איז? אין אַ גוט לעבען איז ניט ענג.—וואָס קאַן זיין אין גרונד, אַ קליגערער ענטפֿער?... אָבער דער ענטפֿער בלייבט ביי איהם ווי אין האַלז, און ברוך קאַן איהם בשום אופֿן ניט אַרויסרעדען, חאַטש נעהם און שלעפּ איהם אַרויס פֿון דאָרטען מיט די הענד...

און פֿערגעסענדיג צו בעדאַנקען „פֿאַר אַלעם גוטען״, ווי דער דרך־ארץ איז, געהט ער אַרויס פֿון קרוב, נאָכשלעפּענדיג נאָך זיך דאָס געזינד, און איהם דאַכט זיך, אַז ניט פֿון „כיבוד״ געהט ער, נאָר פֿון אַ מאַלצייט, וואָס אַ גביר האָט געמאַכט פֿאַר אָרימע לייט.

און דאָס פּנים פּלאַמט איהם פֿאַר חרפּה, און מיט'ן דאָזיגען געפֿיהל געהט ער אַוועק צו אַ צווייטען קרוב, אַ דריטען, אַ פֿיערטען. וואָס דען? ניט געהן און אָנמאַכען אַ ברוגז?...

אָבער יעדער יום־טוב צו געהן אויף „כבוד״ און צו זיך די „משפּחה״ קיינמאָל ניט איינלאַדען, וואָלט ברוך נישט געקאָנט פּועל'ן ביי זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט. אַזוי געפֿאַלען זיין וואָלט שוין אפֿילו ברוך, דער אָרימער אין דער משפּחה, ניט געקאָנט.

פּסח, שבועות, חנוכה אויף לאַטקעס, פּורים צו דער סעודה, קאָן ער טאַקי צוריק צו זיך אויף כבוד ניט רופֿען: זיין שטיבעלע קאָן אַזאַ גרויסען עולם ניט אויפֿנעהמען. דערפֿאַר אָבער איז דאָך דאָ נאָך אַ יום־טוב — סכּות. סכּות לאַכט ברוך פֿון דער גאַנצער וועלט!

ברוך'ס שטיבעלע איז טאַקי די קלענסטע אין גאַס, אָבער

דער הויף איז דער גרעסטער. „פלאץ" איז אין שטעדטיל נישט קיין גרויסע מציאה, דער עיקר איז דאָס בויען, און ווען ברוך איז ניט ביכולת אויסצובויען א גרויס הויז אויף זיין גרויסען הויף, קאָן ער אבער דערפאר אוועקשטעלען סוכות אזא סוכה, וואס זאָל זיין די גרעסטע פון אלע סכות. ווען א גאנץ יאהר לעבט ברוך מיט'ן הויזגעזינד אין ענגשאפט, וויל ער כאָטש לע־בען אין רחבות זיעבען טעג אין יאָהר. א.חיי־שעה איז אויך א לעבען, בפרט זיעבען טעג, — א קלייניגקייט זיעבען טעג אין גערוימקייט, היינט דאָס ניט פערשעהמט ווערען פאר דער משפחה!....

און גלייך נאָך יום־כפור נעהמט זיך ברוך בויען זיין פּא־לאץ — די סוכה. קודם־כל שיקט ער ארויף זיין עלטערן בחור'ל אויפ'ן בוידעם, וואו עס ליגען א פיער־פינף ברעטלעך, אויך ירושה נאָך פון זיין טאַטען. עס פערשטעהט זיך, אז די עטליכע ברעטלעך, וואלטען אפילו „אויף א צאָהן נישט גע־קלעקט" אויף א געוועהנליכער סוכה. בפרט אויף אזא גרויסע, ווי ברוך נעהמט זיך פאָר צו מאכען. מען דארף אבער ניט פער־געסען, אז ברוך איז א גרויסער „עקאָנאָם", די סוכה בויט ער ניט אין מיטען הויף, ער זאָל דארפען האָבען פיער גאנצע ווענד, נאָר ער שטעלט זי צו צום וואנט פון שטיבעל. די סוכה דארף דאָך אבער זיין גרעסער פאר זיין שטיבעל, שטוקעוועט ער טאקי צו צום וואנד די עטליכע ברעטער, וועלכע גרייכען ביז דעם שכן'ס גארטען, וואס האָט צום גליק א פּארקאַן פון ברעטער. האָט שוין ברוך צוויי ווענד, כמעט פארטיגע, בלייבט איהם נאָך אנדערהאלבען, נעהמט ברוך אראָב די דריי ווינטער־פענס־טער פון בוידעם, די צוויי טהירלעך פון אלמער, דאָס איבריגע בארגט ער צו ביי די שכנים, וועלכע „געהען אריין אין זיין לאַגע" און בארגען איהם פון דאָס לעצטע, און די סוכה האָט שוין פיערטהאלבען ווענד און א חלול אויף א טהיר. די טהיר איז שוין ניט פון ברעטער, נאָר פון קאָלדרע און דוקא פון צוויי

קאַלדרעס, ווייל א גרויסע סוכה מוז האָבען א גרויסע טהיר און איין קאַלדרע קלעקט ניט...

אז דער בנין פון דער סוכה ווערט פערטיג און קיין מאנס־בילשע ארבייט דארף זי שוין ניט, נעהמען זיך צו איהר ערשט די ווייבער — צביה מיט דער עלטערער טאָכטער. זיי קעהרען זי גוט אויס, שיטען אוים מיט געלען זאמד און מען טראגט ארויס די גאנצע מעבעל פון שטיבעל, ד. ה. דעם טיש מיט צוויי בענק און די צוויי טאבורעטען אין סוכה אריין. דאָס שטיבעל בלייבט פוסט, פיהלט זיך ווי בעליידיגט, און די פיער וועגד מורמלען דאכט זיך: גרויסע יחסנים!... אָבער ווענען פון הויזגעזינד ליעגט יעצט אין קאָפּ דאָס שטיבעל, ווען אויפ׳ן הויף שטעהט אזא גרויסע סוכה! אלע לאכען איצט פון שטי־בעלע און ווילען פערגעסען, אז נאָך סוכות וועט מען צוריק צו איהר מוזען אָנקומען און זי וועט זיך געגוג דאמאָלס נוקם זיין מיט איהר ענגשאפט...

ווער געדענקט אין א גליקליכער צייט, וואס שפּעטער וועט זיין?...

יעצט אבער איז די סוכה די איינציגע דירה פון הויזגע־זינד און דאָס שטיבעל דיענט אלס א קיך...

— א קיך — זאָגט צביה איראָניש — איז א גאנץ גרוי־סע...

דאָס שטיבעלע הערט און ווערט נעבעך צופּלאצט און די פיער וועגד קלערען: ווארט, ווארט, מיר וועלען זיך מיט אייך אברעכענען!...

ווער הערט זיין אָבער יעצט? די גרויסע סוכה איז דער־ווייל די יחסנ׳טע. די משפּחה וועט טאקי אויף כבוד אהער קומען און ניט אין שטיבעלע.

און ווירקליך, דעם אנדער׳ן טאָג יום־טוב פעררופט ברוך אויף „ברכה“ דאָס שיינדעל פון זיין משפּחה.

— איהר וועט אָנקוקען א סוכה! זאָגט ער מיט א שטאָל־

צען שמייכעל: — א סוכה — א פעלד! א רחבות!...

— אהא! — ענטפערט איהם ווער פון זיין משפחה — סכות ביזמו דאך טאקע א קיסר...

און די משפחה געהט צו ברוך'ן אויף ברכה און ברוך נעהמט־אויף מיט כל הכבודים, וואס זיין צביה האט פאר'ן לעצטען גראשען אנגעגרייט, און ער שטעהט הינטער זיי און בעדיענט זיי מיט א שטראהלענדען פנים, און קאן זיך ניט איינהאלטען און מוז האטש צו איינעם פון די קרובים א זאג טהאן:

— מיר דאכט זיך, אז מיין סוכה איז גרעסער פון אייע־רע...

דער „מיר דאכט" איז נאר פון ערעלקייט וועגען. ברוך איז זיכער אז זיין סכה איז די גרעסטע אין שטאדט.

און גרויס איז זיין שמחה, ווען דער רייכסטער קרוב זיי־נער ענטפערט איהם מיט א מין געפאלענקייט:

— מיין סכה איז א ברעקעל... זיך ניטא וואו א קעהר צו טהאן...

את דעם ענטפער געדענקט ברוך א גאנץ יאהר און דער ענטפער גיעט איהם מוט און העזה צו געהן די איבריגע יום־טובים צו זיין משפחה אויף כבוד: נישט קשה, סכות בעצאהלט ער זיי כפל־כפלים...

# אָרימע מצה.

עלף א זייגער ביי נאכט.

ביי חיים לייבעס אין „פּאָדריאַד“ וואו א גאנצען טאָג רוישט און טומעלט, איז געווארען שטילער. די וועלגערינס, מיידלעך און יונגע ווייבלעך, פיהלען זיך זעהר מיעד און האָבען קיין כוח ניט צווישען זיך צו רעדען. אפילו חיהביילע, דאָס יונג פרעהליכע ווייבעל, וואס זינגט א גאנצען טאָג ליעדער, ניט קוקענדיג אויפ'ן שטרענגען משגיח, וועלכער ווייזט איהר אויף, אז א פרוי טאָר בפירוש ניט זינגען, — אפילו זי איז אויך שטיל, נאָר פאר זיך אונטער'ן נאָז ברומט זי דאָס ליעדעל:

„זיי־זשע געזונד, מיין געטרייע מוטער,
איך פאָהר שוין פון דיר אוועק“...

און דאָס איז נישט דערפאר, ווייל זי איז יעצט אויפגעלעגט צו זינגען, נאָר גלאט אזוי: זינט זי האָט דאָ אין דער פרעמדער שטאָדט התונה געהאט, געהט איהר דאָס ליעדעל קיינמאָל פון זינען נישט ארויס.

ווען ניט דאָס קלאפּען פון די קאצעלקעס איבער די ברעטער, דאָס סקריפּען פון רעדעל איבער'ן בלעך, וואלט זיך געדאכט, אז זיי שלאָפען אלע שטעהענדיג, אזוי מיעד און אבגעמאטערט זעהען זיי אויס. עפּטערס נאָר רייסט זיך ארויס א געשריי פון א נערוועזער מיעדער וועלגערין אויף דער קנעטע־

רין: „פערשטייפט זיך, מען קען דאָך ניט וואלגערן!“ אויף וואָס די קנעטעריז ענטפערט אזוי ווי פון אונטער דער ערד: „געה דו צום בעקען, וועסטו וויסען ווי צו פערשטייפען זיך, אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען מיין כח“...

און עס ווערען ווידער אלע ענטשוויגען.

און אז די שטילקייט דויערט צו לאַנג און די מידיגקייט ווערט שווערער, הויבט אָן אין פּאַדריאַד צו רוישען:

— איך פאַל פון די פיס, אויף נאמנות, — קלאָגט זיך איין וועלגערין פאַר דער צווייטער.

— און איך האָב שוין קיין הענד ניט — ענטפערט איהר די צווייטע, קרעכצענדיג — אָט דאָ אין די דאַלאָנעס שטעכט מיר, ווי מיט נאָדלען, קוים וואס איך ריהר אָן די קאצעלקע.

אַ דריטע וועלגערין, מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט גרויסע טיעפע גריבער אונטער די אויגען, קלאָגט זיך פאַר זיי ביידען, אז איהר ברעכען אלע ביינער, זי וואלט אוועקגעגעבען אַ האלב לעבען מען זאָל איהר לאָזען איצטער אוועקגעהן אהיים צושפּאַרען זיך. ביי די ווערטער „צושפּארען זיך“ בייגט זי אָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט וועלען פּרובען ווי גרויס עס איז דערפון דער תענוג.

נאָך אַ וועלגערין פערצעהלט הויך מיט אַ שטימע פול צאָרן, אז ביי עשקע בינוש'עס האָט מען שוין מיט אַ שעה צו־ריק געענדיגט. דאָס ווירקט זעהר שלעכט אויף די וועלגערינס, און דער גאַנצער פּאַדריאַד, אויסער דער קנעטערין און דעם זעטצער, ביידע אין די מיטעלע יאָהרען, — צעבונטעוועט זיך מיט אַ געפּילדעריי:

— ווען וועט מען שוין געהן אהיים! אין אלע פּאַדריאַ־דען האָט מען שוין לאַנג געענדיגט. נאָר אויף אונז איז עפּעס איין אויסנאָם, ערגער ווי אומעטום.

דער זעטצער, אַ הויכער דארער איד, מיט אַ שפּיציג בער־דעל, מיט אַ פערפלאָמט פּנים אויף וועלכען עס שטעהען גרוי־

סע טראַפּען שוויים, לויפט צו צום בלעך, קלאַפּט אָן מיט׳ן שטעקען און צובייזערט זיך:

— מצה, מצה! אַ לעדיגער אויוועון! וואָס האָט איהר זיך צע׳דרשנ׳ט! דער טאָג איז אייך וועניג?!

אויף זיין געשריי לויפט אריין פון אַ זייטיגען חדר׳ל די בעל־הבית׳טע, אַ נידריגע פרוי מיט אַ געקנייטשטש פינסטערן פּנים מיט גוטע שווארצע אויגען און זי הויבט זיך אָן בעטען ביי די וועלגערינס:

— באַלד, קינדערלעך, באַלד! —פארהאַן נאָך אפשר זעקס „מיירעם" אין זעקעל.

— שעהנע זעקס! — קלינגט אויס פון ערגעץ אַ ווינקעל אַ יונג־קינדיש קול׳כעל. דאָס איז דער „שיטער" אליין. ווער וויים נאָך אזוי ווי ער, פיעל „מיירעם" עס זיינען נאָך דאָ! ער הויבט אויף מיט זיינע דארע הענדטלעך דאָס זעקעל און איז זיך משער, אז עס וועט זיין נאָך שטאַרקע צעהן „מייערם".

די וועלגערינס צושרייען זיך וויימער, נאָר דער זעצער בייזערט זיך און מיט׳ן שטעקען קלאַפּט ער איבער׳ן בלעך:

— מצה, מצה! עס קיהלט דער אויבען!

— אי זאָל איהם, רבונו של עולם, קיהלען אין בויך! — שעלט אַ וועלגערין.

— וואָס איז ער שולדיג! — פערענטפערט איהם דאָס יונ־גע פרעהליכע ווייבעל — איהם איז נאָך אפשר שווערער ווי אונז, און קיין גרויסער גבור איז ער אויך ניט, נאָר וואס זאָל ער טהאָן? ער וויים אז מען מוז ענדיגען. פריהער, שפּעטער, מען וועט אין מיטען ניט לאָזען און צוגעהן זיך.

עס איז ווידער שטיל געוואָרען, אזוי ווי אלע וואלטען געקומען צו איין איבערצייגונג, אז מיט׳ן קלאָגען זיך מאַכט מען זיך נישט גרינגער. פערפאַלען, ענדיגען מוז מען! שטיל נאָר פלעגט אַ מאָל אַ וועלגערין ארויסלאָזען אַ שווערען קרעכץ, אָנהאַפּענדיג זיך דאָ פאר׳ן הארצען, דאָ פאר׳ן זיים: און וויע־

דער דאָס זעלבע קלאַפּען מיט די קאַצעלקעס איבער די ברעט־טער, דאָס סקריפּען מיט'ן רעדיל איבער'ן בלעך.. און די צייט ציהט זיך אַזוי לאַנג...

נאָר אָט קריכט אַרויס די קנעטערין פון איהר „ווינקעל", מיט פערקאַשערטע אַרבעל און מיט גרויסע טראָפּען שווייס אויפ'ן פאַרמעט־פּנים. פרעהליך הויבט זי אויף אין דער הויך די „מיירע", ווי זי וואָלט ווייזען די וועלגערינס אַזאַ מין אַר־טיקעל וואָס זיי האָבען קיינמאָל דאָ ניט געזעהען. מיט אַ הייזעריג קול, דאָך געגוג הויך, רופט זי אויס:

— די לעצט מיידע!

— די לעצטע מיירע! קלינגט עס איבער'ן פּאָדריאַד. און אַלע וועלגערינס צוכאַפּען די טייגלעך פון דעם טהיילערס האַנד מיט שמחה, אונטערזינגענדיג: באַלד, באַלד, באַלד!

„באַלד", „באַלד" — קלינגט אָב ביי יעדערער אין קאָפּ.

דער רעדלער וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ביים בלעך מרה שחורה'דיג האָט זיך אַוועק געשטעלט מיט אַ קור־ראַזש צו דער אַרבייט, קונציג וואַרפט ער איבער יעדע מצה אויף דער קאַצעלקע און ער נעהמט זיך געשווינד אָבצורעדלען די פּיעל אָנגעקליעבענע מצה אויפ'ן בלעך.

ער האָט מיט צוויי מינוט פריהער נישט געקאַנט גובר זיין דעם „יצר הרע" זיינעם, ער האָט זיך אָבגעשטעלט מאַכען אַ פּאַ־פּיראָס און ער מוז דערפאַר איצטער צוהאָרעווען, דער זעצער האָט איהם שוין צוויי מאָל אַ פּאָרע געטהאָן מיט'ן שטעקען, ער זאָל פאַרטיג מאַכען די מצה. נאָר דערהערענדיג אַז עס איז שוין די לעצטע מיירע אַרט איהם גאָר נישט. דאָס וואָרט „באַלד" קלינגט איהם אויך פרעהליך אין קאָפּ און פלינק קנאַקט דאָס רעדעל איבער'ן בלעך און איהם דאַכט זיך, אַז עס שרייט: גוז'באַלד, גוז'באַלד, גוז'באַלד!...

—י—חד—ש—הו ק—דוש ברוך—הוא! — זינגט ער אונטער צום טאַקט.

און דאָס פרעהליכע ווייבעל דערהערט זיין זינגען און ענטפערט איהם צוריק מיט א ליעדעלע:

יאקיל איז א יונג מיט ביינער
און דערצו א חוואט
און צו ציפּקעלע דער שענער
האָט ער חשק געהאט...

דאָס מיינט זי איהם פאַרצוואורפען זיין „ליעבע“, וואס ער פיהרט דאָ נאָך איהר מיינונג, מיט ציפּקעלע די וועלגערין. נאָר ער מאכט זיך, ווי נישט הערענדיג. ציפּקעלע אבער שמייכעלט חנ'דיג צום ווייבעל:

— אי, א קלאָג נאָך חיה'ביילען, ווי זי מאכט דאָס אב אביסעל!

— וואָס? אפשר א ליגען! דאגה נישט, איך האָב היינט אליין געזעהען בשעת „אָנוואַרפען“ דעם אויוען...

נאָר דער נייער געטומעל געפּעלט נישט דעם זעצער און ער גיט א קלאַפּ מיט'ן שטעקען איבער די ברעטער:

— מצה, מצה! שטעהט נישט, רעדט נישט!

נאָר איצט לאכט מען איהם שוין אוים! א פּאָר וועלגערינס האָבען שוין אָבגעשיקט די לעצטע מצות צום רעדלער, מיט עפּעס א אינגעלע, וואָס האָט זיך, גאָט ווייסט צוליעב וואָס, דאָ א גאנצען אבענד אומגעדרעהט, די איבריגע וועלגערינס ברויכען נאָר צו פערגלייכען די שפּיצען פון די מצות, וואָס זיינען ביי זיי ארויסגעקומען פון גרוים איילעניש.

און אָט איז שוין געענדיגט! די קנעטעריו ווישט שוין דעם בעקען, דער רעדלער האלט שוין ביי דער לעצטער מצה, איבער וועלכער זיין האנד פליהט ווי א וויכער אונטער דאָס ווילדע געסקריפּעריי... דער זעצער ערוואַרטעט זי מיט אונגעדולד, חאפּט זי ענדליך ארויף אויפ'ן שטעקען און מארש אין אויבען, וואו עס טריקענען זיך נאָך א צוויי לעצטע מצות.

די וועלגערינס ווישען זיך דעם שווייס און קלויבען זיך שוין אוועק צו געהן.

— אי, וועל איך דאָס א פּאָל טהאָן גלייך אין בעט! — זאָגט איין וועלגערין דער צווייטער:

— און „וועטשערע"? פרעגט יענע.

— ווער האָט כח צו עסען? איך וועל זיך אפילו ניט אויסטהאָן — גלייך אין בעט.

—איך ווייס ניט, צי וואָלט איך געקענט פערנאַנדער וועלגערען נאָך איין טייגעל, — מישט זיך אריין א דריטע אין שמועס — אזוי מאַט בין איך!

— נו, קומט שוין. קומט שוין! — שרייט צו א פערטע. פסח אי"ה, וועלען מיר שמועסען.

—אוי, ווי דערלעבט מען שוין פסח! — האָט זיך איינע צוזיפצט.

— מען וועט , נישקשה, דערלעבען. א לעבעדיגער מענש דערלעבט אלץ! — טרייסט דאָס פרעהליכע ווייבעל!

נאָר פלוצים איז אין פּאָדריאַד א טומעל געוואָרען.

די בעל־הבית'טע איז ארויס פון דעם זייטיגען חדר'ל און האָט ארויסגעזאָגט עטליכע ווערטער מיט א געבעט, כמעט מיט טרעהרען, נאָר אין פּאָדריאַד האָבען זיי יעדערען ווי א דונער געטראָפען.

— נאָך א פוד, נאָך א פוד! אי, וועה! האָט זיך געהערט קולות. וואָס שטעהען מיר, קומט אוועק!

נאָר די בעל־הבית'טע האָט זיי מיטביידע הענד פערצוימט דעם וועג און האָט ווייטער זיך געבעטען:

— איהר ווייסט, דאַכט זיך, קינדערלעך, או! איך יאָג זיך ניט אזוי נאָך דער פרנסה, און אז אימיצער וואָלט מיר יעצט געגעבען פאר א פוד הונדערט רובל, וואָלט איך זיך נישט גער שטעלט באקען און מוטשעט אייך. נאָך דעם פוד מוז מען אָפּבאקען. איך וועל פאר איהם אפילו א גראשען נישט

נעהמען, דאָס איז חיענע דער אלמנה'ס. שוין א וואָך, אז איהר זעקיל מעהל וואלגערט זיך דאָ, און איך לעג אלץ אב, עס איז אלץ דאָ בילכערע, רייכערע, זאל גאָט ניט שטראָפען פאר די רייד... יעצט איז שוין אבער די לעצטע צוויי טעג, מעהר קען איך שוין נישט אָבלעגען, זי קען נאָך חלילה אהן מצה בלייבען. איהר קענט דאָך זי — אמאָל איז זי א פיינע בעל־הבית־טע געווען, זי פלעגט זיין ביי מיר פון די ערשטע און שטענדיג אויף דעם „ערשטען אויוועז". פאר די ווענגערינס פלעגט זי אי־בערלאָזען א רובעל, הייגט דעם רעדלער... דעם זעצער, דער קנע־טעריז... דאָס איז געווען אביסעל א „בעל צדקה"!... איך וויים ניט פאר וואס האָט זי גאָט אזוי געשטראָפט... איצטער קען זי אפילו פאר'ן באקען נישט בעצאָהלען. זי מוז נעביך באַ־קען שפעט ביי נאכט, אז אַך און וועה ווי די מצה וועלען שוין מויגען — פלעצליך!... נאָר אבי קיין חמץ נישט! האָט רחמנות קינדערלעך, רוהט אייך אוים אביסעל און לאָמיר זיך נעהמען אָפּבאקען איהר די מצות. גאָט וועט אייך געבען כח... נו, איז וואס זאָגט איהר?... האָט די בעל־הבית'טע ווי פערצווייפעלט אויסגעלאָזען איהר בקשה, זעהענדיג די מיעדע און פער־מאטערטע פנימער.

— אוי, רבונו של עולם! — האָט זיך ארוים געריסען ביי יעדען א שווערער זיפץ, אנשטאָט אן ענטפער.

א שווערע מלחמה איז ביי זיי אין אינווענינ פארגעקומען. עס האָט מלחמה געהאלטען א רוהיג בעטיל, א זיסער שלאָף מיט א שווערער קאצעלקע מיט ברענענדיגע מאזאָליעס. נור איין ארימע אלמנה מיט פערווייינטע אויגען האָט ביי זיי גיך שלום געמאכט, און דאָס פרעהליכע ווייבעל חיה ביילע האָט די ערשטע אויסגעשריען:

— איך בלייב די ערשטע!

— איך אויך! — האָט זיך געהערט א צווייטע שטימע.

— און איך אויך! — האָט א דריטע אויסגערופען.

— נו, מען וועט שוין אלע בלייבען. — האט א פירטע גע־ענטפערט פאר אלע איבעריגע, ווי זי וואלט געוועזען זיכער, אז קיינער וועט ניט האבען די העזה זיך אבצוזאגען.

— אבער איהר וועט רעדלען! האט זיך ענדליך איין רעד־לער געפונען צו פראטעסטירען. איך האב קיין כח ניט צו שטעהן דא ביז צוויי א זייגער. איך האב שוין קיין פינגער ניט. און מיין „פאמאצניק" שלאפט שוין אין דער היים, ווי א גע־הרג'עטער.

— נו, זיי נישט קיין שייגעץ — האט זיך דער זעצער האלב ערנסט, האלב שמייכלענדיג געבייזערט — דו וועסט לאזען אז אלמנה אהן מצה? שייגעץ!...

— שייגעץ... שייגעץ! — האט דער רעדלער נאכגעקרימט און האט זיך אוועקגעזעצט ביים בלעך.

די קנעטערין איז שטיל געזעסען אויפ'ן בענ־קיל, וואו דער אלמנה'ס מעהל איז שוין געשטאנען און האט דערויף, ווי פערצווייפעלט, געקוקט, זי האט ניט געוואוסט ווי צו בעגעהן זיך דא. אבזאגען זיך האט זי ניט געקענט — א קלייניגקייט אן אלמנה! עס איז א ביטע־רער רחמנות. היינט קען נאך דער אויבערשטער שטראפען... נאר בלייבען האט זי מורא געהאט נאך מעהר ווי אוועקצוגעהן. איהר האט זיך ניט געגלויבט, אז זי זאל קענען אבשטעהן ביים בעקען נאך א שעה. איהר האט זיך געדאכט, אז ביי דער ערש־טער „מיירע" וועט זי פאלען.

— איך וועל געווים אנידערפאלען. — האט זי שטיל גע־שעפטשעט.

אין קאפ איז איהר דורכגעפלויגען א מאדנער געדאנק: „אין ניסן איז גוט צו שטארבען"...

נאר דאס פרעהליכע ווייבעל האט בעמערקט דער קנע־קנעטערינס טויט־בלייכען פנים און זי האט מיט א ליעבליכע מינע אויסגערופען:

— אי, אונזער קנעטערין איז גאָר א באָבע. זי איז שוין צוגעשטאַנען! געהט אייך געזונטערהייט א היים שלאָפען. איך וועל פאר אייך קנעטען — איך בין מעהר בריה.

אַלע אין פאָדריאַד זיינען פרעהליכער געוואָרען און יעדע־רע פון זיי האָט דערשפירט עפּעס נייע כחות, ווי מען וואלט פלוצים זייערע צעבראָכענע ביינער עלעקטריזירט.

און באלד האָט מען זיך גענומען צו דער אַלמנה׳ס מצה. לעבעדיג און לוסטיג איז צוגעגאַנגען די ארבייט. דאָס פרעהליכע ווייבעל איז געווען זעהר צופריעדען מיט איהר נייע שטעלע און האָט ביי יעדער „מיירע" שמייכלענדיג געפרעגט די וועלגערינס: „נו וואָס זאָגט איהר? אויף וואס אַלע פלעגען איהר איינשטי־מיג ענטפערן: „בעסער פאר דער קנעטערין!" ביים בעקען האָט זי אין גאַנצען זיך אויסגעלאכט פון משגיח. אָבגעלייקענט זיין גמרא און געקנאַקט איין ליעד נאָך דעם צווייטען, איבערגע־העכדיג ענדליך צום ליעד „יאָקיל איז א יונג מיט ביינער", ביי וועלכען ציפּקעלע די וועלגעהין פלעגט רויטליך ווערען און חנו׳דיג ענטפערען:

— אי א קלאָג אין חיה ביילה׳ן.

דער רעדלער מיט א פערלאָשענעם פאַפּיראָס אין מויל האָט געיאָגט איין מצה נאָך דער צווייטער, ער האָט געוואָלט גיכער אָבפערטיגען די בלעך מצה און פערדרייכערען, נאָר איהם איז עס ניט געלונגען און ער האָט דערפאר אויסגעזעהען ווי נערוועז.

און דער זעצער, ניט קוקענדיג, וואָס ער האָט נאָכאַנאַנד געהאט א פולען אויוועז מיט מצה, האָט אַלץ געקלאַפּט מיט׳ן שטעקען איבער׳ן בלעך:

— מצה, מצה. א לעדיגער אויוועז.

און די בעל־הבית׳טע, וועלכע איז געשטאַנען ביים ברעט

און, גלייך מיט די וועלגעריגס, געוועלגערט, האָט זיך אַלץ גע־בעטען:

— דינער, דינער! קינדערלעך, מאכט ניט קיין פּלעצלעך! עס איז אַ ר י מ ע מ צ ה! אַ רחמנות!...

# די צוויי ברידערלעך.

יענקעלע און בערעלע — צוויי ברידערלעך, דער ערשטער פיערצעהן יאהר אלט, דער צווייטער זעכצעהן — לערנען אין דער ישיבה, וואס געפינט זיך אין דער גרויסער שטאדט, פינף מייל פון זייער געבורטס־שטעדטעל דלותאוור־קע״.

יענקעלע איז א דארינקער, א בלייכינקער מיט צוויי שווארצע אויגעלעך, וואס קוקען חיטרע ארוים פון אונטער די צוויי שווארצע ברעמען. בערעלע איז העכער און פולער פאר יענקעלען, אויגען האט ער העלערע, און זיין קוק איז שטרענגער, און פערטראכטער.

די צוויי ברידערלעך האבען געהאט סטאנציע ביי אן ארימער קרובה, אן אלמנה, א טענדלעריז, וואס האט זיך ביז שפעט אין דער נאכט אין שטיבעל ניט געפונען. קיין בעט האבען די צוויי ברידערלעך ניט געהאט, דערפאר אבער האט דער קופערט, וואס איז נענוג ברייט געוועזן, געדיענט זיי פאר א בעט, און די צוויי ברידערלעך פלעגען ביידע געשמאק שלאפען אויף איהם, איינדעקענדיג זיך מיט זייערע לאנגע צעריסענע בגדימלעך און פלעגען אין חלום זעהן זייער שטעדטעלע, זייער געסיל, דאס שטיבעלע און דעם טאטען מיט דער לאנגער באָרד, מיט די אויסגעלאשענע אויגען, מיט׳ן געבויגענעם רוקען און פלעגען זעהן די מאמען מיט׳ן לאנגען בלייכען אומעטיגען פנים, און

פלעגען הערען, ווי די קליינעברידערלעך און שוועסטערלעך קריגען זיך, רייסענדיג זיך פאר א שטיקעל הערינג... און נאך פלעגט זיך זיי חלום'ען חלומות פון דער היים און אין דער פריה פלעגען זיי בענגען, און עס פלעגט זיי ציהען, ציהען, און דאמאלס פלעגען זיי לויפען אויף דער דלות'אווקער אכסניא פרעגען ביי די בעלי־העגלות א גרוס, צי א בריוועלע פון דער היים...

און די דלות'אווקער בעלי־עגלות זיינען געווען גוטע אידען, האבען געהאט ווייכע הערצער און וואלטען אודאי רחמנות גע־האט אויף די צוויי ארימע אינגלעך, וואס גארען אזוי עפעס הערען פון דער היים, וואס זייערע אייגעלעך ברענען און זייע־רע הערצעלעך קלאפען אזוי שטארק, אזוי שטארק, — זיינען אבער די בעלי־עגלות געווזען שטארק פארשמייעט: קומען פלעגען זיי אהער מיט טויזענטער שליחות פון דלות'אווקער קרעמער און סוחרים, און בריעף האבען זיי געהאט מעהר פאר דער פאסט, און די ארדענונג איז ביי זיי געווען א סך ווענינער אלס אין פאסט; בריעף פלעגט ביי זיי פערלעגען ווערען, פאַ־סילקעס פלעגט ביי זיי פארפאלען ווערען, און צעטומעלט, קרא־צענדיג זיך אין די פאטיליצעס פלעגען זיי יעדערען ענטפערען:

— אט באלד, באלד, באלד געפין איך... ניין... דאכט זיך פאר אייך האב איך גאר נישט...

אזוי פלעגען זיי ענטפערן גרויסע אידען, וואס פלעגען קו־מען צו זיי; די ברידערלעך אבער פלעגען שטעהן און שטעהן, קו־קען מיט דארשטיגע אויגען און מיט צוקלעמטע הערצער אויף לייזער בעל־עגלה—א בעוואקסענער איד, אין א קורצען וואטא־ווען קאפטאן סיי זומער, סיי ווינטער — און פלעגען ווארטען, טאמער וועט ער זיי בעמערקען און זאגען זיי עפעס, חאטש א ווארט... נאר לייזער איז געווען פערהאוועט: דא האט ער אויפ'ן הויף דעם פערד עסען געגעבען, דא פלעגט ער אריינלויפען אינ־ווענינ אין אכסניא, דא פלעגט ער זיך פונאנדערדעדען מיט א

פּריקאַזטשיק פון א גרויסען מאַגאַזין, וואָס האָט איהם א „רשימה“ מיט סחורה געבראַכט, אבצופיהרען אין דלות'אווקע פאַר א קרעמער. און די ברידערלעך פלעגען אַלץ שטעהן... ביז ז'עם עלטערן ברידערל — בערלען — פלעגט די געדולד פּלאַצען און א פאַרביסענער שיער ניט פונאַנדערוויינענדיג זיך פאַר פאַרדרוס, פלעגט ער קוים אויסרעדען:

— איהר האָט, ר' לייזער, א בריפעלע פון טאַטען?

נאָר לייזער פלעגט אָדער פלוצלונג ניט ווערען, ענטלויפען אין גאַס אריין מיט וועמען עס איז, אָדער זיין פערטראַגען אין שמועס און בערעלע פלעגט זיך קוים דערוואַרטען אויף עפּעס אן ענטפער, וועלכען לייזער פלעגט, ניט קוקענדיג בערעלען אין פנים, קאַלט ארויסזאָגען:

— ניטאָ... ניטאָ...

— ניטאָ! — פלעגט בערעלע ארויסקרעכצען און א צע־קלעמטער, אוועקרופען יענקעלען, און פלעגען זיך לאָזען געהן אויף זייערע „טעג“, אומעטיגע, דערשלאָגענע...

— ער מוז אודאי פערליערען די בריעף! — פלעגט יענ־קעלע נאָך דעם אין עטליכע מינוט ארום ארויסרעדען, געהענ־דיג.

— א שלעכטער איד! — פלעגט בערעלע ברומען פער־דריסליך...

נאָר איין מאָל האָט זיי לייזער דאָך א בריוועלע איבערגע־געבען, און דערצו א קליינע פּאַסילקע. אין בריוועלע איז גע־שטאַנען:

„ליעבע קינדער, זייט מענשען און ווילט לערנען. מיר שי־קען אייך דאָ א האַלבען קעז און א פיערטעל פונט צוקער און אין גלעזל א ביסעל יאַגדעס־סאָק, עסט געזונטערהייט און קריגט זיך ניט.

ממני אביכם חיים העכט“...

דאַמאָלס איז ביי זיי אין די אויגען לייזער בעל־עגלה גע־

ווען דער בעסטער מענש אין דער וועלט, זיי וואלטען זיך ניט געשעמט, וואלטען זיי איהם מיט זיין פערד און וואגען פאר ליעבשאפט אויסגעקושט. זיי האבען גלייך אנגעשריעבען א בריעפעל (פאפיער פלעגען זיי אויסרייסען אין ישיבה די ערש־טע בלעטער פון די גמרות און זייערע הערצלעך פלעגען געווג דאמאלס קלאפען) און האבען עס אויף דער נאכט ביידע אבגע־טראגען לייזער בעל־עגלה. לייזער האט עס קאלט צוגענומען, אריינגערוקט אין בוזעם און עפעס ארויסגעברומט אווארט עהנליך צו „גוט".

— וואס האט ער געזאגט, בערל? — האט יענקעלע מיט הארצקלאפעניש געפרעגט.

—גוט, דאכט זיך... — האט בערל מיט ספקות געענט־פערט.

— מיר האט זיך אויך געדאכט, אז ער האט געזאגט „גוט!", האט יענקעלע זיך אליין בערוהיגט. ער האט א זיפץ גע־טהאן און צוגעגעבען מיט שרעק:

— ער קאן נאך דעם בריעף אנווערען!

— ביים בעסער אב די צונג! — איז בערעלע איז כעס גע־ווארען.

און פערקלערט וועגען גורל פון זייער בריעף א היים, הא־בען זיי זיך געלאזט געהן אויף זייערע „טעג", וואס זיי האבען געהאט אין בעזונדערע גאסען.

---

אזוי זיינען די צוויי ברידערלעך דריי מאל אין וואך, ווען לייזער בעל־עגלה קומט צופאהרען אהער, אלע אין דערפריה, ניט נענגאנגען, נאר געלאפען אויף דער דלות'אווקער אכסניא, פרע־גען אן „ענטפער" אויף זייער בריעפעלע, און לייזער דער בעל־עגלה איז וואס אמאל אלץ מעהר צעטראגענער, בייזער און ענטפערט זיי, אדער האלבע ווערטער, וואס די צוויי ברידערלעך בענעהמען עס ניט און וואלטען וועלען איבערפרעגען, ווען זיי

וואָלטען קיין מורא ניט געהאַט, אָדער ער ענטפערט זיי גאָר ניט און זיי געהען אוועק מיט צעקלעמטע הערצער...

איינמאָל אָבער האָבען זיי דערהערט פון לייזער דעם בעל־עגלה גאַנצע ווערטער, וואָס זיי האָבען גוט פערשטאַנען:

— וואָס האָט איהר זיך, קונדיסים, צוגעטשעפּעט? וואָס דולט איהר מיר א קאָפּ: בריוועל, שמיוועל!... איהר צאָהלט מיר א סך?... איך בין אייערער א פּאָסטאַליאָן? וואָס? געהט אייך געזונטערהייד...

די צוויי ברידערלעך זיינען טאַקי אוועקגעגאַנגען, אָבער ניט געזונטערהייד, ווי ער האָט זיי געהייסען: די הערצעלעך האָבען זיי מאָדנע געדריקט, שטאַרק וועה געטהאָן און די יונגע דינע פּיס האָבען זיך געבויגען און טראָפּענס טרערהרען האָבען זיך זיי אין די אויגען געשטעלט און אראָבגערונען אויף דער ערד און צעטרעטען געוואָרען פון מענשליכע שווערע טריט...

און מעהר זיינען זיי שוין ניט געגאַנגען צום בעל־עגלה פרעגען א בריעף.

— ליעגט ער אין דר׳ערד! — האָבען זיי געשאָלטען, חאָטש זייערע הערצלעך האָבען עס ניט געמיינט, און זיי האָט געצויגען חאָטש געהן זעהן לייזער בעל־עגלה, זיין פערד און וואָגען: זיי זיינען דאָך פּארט דלות׳אוועקער און ליעב זיינען זיי די צוויי ברידערלעך געוועזן...

---

איינמאָל אין א פּאָר וואָכען ארום, נאָך דעם ווי דער בעל־עגלה האָט זיי אזוי פעריאָגט, זיינען די צוויי ברידערלעך געזעסען ביי דער אָרימער קרובה אין שטיבעל און האָבען גערעדט וועגען דער היים. דאָס איז געוועזן א זומערדיגער טאָג, פרייטאָג.

— וואָס קעהר איצטער צו טהאָן דער טאַטע? — האָט יענקעלע א זאָג געטהאָן, אריינקוקענדיג אין די קליינע שייבעלעך פון די קליינע פענסטערלעך.

— ער שניידט אודאי די נעגעל. — האָט בערעלע מיט אַן אומעטיגען שמייכעלע געענטפערט.

— ער מוז גאָר איצטער צעהאַקען אַ „פּיסנאָהע“... האָט יענקעלע זיך פאַרגעשטעלט אין דמיון. — און די מאַמע מוז קע־מען איצטער חייענעלען, און חייענעלע מוז אודאי וויינען...

— גענוג צו רעדען נאַרישקייט — האָט בערעל איהם אָב־געשטעלט. וואָס קען מען וויסען אונטער די אויגען, וואָס דאַר־מען טהון זיך. אפשר איז עמיצער גאָר געשטאָרבען — האָט ער צום סוף גענומען שרעקען יענקעלען.

— געה, געה, משוגענער! — האָט יענקעלע איבערגע־שלאָגען — אַז מען שטאַרבט, זאָגט מען דאָך אָן...

— אפשר האָט מען אָנגעזאָגט און דער בעל־עגלה גיט אונז ניט איבער...

— אי, גענוג צו פּלוידערן! — האָט שוין יענקעלע זיך צעבייזערט אויפ'ן אמת...

— שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס! — האָט בערעל איהם בערוהיגט — אַלע לעבען...

יענקעלע איז פרעהליך געוואָרען און האָט פּלוצלונג אַ שפּרונג געטהאָן אין דער הויך און מיט לוסטיגע אויגעלעך אויס־געשריגען:

— בערל! פאָלג מיר, לאָמיר שיקען גאָר אויף פּאָסט אַ בריעפעל אהיים.

— ביזט גערעכט! — האָט בערל איינגעשטימט — איך האָב אבער קיין געלד ניט.

— איך האָב אַ פּיערערל, מיר איז געבליבען פון נעכטיגען צעהנערל. אויף מיין „דאָנערשטאָג“ גיט מען דאָך מיר, ווייסט דאָך, אַ צעהנערעל אויף וועטשערע, איז מיר אַ פּיערערל געבלי־בען.

— און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע! — האָט בערעל געזאָגט — אקוראט אויף אַן אָטקריטקע.

— ווער וועט אבער שרייבען? — האָט יענקעל געפרעגט.

— איך. — האָט בערעלע געענטפערט — איך בין דאָך על־טער, איך בין דאָך א בכור...

— איך גיעב דאָך אבער א פיערער.

— א בכור איז מעהר ווערט ווי א פיערער.

— ניין! איך וועל שרייבען א האלבע און דו א האלבע, הא?

— זאָל זיין אזוי. קום קויפען א קאַרטעל!

און די צוויי ברידערלעך זיינען אוועקגעלאָפען קויפען א קאַרטעל אין פּאָסט.

— דאָ וועט זיך גאָר ניט אויסשטעלען! — איז יענקעלע ניט געוועזען צופריעדען בעטראַכטענדיג, צוריקגעהענדיג אהיים, דאָס קליינע קאַרטל.

— מיר וועלען שרייבען קלייניגקע אותיות׳לעך, מאַנ־טשינקע, — האָט בערעלע אַן עצה געגעבען.

— וועט דער טאַטע ניט קענען איבערלייענען...

— נישקשה! ער וועט אַנטהאָן די ספּאַקולען!

— נו, קום גיכער! — האָט יענקעלע געטריבען.

— זיין הערצעל איז שוין פול געוואָרען מיט ווערטער, און ער האָט זיי געוואָלט שוין אויף דער גיך אויסגיעסען אויפ׳ן שטיקעלע פּאַפּיער, פאַר וועלכען ער האָט זיין גאַנצען פערמעגען אוועקגעגעבען...

זיי זיינען געקומען אין שטיבעל און האָבען זיך גענומען מכין זיין צום שרייבען.

בערל האָט גענומען שרייבען דער ערשטער, יענקעלע איז געשטאַנען און געקוקט.

— הייב אָן העכער, דאָ קאָן מען דאָך שרייבען א שורה. וואו האָסטו אזוי וויים אוועקגעשטעלט דעם לאהובי! — האָט יענקעלע געשריגען.

— וואו זאָל איך איהם שטעלען? אויפ׳ן הימעל — וואָס?

— האָט בערעלע געדערט און געטריבען פון זיך יענקעלען:

— גײ אוועק! איך וועל דיר לאָזן א האַלבע, טומעל מיר ניט...

— שאַ! שאַ! — איז יענקעלע אָבגעטראָטען און געקוקט פון דער ווייט מיט דאָרשטיגע אויגעלעך אויף בערעלען, ווי אַזוי יענער זיצט פערטיעפט און שרייבט, שרייבט, קנייטשט דאָס שטערנדל און טונקט די פען און פערטראַכט זיך און שרייבט ווייטער.

— גענוג שוין! — האָט יענקעלע אין עטליכע מינוט ארום א געשריי געגעבען.

— עס איז נאָך ניט קיין האַלבע, — האָט בערעלע שריי־בענדיג געענטפערט.

— מיר קומט דאָך מעהר ווי א האַלבע! — האָט יענקעלע שוין בייז געשריגען. דער חשק צו שרייבען, אויסגיעסען דאָס הארץ פאַר די היימיגע האָט איהם שוין אינגאַנצען דורכגע־נומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער האָט זיך צום אָנהויב אריינגעלאָזט אין מליצות, ווי „ראשית כאתי להודיעך שאני בריא וקים". פונקט, ווי ער האָט אויסגעלערנט אין מכתב משולש. די ביסעלע אייגענע ווערטער איז נאָך איהם אין קאָפּ געבליבען: ער דאַרף נאָך פער'מסר'ן לייזער דעם בעל־עגלה, ער דאַרף נאָך שרייבען, וויפיעל בלאַט ג מ ר א ער האָט אָבגעלערנט, ער דאַרף נאָך געבען אָנצוהערעניש, אז מען זאָל זיי שיקען עפּעס א פּאָסילקעלע, ווייל עס פעהלט זיי צו מאָנטאָג און צו מיטוואָך, און דער „דיענסטאָג" איז אויך ווי גאָר נישט.

און בערעלע שרייבט און שרייבט און יענקעלע קען זיך שוין ניט איינהאַלטען, ער זעהט ווי בערעלע פערנעהמט מעהר ווי א האַלבע.

— גענוג! — איז ער צוגעלאָפען מיט אַ געשריי און אָנגע־חאַפּט פאַר דאָס הענטעל פון פעדער.

— נאָך דריי ווערטער! — האָט זיך בערעלע געבעטען.

— אָבער געדענק זשע: מעהר ניט! — האָט יענקעלע געשריגען און די אויגעלעך האָבען איהם געפלאַקערט...

און בערעלע האָט זיך גענומען שרייבען די דריי ווערטער, נאָר דער געדאַנק, וועלכען ער האָט געדאַרפט אויסדריקען, האָט געפאָדערט נאָך אַ צעהן—פופצעהן ווערטער און בערעלע, אַ בעגייסטערטער פון שרייבען, האָט געפּיקט, געפּיקט אויפ'ן פּאַ־פּיער און פאַרנומען נאָך אַ שטיק פון דער אַנדערער העלפט פון קאַרטל.

— דו הערסט אויף! — האָט יענקעלע אויסגעשריגען און זיך היסטעריש פונאַנדערגעוויינט, בעטראַכטענדיג דאָס קליין שטיקעלע, וואָס פאַר איהם איז געבליבען.

— שאַ, נאָך ממני בנך... — האָט זיך בערעלע געבעטען — מעהר ניט!...

נאָר יענקעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געגעבען אַ גאַנצען פּיהרערל און בערל'ס וועט מען אין דערהיים לעזען אַזוי פיעל, איז אַזוי צעקאָכט געוואָרען, אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקייט רייסען פון אונטער בערל'ס הענט דאָס קאַרטל.

— לאָז מיר שטעלען נאָך ממני בנך! — האָט זיך בערעלע שטאַרקער געבעטען — מעהר ניט!...

— עס וועט זיין רעכט אָהן ממני בנך... — האָט יענקעל געשריגען, האָטש ער האָט געפּיהלט, אַז ממני בנך מוז זיין. דער כעס האָט איהם אָבער גענומען קאָכען און ער האָט גענומען שלעפּען מיט געוואַלד דאָס קאַרטעל; בערעלע האָט פעסט צוגעדריקט, נאָר יענקעל האָט אַזאַ שטאַרקען שלעפּ געטהאָן, אַז דאָס קאַרטעל האָט זיך אויף צווייען צעריסען.

— וואָס האָסטו געטהאָן, גזלן? — האָט בערל ווילד אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף יענקעלען.

— איך האָב געוואָלט אזוי ! — האָט יענקעל געזאָגט דורך פערשטיקטע טרערען.

— וואָס האָסטו געטהאָן ? — האָט בערל ווייטער גע־פרעגט קוקענדיג מיט פערצווייפעלטע בליקען אויף די צוויי האלבע צעריסענע שטיקער פון דעם פּאָסט־קארטל.

נאָר יענקעל האָט ניט געקענט ענטפערן, די טרעהרען האָ־בען איהם געווארגען, און ער איז א פערצווייפעלטער א פאל געטהאָן צום וואנד, רייסענדיג זיינע האָר... דאָ האָט שוין בערל אויך ניט אויסגעהאלטען און דאָס קליינע שטיבל איז פול געוואָרען מיט יאָמער....

# דער אריסטאָקראַט.

אהרן מיכל לעווין איז איינער פון די אנגעזעהענסטע בעלי־בתים אין זיין שטעדטעל, וואו ער לעבט שוין באלד פופציג יאָהר.

אז אהרן מיכל געהט אמאָל דורך אין גאס, צי אין מארק, גיט איהם יעדער אָב גוט מאָרגען מיט א „יראת־הרוממות“ און חאָטש אהרן מיכל ענטפערט אויף יעדערען „גוט מארגען“ זעהר שטיל, און אמאָל בלויז מיט אַ שוואכען שאָקעל מיט דעם קאָפּ, איז זיין ענטפערן דאָך זעהר אָנגעלעגט, עס איז אַ שטיקעל זכיה, וואָרום „קיין סך אזעלכע אהרן מיכל'ס זיינען אין שטעדטעל ניטאָ“, אזוי זאָגט יע־דער. אהרן מיכל וויים, ווי אזוי מען שעצט איהם אין שטעד־טעל, אבער ער בעציהט זיך דערצו גלייכגילטיג: פערקעהרט, אפטמאָל איז דאָס איהם דערוויעדער, ער וואָלט זיי מוחל געווען זייער אכטונג, נאָר זיי זאָלען איהם לאָזען צורוה.

אהרן מיכל איז א איד, וואָס ס'הייסט „פאר זיך“, ער האָט אייגענטליך מיט קיינעם ניט צו טהאָן. דאָס געשעפט פיהרט דאָס ווייב און ער זיצט אין דער היים איבער זיינע ספרים.

זיין בעציהונג צו ספרים איז אויך פון דער הויך, ווי צו די מענשען אין שטעדטעל. ער איז אייגענטליך מיט זיי אויך ניט צו נאָהענט. אז עס געהט ארויס פון דרוק א נייער ספר קויפט ער, נעמט זיך צו דער הקדמה און בעמערקענדיג נאָר די ערשטע נארישע פאָר ווערטער פון מחבר, גיט ער א שמייכעל און מיט

דעם זעלביגען שמייכעל בלעטערט ער שוין דורך דעם גאנצען ספר, לעגט איהם אוועק אין דער אונטערשטער פאליצע און מור־מעלט ארוים:

— שטות'עריי. „ספרים זיינען ווי מענשען", טראכט ער דאמאלס, „ניטא קיין סך קלוגע".

און אהרן מיכל נעמט זיך דאן צום אבן־עזרא.

— דאס איז געווען א חכם! טראכט ער יעדעס מאל, ענט־דעקענדיג עפעס עמקות אין אבן־עזרא. ער האט פערשטאנען!

אויסער'ן אבן־עזרא האט ער נאך ספרים, וואס אינטערע־סירען איהם, דאס זיינען דער „כוזרי", דער „פעדאן" און פון די נייערע — דער „תורת אל מות".

דאס זיינען ספרים, וואס מען דארף פערשטעהן! — טראכט ער וועגען זיי און איז צופריעדען, וואס ער איז דער איינציגער אין שטעדטעל, וואס פערשטעהט זיי. רעדען אבער וועגען די דאזיגע ספרים מיט ווער עס איז, רעדט ער ניט. ער האט אמאל געפרובט א שמועס טהאן מיט'ן שטעדטיל'שען משכיל, בונים אפיקורס, האט יענער איהם עפעס א זאג געטהאן אזא נארישקייט, אז פון דאמאלס אן ווייכט אהרן מיכל פון איהם, לאזט אראב די אויגען ווען ער בעגעגענט איהם און האלט שוין ניט פון דער גאנצער השכלה.

— אין די נייע פעהלט די עמקות! — אזוי פלעגט ער טראכטען אליין. זאגען פלעגט ער קיינעם ניט — עס איז ניט כדאי! עם־הארצים זיינען זיי אלע!

אהרן מיכל איז פרום, אבער אויף זיין שטייגער. די עמי־הארצי'שע פרומקייט ליידט ער ניט. דאוונען געהט ער אלע טאג אין שוהל, אבער ער איז דערפון ניט צופריעדען. איהם ציהט צו דאוונען „ביחידות"... און אפילו דאוונענדיג בציבור, האלט ער אויך קיינמאל ניט מיט דעם בעל־תפלה... ווען דער בעל־תפלה האלט די הללויה'ס, האלט ער ביי הודו, און געהט אזוי דאס גאנצע דאוונען מיט זיין אייגענעם וועג... עפעס איז איהם

פּריקרע נאָכצוגעהן דעם עם־הארצ׳דיגען שליח־ציבור, וואס פער־שטעהט אודאי ניט דעם פּירוש המלות...

אבער אן אמת׳ע אָבקומעניש איז פאר איהם די ימים נוראים, איבערהויפּט יום כפּור.

אריינגעהענדיג אין שוהל, וואס איז שוין געפּאקט מיט אידען און וואָס זאגען מיט א פּריקרע וויינענדיגען ניגון די תפלה זכה, דערשפּירט ער עפּעס א ווידער־טעם אין זיין גאנ־צען קערפּער. ער וויים זייערע יעצטיגע געדאנקען: אויפ׳ן הי־מעל איז א יריד און זיי זיינען געקומען איינהאנדלען... די היי, מיט וואס די פּאָדלאָגע איז אויסגעבעט רעגט איהם אויף. „נאַ־רישע מנהגים“ — טראכט ער — „עבודה זרה׳ניקעם!“... און מיט אזוינע געדאנקען קומט ער צו צו זיין „שטאָדט“, וועלכע איז שוין פערנומען פון א אידען מיט א געלער באָרד. דער איד מיט דער געלער באָרד, דערזעהענדיג אהרן מיכלען, שטעלט זיך גלייך אויף און געהט אוועק ווי דערשראקען אויף עטליכע טריט ווייטער. אהרן מיכל נעהמט ארוים דאָס טאשען טיכעל, גיעט א וויש דעם אָרט, וואו דער איד איז געזעסען און הייבט זיך אָן מכין צו זיין: נעמט אריבער דעם טלית איבער׳ן קאָפּ און בעהאלט זיין פּנים פון דעם גאנצען עולם...

אהרן מיכל איז א איד ניט קיין גיבור, אבער כמעט א גאנץ יום־כפּור זעצט ער זיך ניט צו. ער שטעהט אויף די פּים הארט אָנגעשפּארט אן זיין שטאָדט, וואָס איז צום וואנד. ער האָט ניט ליעב אויפשטעלען זיך גלייך מיט אלעמען צו יעדער „תפילה“ און איהם איז ליעבער די גאנצע צייט צו שטעהן.

אז ער קעהרט אב אויף א ווײַלע דעם קאָפּ צום עולם צו, בעמערקט ער ווי אנדערע אידען שמעקען „שלאק־וואסער“ צו שטארקען זיך... דאָס ווירקט אויף איהם זעהר שלעכט און ער קעהרט זיך אום ווידער צו דער וואנד.

דער געלער איד, וואס האָט ניט קיין אייגענע שטאָדט און וואָס חאפּט זיך צוזעצען יעדע ווײַלע אויף א פרעמדער, האָט

אויף איהם שטארק רחמנות, דערזעהענדיג ווי ער שטעהט לאנג אויף די פיס. און בשעת חזרת הש"ץ, ניעט ער איהם „איי־דעל" א זאג:

— איהר וואלט זיך צונעזעצט, ר' אהרן מיכל אביסעלע— דאס איז ביי אייך דען א נדר?

— א יישר! — ענטפערט ער טרוקען און קערט זיך ניט אב.

פאר נעילה, ווען מען מאכט אין שוהל א פויזע נעמט אהרן מיכל ארוים דעם קאפ פון אונטער'ן טלית און קעהרט זיך אום מיט'ן פנים צום עולם. דער געלער איד בענוצט זיך גלייך מיט דער געלעגענהייט צו האבען די זכיה עפעס רעדען מיט אהרן מיכלען און זעצט גלייך אוים מיט א שאלה:

— איך מיין, ר' אהרן מיכל, אז אין א שעה ארום אין דער צייט וועט מען שוין אנבייסען? ווי מיינט איהר?

אהרן מיכל'ן אבער עקעלט די גאנצע פראגע וועגען אנבייסען און קענען זיין ווילען שווייגט ער.

— איהר מיינט, אז ניט? — שטעהט צו דער געלער איד ווייטער, ניט בעקומענדיג קיין ענטפער.

— איך מיין גאר נישט... — ענטפערט אהרן מיכל גאנץ טרוקען, לאזענדיג דעם געלען אידען אין א פערלעגענהייט, דעקט זיך ווייטער איבער מיט'ן טלית איבער'ן קאפ און קעהרט זיך אום צום וואנד, טראכטענדיג:

— קיין אנדערע שאלות האט ער ניט ביי מיר צו פרע־גען... גראבע מענשען!....

# דער גבור.

חייקיל קרעמער רופט מען איהם אין גאס. אין אמת'ן אבער האט ער דעם נאמען ניט פערדיענט, ווייל אין קראם זיצט א גאנצע וואך דאס ווייב, חנה, און ער זיצט אין דער היים, אמאל אין בית מדרש און לערנט.

— זונטאג אבער, מוז ער פריהער ווי אלע טאג אבדאווענען, אבזופען דעם שיעור חוק לישראל, אין דער גיך אוועקלויפען אהיים עפים איבערבייסען און נאכדעם אוועקגעהן אין מארק העלפען חנה'ן אין קראם.

דאס איז פאר איהם איין אבקומעניש, א נסיון, און ווען ניט דער זינדיגער גוף, וואס מוז האבען א שטיקעל ברויט און א בגד, וואלט ער, דאכט זיך, דאמאלס געבעטען זיין גוטער חנה'ן, וואס זאגט איהם קיין זאך ניט אפ, אז זי זאל גאר זונטאג פערמאכען די קראם...

פאר זונטאג ציטערט ער ווי פאר פייער!..

דער מארק רוישט ווי א וואלד; די פויערן פון די נאהענטערע דערפער קומען זיך צונויף מיט זייערע פערד און וועגען, די האלאבליעס אין דער הויך, און פיהלען זיך אויפ'ן אידישען מארק ווי ביי זיך אין דער היים... חייקעל שטעהט ביים קראם און בעטראכט די גרויסע מחנה פויערן, הערט זיך צו צום ווילדען פערמישטען געטומעל און דאס הארץ ציטערט איהם: וואס

„זנאַטשעט“, רבונו של עולם, דאָס ביסעלע אידען קענען אזא עם רב ?“...

און אז די פויערן קונים בעלעגערען די קראָם, ווערט זיין שרעק נאָך גרעסער, ער קען ניט פערשטעהן ווי אזוי זיין חנה, א שוואכע אידענע, טענה'ט מיט יעדען בעזונדער, מיט קוראַזש און שטאָלץ, זידעלט נאָך אב איין אנדערען, ווען ער באַט א העלפט פון דעם, וואס קאָסט זיך אליין.

— גזלנ'טע, האָב רחמנות! ווילט זיך איהם אויסשרייען — דו וועסט נאָך עפּעס „אָנמאַכען“.

וואָס אָנמאַכען, זאגט ער קיינמאָל ניט ארויס — דאָס איז זעהר א שהעקליך וואָרט... דאָס וואָרט געדענקט ער שוין זייט יאהרען... און דאָס וואָרט עגבערט איהם יעדער זונטאָג א גאַנ־צען טאָג, און ווען דער טומעל אויפ'ן מארק ווערט צוליעב וועלכער עס איז אורזאַכע עפּעס גרעסער, דאַכט זיך איהם, אז אָט־אָט שוין איז דאָס... און א בלייכער, שטעהענדיג קוים אויף די פיס, שרייט ער אוים צו חנה'ן:

— חנה! חנה! זעה, וואָס איז דאָרטען ?...

נאָר חנה איז פערטהאָן אין פדיון, זי מעסט און וועגט, בייזערט זיך און שרייט, שמועסט איין און לויבט, און הערט אפילו ניט וואָס איהר „למדן“ רעדט. נאָר אז דער עולם פּוי־ערן ווערט זעהר גרוים ארום קראָם און זי אליין קען זיך ניט צורייסען, ווענדט זי זיך צו חייקלען, א הייזעריגע, א צוטומעל־טע, און זאָגט איהם:

— חייקעל, גיעב אכטונג!...

— און חנה'ס פערזאָג איז ביי חייקלען הייליג. ער הייבט אָן אומוואָרפען זיינע צוויי קורצזיכטיגע אויגען, קעהרט זיך אין אַלע זייטען, וואו די גויים שטעהען, און ווען איינער רוקט זיך צו צו איהם נאָהענט און בעט עפּעס הויך אויפ'ן גראָבען לשון, רוקט זיך חייקעל אביסעל אָב פאַר שרעק און ענטפערט:

— זאַריעס, טשועש'ל, זאַריעס...

און חייקעל האַפּט, אַז נאָך אַזאַ ווייכען ענטפער ווי „טשויעשע׳ל“, וועט דער גוי, ווי שלעכט ער זאָל ניט זיין, איהם גאר נישט טהאָן און וועט קיין פּאגראם ניט מאכען.. און חייקעל בערוהיגט זיך אויף א ווײַלע...

פאר נאכט ווערט חייקעל נאָך מעהר איבערגעשראָקען. די פּויערן האָבען זייערע תבואות און בכלל סחורות פערקויפט די אידען, האָבען זיך גוט אָנגעטרונקען און הויבען אָן זינגען זיי־ערע ווילדע פרעהליכע „פּיעסניעס“, וואס חייקעלס אויער, וואס איז ערצויגען געוואָרען פון קינדווייז אָן אויף גמרא־ניגונים, קען זיי ניט פערטראגען, און יעדער טאָן, דאכט זיך איהם, איז א געשריי:

— שלאָגט די אידען, שלאָגט!...

און חייקעל טרייסעלט זיך פאר שרעק און רעדט שוואך ארוים מיט א תחונים־קול:

— חנה, פאָלג מיר, פערשלים שוין די קראם!...

חנה אבער הערט ניט, זי איז פערטהאָן מיט פדיון, זי לעבט מיט׳ן זונטאג א גאנצע וואך, און חייקעל שטעהט און ציטערט...

נאָר אָט ווערט שוין גוט פינסטער, די פּויערן שכור׳ערהייט, צופאָהרען זיך, דאָס געטימעל ווערט קלענער, קלענער, ביז ער פערשווינדט אין גאנצען, די קראָמען הויבען זיך אָן איינער נאָך דער אנדערער צו פערמאכען, דער „סאָטסקי“, א הויכער גוי, מיט גרויסע וואָנצעס געהט צו צו חנה׳ן, זאגט עפּעס א פּאָר ווערטער, וואס זיינען פאר חייקלען שווערער ווי תרגום, און חנה רוקט איהם עפּעס אריין אין האנד.

— דאָ ווערט שוין חייקעל שטייפער.

— דאנקען גאָט — דאנקען גאָט! — זינגט ער אונטער אין דער שטיל, גלעט דאָס בערדעל און קוקט אויף׳ן הימעל...

חנה צעהלט איבער דעם פּדיון פאר׳ן טאָג, רעכענט זיך אוים פאר זיך, קנייטשט דעם שטערען און הויבט אָן ענדליך

צו צוגרייטען זיך צו געהן אהיים. זי קלינגט שוין מיט די שליסלעך.

אין דער מינוט פיהלט זיך חייקעל שוין א זיכערער פון אלע זייטען און עס פערוויילט זיך איהם זיין א בריה און שטעהן נאָך נעבען קראַם...

— חנה — רופט ער ענדליך מיט ווייכקייט — וואס איילסטו זיך — לאָמיר זיצען נאָך אביסעל.

— חנה איז אבער מאט, אין האלז איז איהר טרוקען, דער קאפ שווינדעלט איהר, און זי ענטפערט אָהן כח:

— צייט א היים צו געהן, קוים וואס איך שטעה אויף די פיס.

און חייקעל געהט צוזאמען מיט איהר אהיים און פיהלט זיך שטייף און זיכער ווי אן אמת'ער גבור...

# אין סאד.

אברהם דער מלמד האט, נאך דעם, ווי ער האט אבגעקנעלט עטליכע יאהר און געקריגען א ברוסט־פעהלער, אנגעהויבען צו האנדלען מיט פרוכט־סעדער. מיט זיין נייעם עסק איז ער זעהר צופריעדען געווען. זיין גאנץ לעבען האט ער טאקע געזוכט אזא געשעפט, וואו ער זאל ניט דארפען האבען צו טהאן מיט א סך מענשען, צו וועלכע ער האט זעהר ווענינ צוטרוי געהאט און מיט וועלכע ער האט זיך שלעכט געפיהלט. מענשען האבען א מאדנע טבע — פלעגט ער טראכטען, — זיי וואלטען נאר גערעדט! אלץ וואלטען זיי אויסדערצעהלט, אלץ וואלטען זיי אויסגעפרעגט און אלץ וואלטען זיי פערענטפערט... אז ער איז נאך א ישיבה־בחור געווען, פלעגט ער שטענדיג אויסקלויבען אן ארט אין א ווינקעל ערגיץ, וואו ער זאל קיינעם און קיינער זאל איהם ניט זעהן, און אויף א שטילען ניגון פלעגט ער ברומען דעם שיעור, און זיין שטיל־לערנען פלעגט איהם דערמאהנען יענע חורבה, וואס ר׳ יוסי האט אין וועג געפונען, וואו עס האט זיך געהערט א ברומען ווי פון א טויב אויף דעם גלות. און דעמאלט פלעגט זיך איהם יועלען אוועקשוועבען אין יענער חורבה ערגיץ, אין דער מדבר, און ברומען דארטען, ווי א טויב און קיינער, קיינער זאל איהם

ניט איבערשלאָגען, אפילו דער בת־קול אויך ניט. נאָר זיין פאַנ־טאַזיע פלעגט גלייך צושלאָגען ווערען פון א הארבער קשיא, וואס א חבר, א ישיבה־בחור, פלעגט איהם קומען פרעגען, דרע־הענדיג מיט'ן פינגער און שרייענדיג אויף א הויכען גמרא־ניגון.

איז א סאָד אבער, וואס אברהם פלעגט דאָס רוב דינגען אין עק גאס, ביי די גוים, פלעגט ער מיט קיינעם ניט דארפען אי־בעריג ריידען. קיין גרויס קאפּיטאל האָט אברהם ניט געהאט און מעהר ווי פאר דרייסיג רובל פלעגט ער קיין סאָד ניט קענען דינגען. עס פערשטעהט זיך, אז אזא סאָד איז ניט גרויס גע־ווען, פלעגט נאָר פערמעגען א צוואנציג עפּיל־בוימער, עטליכע בארג־בוימער און א מאָל אויך א קארשען־בוים. בעזעצען זיך אין סאָד פלעגט אברהם גלייך נאָך שבועות, חאָטש דאמאלט איז נאָך צו פריה געווען, די פרוכט האָבען נאָך זיך אפילו ניט „פערבונדען", פאר גנבים איז נאָך ניט געווען וואָס צו היטען; נאָר אברהם האָט שוין ניט געקענט איינזיצען אין זיין שטיבעלע, וואו דאָס ווייב שרייט, די קינדער וויינען, און עס איז א שטענדיגער יריד. וואס דארף ער עס האָבען? ער וויל בלייבען אליין מיט זיינע מחשבות, דמיונות און שטילע ניגונים, וואָס וועבען זיך שטענדיג ביי איהם אינוועניג און ווערען דאָרטען שיער ניט דערשטיקט... גלייך נאָך שבועות איז טאקע נאָך פריה צו געהן אין סאָד, נאָר אברהם'ן געהט עס ניט אָן. עס ציהט איהם אהין צו די שטילע בוימער, וואס קענען אזוי פיעל טראכטען, אזוי פיעל הערען און אזוי פיעל סודות איינהאלטען אין זיך.

און אברהם ציהט זיך איבער אין סאָד. ער נעהמט מיט דעם טלית און תפלין, א סדור מיט תהלים און מעמדות, די גמרות ברכות און חולין, וואס ער פערמאגט אליין, עטליכע ספרים פון די לעצטע גאונים, ספורי ירושלים, נעהמט מיט זיין ווינטערדיגען וואטאָווען בגד, א קישעלע, בינדט עס איין אין א

פּעקעל, גיט אַ קוש די מזוזה, זאָגט אונטער דער נאָז אַ גוטען טאָג און געהט אוועק אין סאַד.

אַז ער קומט צו צום סאַד, הויבט איהם אָן דאָס האַרץ מעכטיג צו קלאַפּען פאַר פריוד, ער האָט אָבער אַ שטיקעל עיכוב גלייך אַריינצוגעהן. אויפ'ן הויף, וועלכען מען דאַרף דורכגעהן, ליעגט אַ הונד. שפּעטער, אַז ער וועט מיט איהם בע־קענט ווערען, וועט ער איהם אפילו אין סאַד אַריינגעהמען, נאָר דאָס ערשטע מאָל איז אַ שטיקעל סכנה, — מיט אַ הונד מוז מען גוט בעקאַנט זיין, ווען ניט בילט ער און פאַר'ן בילען האָט אברהם ערגער מורא ווי פאַר'ן בייסען: עס הילכט אין די אויערן!

און אברהם וואַרט, ביז וואַנען דער בעל־הבית פון סאַד געהט אַרויס און פיהרט איהם דורך.

— שוין געקומען! — וואונדערט זיך דער בעל־הבית און לאַכט אונטער...

— וואָס דען? — גיט אברהם אַ מורמעל ווי פערשעמט, פיהלענדיג טאַקע, אַז עס איז נאָך פריה.

— וואָס וועסטו טהאָן? — פרעגט שוין ערנסטער דער בעל־הבית: עס איז נאָך קייןביידעל ניטאָ. די פּאָר אַ יאָה־רינגע איז שוין איינגעפאַלען.

— נישקשה, נישקשה! — בעט זיך אברהם — עס וועט זיין גוט.

— נו, אַז דיר ווילט זיך, געה, — דריקט מיט די פּלייצעס דער גוי און לאָזט איהם אַריין אין סאַד.

אברהם לעגט גלייך אַוועק דאָס פּעקיל אויף דער ערד, ציהט זיך אויס אַליין אויפ'ן גרינעם גראָז און מורמעלט שטיל:

— אָט דאָ איז טאַקי גוט!

און ער ווערט גלייך אַנטשוויגען און הערט זיך צו צום שטילען גערויש פון די בוימער. איהם דאַכט זיך, אַז די בוימער וואונדערן זיך אויך אויף זיין פריה־קומען און מיט בעטענדיגע

בליקען קוקט ער זיי אָן, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— בוימער, איהר אויך? איך האָב אנדערש ניט געקענט... עס האָט מיך געצויגען...

און באַלד דאַכט זיך איהם שוין טאַקע, אַז די בוימער פערשטעהען שוין אַלץ און זיי ברומען צו:

— גוט! ביזט אַן אנגעלעגטער גאַסט!

און אברהם פיהלט זיך שוין ווי א היימישער אין סאַד. ער הויבט זיך אויף פון דער ערד, געהט צו צו יעדען בוים בע־זונדער, ווי ער וואָלט זיך בעקענען וועלען, און נעהמט זיך בע־טראַכטען דאָס ביידעל, וואָס שטעהט אין מיטען סאַד. אַביסעל איז זי טאַקי איינגעפאַלען, נאָר אברהם'ן געפעלט עס נאָך בע־סער. אברהם האָט ניט איבעריגס ליעב א נייע זאַך, א שטאַר־קע. עפּעס איז איהם נעהענטער, אנגענעהמער, א בנין וואָס זעהט אויס ווי א חורבה. אַזא הורבה אינוועניג איז פול מיט סודות, מיט טענער, מיט ניגונים. דאָרט וויינט זיך אין דער שטיל, דאָרט בענקט די נשמה, און וויל עפּעס, וואָס האָט ניט קיין נאָמען, ניט קיין אָרט, ניט קיין צייט....

און אברהם קריכט אַרונטער אין דער איינגעפאַלענער ביי־דעל, וואו עס איז פינסטערליך און שמעקט מיט ריחות פון אַן אנדער וועלט. ער קנייטשט זיך דאָרט איין ווי א קנויל און ער בעהאַלט זיך פון דער גאַנצער וועלט...

פון דער וועלט אָבער זיך בעהאַלטען איז אברהם'ן ניט אַזוי גרינג. די ערשטע צייט קען ער עס לייכטער. איידער די פּרוב־טען ווערען צייטיג דאַרף ער קיינעם ניט און קיינער דאַרף ניט איהם. ברייננט איהם א קינד אַמאָל עפּעס עסען, רעדט ער מיט איהם א פּאָר ווערטער, פרעגט וואָס הערט זיך אין דער היים, וואָס מאַכט די מאַמע, און ער איז יוצא, בלייבט נאָך פרייטאָג צו נאַכטס און שבת פריה, ווען ער מוז אהיים געהן, אָבער דאָס קומט זיך איהם איבער. נאָכ'ן טשאָלענט איז ער ווידער אין סאַד, לעגט זיך אוועק אונטער א בוים און קוקט אריין אין

„ספורי ירושלים" און ווערט ביי די פאנטאסטישע געשיכטעס אנטשלאָפען, און איהם חלומט זיך דער כותל מערבי, דער מו־טער רחל'ס קבר, די מערת המכפלה און נאָך אזוינע הייליגע שטילע ערטער, וואס אין זייער לופט שוועבען אלטע מעשיות, וואָס ווערען אזוי שעהן איבערגעגעבען אויף אזא גרינגען לשון קודש אין ספורי ירושלים...

אז די פירות ווערען אבער צייטיג און די בוימער הויבען זיך אָן צו ברעכען אונטער זייער שווערער משא, מוז אברהם ניט ווילענדיג פערלאָזען זיין רוהיגע וועלט און ווערען א סוחר. ווי דער ערשטער ווינד צושפיעלט זיך אין סאָד און פערוואַרפט די ערד פון סאָד מיט עפּעל און בארען, לאָזט זיך אברהם זיי אויפקלויבען, צעלעגט זיי אין עטליכע קופּעס, סאָרטירט זיי און ווארט אויף די מארק־ווייבער מיט די גרויסע „מיילער", וואָס צושטערען איהם די רוהיגקייט און שטילקייט פון זיין גן־עדן.

שבת וואָלט ער שוין אָבגערוהט, איז אבער דער מסחר פון עפּעל אין די סעדער אויך אום שבת שטארק ענטוויקעלט, אמת אויף בארג, עס איז אין שטעדטעל אזא מנהג, און אברהם קען איהם ניט אָבשאפען... עס קומען צוגעהן בעל־הבתישע בחורים, בעלי־בתישע מיידלעך און אין סאָד ווערט א מין חתונה: מען זינגט, מען לאכט, מען רעדט, מען פּלוידערט, און אברהם מוז אלץ אויסהערען, אלץ פערטראָגען און ווארטען אויף דער נאכט, ווען ער וועט קענען זיך ווייעדער בעהאלטען איןביידעל און קיי־נעם ניט אָנזעהן, אויסער די בוימער; קיינעם ניט הערען, אויסער דעם ווינד, אמאָל דעם רעגען און דעם דונער.

* * *

נאָך ערגער איז אבער אָסיען־צייט, ווען אלע פּירות ווערען שוין איבערצייטיגט און מעהר קען ער שוין אין סאָד ניט בלייבען. מיט א קלעמענדיגען הארצען זעגענט ער זיך מיט די בוימער, מיט'ן ביידעל, וואו ער האָט אזוי פיעל רוהיגע, שטילע

מינוטען געהאט, פיהרט איבער די עפּעל אויף דעם בעל־הבית׳ם פוהר אין א שפּייכלעריל, וועלכען ער האלט אין דער ארענדע, זינט ער האלט סעדער, פאר צעהן גילדען א חודש, און ציהט זיך איבער צוריק אין גאס אריין.

דרויסען איז דאמאָלס בלאָטיג און רעגענדיג, שטעדטעלטי־שע אידען שלעפּען זיך אום קראנק און דערשלאָגען, הוסטען און קרעכצען, אברהם קוקט זיך אום מיט שטארע אויגען און דער־קענט ניט די וועלט.

— ניט גוט! — מורמעלט ער — מאוס! — שפּייט ער — וואו טהוט מען זיך אהין?

און אברהם דערמאָנט זיך אָן די שעהנע מעשיות פון ספּורי־ירושלים, אָן ארץ־ישראל. דאָרטען ווייס ער, איז שטענדיג זומער, שטענדיג ווארים און שעהן. און אין יעדער אָסיען הויבט עס איהם אָן צו ציהען אהין. נאָר אברהם האָט קיין מעג־ליכקייט ניט צו פאָהרען אהין. ער מוז פערקויפען די עפּעל, וואָס ער האָט פון סאָד אראָבגענומען, און מוז שפּייזען זיין ווייב און קינדער, וואס ער האָט אין חוץ־לארץ. און א גאנץ אָסיען און א שטיק אין ווינטער שלעפּט זיך אברהם אום מיט׳ן קויש עפּעל אויף דער האנד און מיט א בענקשאפט אין הארץ, אוןווארט אויפ׳ן ליעבען זומער, ווען ער וועט קענען צוריק זיך בעהאלטען אין סאָד, פערשטעקען זיך אין ביידעלע און בלייבען מיט זיך אליין, ניט אָנקוקען די שטעדטעלשע בלאָטע, די פער־חמארעטע אידען און ניט הערען דעם וואָכענדיגען טומעל.

# זאָל שטעהן ווי געשטאַנען.

זעלדע גרשונ׳ס, אַ מיידעל פון אַ יאהר 19, האָט אָבגערעדט מיט די גאסיגע חבר׳טעס איהרע, אַז היינטיגען שבת זאָל מען זיך אויפקלייבען טאַנצען ביי איהר, ווייל ביי גרונע ישראל׳ס, וואו מען פלעגט אלע מאָל טאַנצען, קען מען שוין יעצט ניט. זייער גרויסע שטוב האָט מען איבערגעצוימט אויף צוויי און פון איין האלבער האָט מען געמאכט אַ שניט־קראם. די איבריגע חבר׳טעס וואהנען אין קליינע הייזלעך און עס וועט ניט זיין וואו אַ קעהר צו טהאָן זיך. אמת ביי זעלדען איז אויך ניט איבעריג געראַנים, נאָר זעלדע האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט אַזוי צוקלייבען, אַז עס וועט זיין גענוג אָרט אפילו פאַר אַן אכט־פּאַריגען קאַדריל.

אַז זי איז געקומען אהיים, איז דער טאַטע שוין ניט געווען, ער איז אוועק אין מאַרק. אין שטוב איז נאָר געווען חייקע, די יונגערע שוועסטער, אַ פערצעהניעהריגע מיידעל, און די מוטער.

— מאַמע! — האָט זעלדע געמאָלדען אריינגעהענדיג, — היינטיגען שבת וועט מען ביי אונז טאַנצען — דו וועסט ניט שרייען?

די מוטער, אַ אידענע פון עטליכע און פערציג יאָהר מיט גוטע פייכטע אויגען, האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— וואָס עפּעס שרייען. דער טאַטע זאָל נאָר אין דערהיים ניט זיין, טאַנצט אייך געזונטערהייד!

—דער טאַטע וועט אוועקגעהן אין שוהל הערען דעם מגיד —

האָט זעלדע פּערזיכערט, וועלען מיר דעמאָלט טאַנצען. ער זוימט זיך עטליכע שעה.

— גוט — גוט! — האָט די מוטער איינגעשטימט.

זעלדע האָט גענומען בעטראַכטען די שטוב, ווי זי וואלט דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען אריינגעקומען און איהר פּנים האָט זיך פאַרקנייטשט.

— איך האָב מורא, אז עס וועט זיין ענגליך אביסעל. — האָט זי ענדליך ארויסגעזאָגט.

— איך האָב אויך מורא! — האָט די מוטער מיטגעשטימט — וואו וועט איהר זיך דאָ אויסדרעהען די „לאַנסע".

— די לאַנסע, ווי די לאַנסע — האָט זעלדע געענטפערט — „האלב וועג" וועט געווים ענג זיין.

זי האָט זיך פערטראַכט.

— ווייסטו גאָר וואָס, מאמע — איז זעלדען איינגעפאַלען א אידעע און איהרע אויגען האָבען אָנגעהויבען לויכטען, ווי זי וואלט געפינען א סגולה צו א שווערען וועהטאָג — איך וועל איבערשטעלען די בעטען נעבען אויוען, דעם קאמאָד נעבען די בעטען און דעם קופערט...

— דעם קופערט צווישען די בעטען — האָט די מאמע גע־האָלפען דער טאָכטער מאכען דעם פּלאַן.

— יע... — האָט די טאָכטער זיך פערטיעפט אין איהר פּלאַן.

— וועט זיין א לעדיגע שטוב... גאַנץ גוט...

— דו וועסט מיר העלפען מאמע?

— אָה, האָטש שוין.

און די מוטער מיט דער טאָכטער מיט דער איינגערער שוועסטער, האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט.

אין א האלבע שעה איז עס געוואָרען פערטיג.

— אוי, וואָס פאר א גוטקייט! — איז חייקע נתפּעל גע־וואָרען.

— גרויסארטיג! — האָט זעלדע צוגעשטימט מיט פרעה־ליכע אויגן.

— שעהנער ווי פריהער. — האָט די מוטער איהר מיינונג געזאָגט.

— א שטוב ווי א פעלד! — האָט זעלדע ווייטער גערעדט.

— מען וועט קענען טאַנצען א זעכצעהנפּאָריגען קאדריל, האָט די איינגערע שוועסטער געפאַנטאַזירט.

— און אַן אכט פּאָריגער איז דיר ווייניג?

— עס רעדט זיך אזוי! — האָט חייקע זיך פערענטפערט.

און די צוויי שוועסטער מיט דער מוטער האָבען אנגעקוואָלען פון דעם נייעס.

— אָבער זעה א מאָדנע זאך! — האָט זעלדע אנגעהויבען פילאָזאָפירען, פאַר וואָס האָבען מיר זיך ניט געחאַפּט שוין לאַנג איבערצושטעלען, עס איז דאך ליכטיג אין די אויגען געוואָרען.

— עס איז אַלע מאָל אזוי, טאָכטער — איז די מוטער אין א מוסר־השכל טאָן אריינגעפאַלען — צו א גוטע זאך חאַפּט מען זיך שפּעט...

געקומען פון גאס אין שטוב אריין, האָט גרשון אויסגע־שטעלט די אויגען און ניט געקענט ווייטער א טריט מאַכען.

— וואָס איז דאָס?

— וואָס „וואָס איז דאָס"? האָט זעלדע דערשראָקען גע־פרעגט.

— וואָס איז דאָס? — צי איך האָב פערבלאָנדזשעט? איז ער שוין געקומען אביסעל צו זיך און האָט אָנגעהויבען רעדען מיט זיין לשון „סגיא נהור".

— וואָס איז דען? — האָט די מוטער געפרעגט, אויך ניט אָהן שרעק.

— וואו איז דער קאָמאָד און וואו איז דער קופערט, און וואו זיינען די בעטען? עפּעס זעה איך זיי ניט? איך בין שוין אפשר בלינד געוואָרען.

— אַט שטעהען זיי דאָך... מיר האָבען איבערגעשטעלט — האָט זעלדע ווי פארשולדיגט געענטפערט.

— אלמאי? — האָט ער געפרעגט, כלומרשט קאלטבלוטיג.

— עס איז שעהנער — האָט זיך די קליינע חייקע אריינגעמישט.

— עס איז גערוימער — האָט זעלדע פערריכט.

— זיין וועלען דאָ שבת — טאָג...

נאָר זעלדע האָט א ווינק געטהאָן צו דער מאַמען, און יענע איז ענטשוויגען געוואָרען...

— שעהנער, גערוימער... נייעסען גאָר! — האָט זיך דער פאטריארך צעהיצט, פאר מיר איז שעהן און גערוים, ווי עס איז פריהער געוועזן — נייעסען גאָר אויפטהאָן! נאָך וואס פעהלט אייך? שוין שטעלט איבער צוריק אויף די אלטע ערטער!... זאָל שטעהן, ווי עס איז געשטאנען, איהר הערט...

— וואס ארט דיר, אז אזוי, — האָט זיך די מאמע געפרובט משתדל זיין.

— רייד ניט! — האָט ער זיך צוהיצט — איך וויל נישט קיין נייעסען! זאָל שטעהן, ווי עס איז געשטאנען...

# אין קריעג.

צוויי זיהן האָט דער אלטער זלמן פסח'ס, און האָט פון זיי קיין נחת ניט; ווען ניט די שטיקעלע האָפענונג, וואס נאָך זיין טויט וועלען זיי נאָך איהם קדיש זאגען, וואלט ער שוין לאנג פון זיי זיך מיאש געוועזן: מילא ווי זיי ווילען זיך — איך קען זיך בעגעהן אָהן זיי. שטעהט איהם אבער דער „קדיש" ווי א ביין אין האלז, און ער מוז ליידען פון זיי און האלטען זיך מיט זיי.

און דאָס גאנצע אונגליק, וואס ער האָט אביסעל געלד! ווען ניט דאָס געלד, וואלט ער אפשר פון זיי נחת געהאט, ווי אלע טאַטעס פון קינדער. זיי זיינען דען שלעכטע קינדער! פער־קעהרט, גאנץ גוטע, למדנים, איידעלע, עהרליכע, האָט איהם אָבער גאָט געשטראפט מיט אביסעל געלד און די צוויי ברידער וואָלטען זיך אלע טאָג וועלען צוטהיילען נאָך פאר זיין לעבען מיט דער ירושה...

מילא דעם עלטערען זוהן, חיים'ען, וואס איז שוין גאָט צו דאנקען א טאַטע פון אכט קינדער, האלט ער נאָך עד היום אויף זיין קעסט, און מאכט חתונה אמאָל זיינעם א זוהן, אמאָל א טאָכטער און האלט די נייע פאָר־פאָלקס ווידער אויף קעסט. וואָס דען? א תירוץ איז דאָס? וואָס? איז אבער דער צווייטער זוהן, יענקעל, אן אָרימער תבאוה־סוחר, זיך מתקנא: סטייטש! וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אז עלטערן זאָלען אלץ א י י ן

זוהן אוועקגעבען! א קלייניגקייט — אויסהאלטען אזא געזינד אויף קעסט! און אויף דעם סמך נעהמט יענקיל ביים טאטען מ ז ו מ נ י ם און דער טאטע קען זיך איהם ניט אויסצאהלען פאר די קעסט, וואס ער גיעט חיים'ען.

— וויפיעל מיינסטו איז ווערט חיים'ס קעסט? — פרעגט דער אלטער זלמן, אז יענקיל האט צו איהם טענות.

— חיים'ס קעסט? חיים'ס קעסט?... אט וועל איך דיר באלד זאגען — נעמט יענקיל די בארד אין האנד, קנייטשט דעם שטערען און מאכט אזא רעבענונג:

— דריי פוד ברויט נעהט ביי זיי אוועק א וואך...

— דריטהאלבען! — האקט איבער דער אלטער טאטע.

— דריי פוד, ווי א האר! — וויל יענקיל אפילו א פונט ניט אראבלאזען.

— איצטער לאמיר נעהמען פלייש! — העבט ווידער אן יענקיל צו רעבענען.

— פלייש עסען זיי זעלטען. — שלאגט איבער דער אלטער טאטע.

— טאטע! זיי עסען, זיי פרעסען! — שרייט שוין העכער יענקיל און רעבענט אוים: 5 פונט פלייש אין מיטען וואך — פינף גילדען, שבת קאסט צוויי רובעל, — היינט גרויפען, קארטאפעל, קלייניגקייטען, „דאס און יענץ", סאיע", „טאיע", א שוך, א בגד, שבת און עליה — חיים איז דאך א יחסן — שלישי קויפט ער, אנדערש לויהנט איהם ניט. 10 רובל א וואך קאסט דיר חיים! צעהן רובל! — ענדיגט יענקיל דעם חשבון.

— נו, און וויפיעל קאסט דו מיך? — פרעגט זלמן.

— איך — א העלפט ניט! — פערזיכערט יענקיל.

— נו, מאך א חשבון! — הויבט אן דער אלטער: — צום יריד פאקראוועס האסטו גענומען א נייענקע הונדערטער?

— גענומען! — גיעט נאך יענקיל.

— אין א חודש ארום, געדענקסטו, ביזטו געקומען זונטאג

און גענאפט אויף א „ווײלע" 25 רובל אבצאהלען א גוי פאר א מציאה עפעס — דיינע מציאות!

— יע! — גיט נאך יענקיל.

— צום יריד אולאס האסטו געגומען 50 רובל, אויף פסח האסטו גענומען 25 — היינט וואו איז — דא א צעהנרובעל־דיגע, דא א פינף־רובעלדיגע.

— אלץ ניט קיין צעהן רובעל א וואך! — טענהט יענקיל.

— דו נעהמסט דאך אבער מיט אמאל! גזלן! ווערט שוין דער אלטער אין כעס.

— נו, שא, שריי ניט, טאטע! געה גיעב איהם אוועק די גאנצע געלד דיינע! דו האסט דאך איהם ליעב! גיעב איהם, קארמע איהם, — שרייט יענקיל.

—איך גיעב דיר מעהר פאר איהם! — בייזערט זיך דער אלטער און געהט אוועק א דערצארנטער אהיים.

אויפ'ן הארצען איז איהם שווער, עס דריקט איהם ווי א שטיין, און טרעפענדיג זיין „אלטע", ווי ער רופט זי, אדער ווי אלע רופען זי — זלאטע, וויל ער אויסרעדען זיך פאר איהר. ער לאזט אראב דעם קאפ און קען ניט אנהויבען. די אלטע אבער פערשטעהט, אז ער איז שוין מסתמא געוועזען ביי יענקלען און זי הויבט אן:

— נו, וואס ווייטער?

— נחת... — מורמעלט זלמן.

— וואס? ביי יענקלען געוועזן? — שטויסט זי זיך שוין אליין. — וואס וויל ער?

חיים און די הויז־געזינד, וואס געפינען זיך אין דעם זעל־בען הויז, הערען זיך צו ביי'ן ווענטיל פון קאמער, וואס די אלטע ריידען.

— ער פערגינט ניט חיים'ען! — קלאגט ער זיך. — אלץ, זאגט ער, גיעב איך איהם אוועק, הייסט עס, חיים'ען.

חיים הערט אונטער און קריצט מיט די צייהן.

— און איהם גיעסטו ווייניג! — זיפצט די אלטע.

— ער טענה'ט, אז חיים קאסט מיר צעהן רובל א וואך.

— צעהן מכות איהם! קען זיך שוין חיים ניט איינהאלטען און שיסט אוים הויך.

— צעהן געשווירען איהם! — העלפט אונטער חיים'ס ווייב.

— צעהן פלאטירען איהם! — העלפען די קינדער.

—שא, וואס איז דארטען? — חאפען זיך ארוים די אל־טינקע פון זייער צימעריל.

דא גיט א שפרונג חיים צום טאטען און א ווילדער פון כעס מאכט ער מיט די הענד:

— א י ה ם גיעסטו אוועק אינגאנצען! א י ה ם! ער וועט דיך צו דער טארבע ברענגען. דו וועסט זעהן, טאטע.

— ביים בעסער אב די צונג! — מישט זיך אריין די אל־טע.

— מיט דער טארבע וועסטו פון דיין „יענקלען" אוועק־געהן — גערענק, טאטע! גערענק! — סטראשעט איהם חיים.

— איך האב מורא. אז פון דיר וועל איך גיכער מיט דער טארבע אוועקגעהן, — זאגט זלמן און ווייזט אן אויף דער על־טערער טאכטער, חאשען.

דא טרעפט די קויל חיים'ען אין סאמע מיט הארץ און ער געהט אוועק אין א זייט.

אין שטוב אבער רוישט נאך און קאכט, יעדער קינד שילט בעזונדער יענקלען און יעדער קללה לעגט זיך אוועק ביי די אל־טע אזוי ווי א שטיין אויף'ן הארצען.

— ניט בעשערט קיין נחת! — קלאגען זי זיך שטיל איי־נער פאר'ן צווייטען.

— וואלטען מיר בעסער שטיינער געהאט, איידער געלד!

— אַח, אַח! — זיפצען זיי פּאַר זיך. — צוויי שטיקלעך קינדער און קענען זיך ניט טהיילען.

---

א גאַנץ יאָהר זיינען די צוויי ברידער ברוגז. גוט ווערען זיי נאָר פּורים צו דער סעודה.

עס געשיהט אַזוי:

אַז עס קומט פּאַר נאַכט און ביי חיים'ען גרייט מען צו הער סעודה, געהען ארוים די „אַלטע" פון זייער קאַמעריל, זעצען זיך אַוועק ביי'ן טיש און טיילען אוים די קינדער פּורים-געלד. אין שטוב ווערט פרעהליך און אויפגערוימט. אַלע פּנים'ער שטראַהלען. די אייניקלעך, די יונגערע, לאָזען זיך צו דער באָבען און צום זיידען, קריכען זיי אויפ'ן שוים און זאָגען: האַלט דער באָבען, האַלט דעם זיידען... א גוטע באָבע, א גוטער זיידע!...

פון די ווארימע קינדערשע ווערטער, פון דעם געגרייטען טיש, פון דער ליכטיגקייט, ווערען די אַלטע געריהרט. עס ערוועקט זיך אין זיי ביידען א ליעבעם געפיהל צו די קינדער און זיי דערמאָנען זיך אָן יענקלען, וועלכער פראַוועט נעבעך אַליין די סעודה. ווער וויים צי האָט די שנור דאָרט עפּעס געמאַכט יום-טוב'דיג.

— געדאַרפט רופען אהער יענקלען מיט דער ווייב און קינדער, גיעט א זאָג די אַלטע.

— נו, נו, אדרבא, לאָז מען זיי רופען! — חאַפּט זיך אָן דער אַלטער.

— וואָס זאָגסטו, חיים? — פרעגט דער טאַטע ביי'ן זוהן.

— פון מיינעטוועגען, רוף. — זאָגט קאַלט חיים.

— מען קען רופען! — זאָגט די שנור.

— געה אריבער, ביילינקע! — ווענדעט זיך די באָבע צו א צוועלף-יעהריגע מיידעלע — צום פעטער יענקלען און זאָג, אַז מען בעט זיי צו דער סעודה.

— זיי זאָלען למען השם קומען ! — פערזאגט פון זיין זייט דער זיידע.

— גוט ! — לויפט ארוים פרעהליך דאָס אייניקעל. אין א פיערטעל שעה ארום קומט זי צוגעהן א פרעהליכע און מעלדעט:

— דער פעטער האָט געזאגט, אז ער וועט באלד קומען.

און ווירקליך קומט באלד יענקיל מיט זיין ווייב און מיט צוויי עלטערע קינדער.

— גום פורים !

— גום פורים !

פון אָנפאנג געהט אלעס כשורה. יענקיל מיט דער ווייב זעצען זיך ביים טיש און הייבען אָן קייען באָב, וואס איז אָנגע־שטעלט אויפ'ן טיש אין גרויסע טעלער פון דער פולער האנד. חיים הייבט אָן מאכען א שמועס וועגען שטאָדטיגע ענינים אין וועלכע ער איז שטארק, אלס לעדיג־געהער, בקי.

— ס'איז פארכעס ! — זאָגט ער — די באָד שטעהט שוין דריי יאָהר אהן א דאך, און אין קאראָבקע ליעגט גאנצע 500 רובל און מען גיט ניט ארוים.

— טאָקי א סקאנדאל ! — גיעט יענקיל נאָך, אבשיילענדיג א באָב.

די אלטע קוועלען אָז. אָט דאָס זיינען עפּעס געראָטענע אויף ברידער, מען רעדט, מען פערברענגט, ווי געהעריג איז, ניטאָ קיין קנאה, קיין שנאה ! פיין, ארענטליך !...

אין א ווײלע ארום שטעלט זלמן אוועק אויפ'ן טיש א פלאש בראָנפען, גיעסט אָן די קעלישאָקעס און זאָגט:

— נעהמט, קינדער. צו ביסלעך בראָנפען !

— נעהם דו פריהער, טאַטע, — זאָגט פרעהליך יענקיל.

— טאַטע נעהם דו ! — לעגט פאָר פרעהליך חיים.

דער טאַטע נעהמט דעם קעלישאָק מיט א שטראַהלענדען פּנים, מיט שיינענדע אויגען, מיט טרייסלענדיגע הענד און שרייט אויס:

— לחיים קינדער!

— לחיים ולשלום! — ענטפערט יענקיל חיים'ען.

שפּעטער אַ ווײַלע דערלאַנגט מען געקאָכטע יאַגדעס מיט קיכלעך, מען צושטעלט די טעלער, מען צולעגט די לעפּעל און דער טיש בעקומט איין אויסזעהן פון אַ וואהרער שמחה.

יענקיל און חיים האָבען שוין אויסגעטרונקען צו עטליכע גלעזליך. די קעפּ טומלען זיך און דערהויפּט איז יעדערנס מויל פול מיט ווערטער, וואָס בעטען זיך ארויס, חאָטש עס איז אַ גרויסע סכנה...

— וואָס, חיים! — קען זיך ענדליך יענקיל ניט איינהאַל־טען. — ביזט אַהן איין עין הרע אַ בעל־הבית...

— פערגינסט מיר אפשר ניט! — לאַכט פרעהליך חיים.

— ניין! אדרבא... איך מיין סתם אין דער וועלט אריין.

די אַלטע בלייבען טויטע. זיי ווילען פערשטיקען דעם גע־שפּרעך און ווייסען ניט, ווי אזוי.

—ניין, יענקיל, פערגינסט מיר ניט! — שרייט אויס פּלוצלונג חיים, זעהענדיג, ווי יענקיל בעטראַכט די עטליכע זיל־בערנע לעפּיל.

—קינדערלעך, האָט רחמנות! — בעטען זיך דערשראָקענע די אַלטע—פערשטערט ניט אונזער שמחה, איין מאָל אין יאָהר.

— מיר קריגען זיך ניט! — פערזיכערט יענקיל.

— חס וחלילה! — פערזיכערט אויך חיים. — די בעסטע גוטע פריינד! נאָר גלאַט, איך שמועס אין דער וועלט אריין, — יענקיל פערגינט מיר ניט. יענקיל וועט עס אליין מודה זיין. אמת, יענקיל?

יענקיל בעטראַכט דעם רייכען טיש און שיצט ארויס:

— אמת, ברודער!

חיים ווערט אָנגעצונדען.

— וואָס־זשע געהסטו צו מיר?

— טאַקע אַ נארישקייט! — מורמעלט יענקיל.

— קינדערלעך! — האָט רחמנות... — בעטען זיך די על־טערן מיט טרעהרען.

נאָר עס פערקריכט שוין צו וויט: די פערשטיקטע שנאה, וואָס טליעט א גאַנץ יאָהר ביי יעדער ברודער אין הארצען צום צווייטען, פלאַקערט יעצט אויף, נאָך דעם ביסעל בראָנפען, אין אַ העליש פייער.

— דו טאָרסט צו מיר ניט געהן! — שרייט אוים חיים.

— שרים זאָלען צו דיר געהן — ענטפערט יענקיל נאָך העכער.

— ארויס פון מיין שטוב! — שטעלט זיך חיים אויף און מעסט זיך אויף יענקלען.

— עס איז דעם טאַטענס שטוב, ניט דיינע! — קוראזשעט זיך יענקעל און בלייבט זיצען.

די מחלוקת ווערט וואָס א מינוט גרעסער, עס מישען זיך אריין די ווייבער און די קינדער ביז יענקיל פערלאזט די שטוב, סטראשענדיג דעם טאַטען:

— געדענק! זיי וועלען דיר צו דער טאָרבע ברענגען.

די אלטע בלייבען נאָכדעם זיצען צעמישט, ווי ארויסגעטריבענע פון גן־עדן געהען זיי אריין צו זיך אין צימערל. ביידענס פנים'ער בעקומען א מינע פון נאָך תשעה־באָב ביינאכט צו די קינות.

— וואָס רופסטו איהם, דעם גזלן? — קען זיך ענדליך דער אלטער ניט איינהאלטען.

— איך רוף איהם? דו רופסט דאָך איהם! — פערענטפערט זיך די אלטע.

אין דער אמת'ן אָבער רופען איהם זיי ביידע, חאָטש זיי וויסען פאַראויס, אז עס וועט זיך אזוי ענדיגען. ווער ווייס וואָס פאַר א רעכנונג זיי האָבען דערביי. אפשר ווילען זיי חאָטש גע־גיסען די עטליכע מינוט נחת, וואָס זיי האָרען עהדער'ן סקאַנ־דאַל. ווער קען פערשטעהן עלטערנ'ס הערצער?...

# פערשפעטיגט.

די ביסעלע קאָרן, וואס אנטאָש האָט אראָבגענומען פון זיין שטיקעל פעלד, וואס ער האָט פערמאָגט, האָט ער שוין לאנג צו־זאמען מיט זיין עלטערן אכצעהניעהריגען סערגייען צעדראָשען און עס צומאָהלען אין דער נאָהענטער וואסער־מיהל, וואס איז געגאנגען אויף צוויי רעדער, און אויף דעם בוידעם בעהאַל־טען צו ווינטער אויף ברויט. נאָר איין פוד קארן האָט ער אין א זעקעלע אריינגעשאָטען, פערבונדען עס מיט א שטריקעלע און אין שטעדטעל אויפ׳ן מארק אוועקגעפיהרט. אויפ׳ן מארק זיינען אידען איינער נאָך דעם אנדערען צוגעקומען אלע ווײַלע צום וואגען, געטאפט דאָס זעקעלע און געפרעגט:

— טשאהאָ מאיעש נא פראָדאניע ? — וואָס פערקויפסטו?

— אויף וואָס אנטאָש פלעגט ניט אָהן שטאָלץ ענטפערען:

— זשיטאָ, קאָרען...

און די אידען האָבען געדונגען און גערײַגען, געוואויגען און געוואויגען מיט זייערע בעזמענס און געבאָטען פרייזען פון 40 קאָפּ׳ ביז א האלבען רובל, און אנטאָש פלעגט די פרייזען אויסהערען, קראצען זיך אין פאטיליצע און בעטען פינף גילדען ביז ער פלעגט אראָבגעהן אויף פיער גילדען. ביי פיער גילדען האָט ער זיך איינגע׳עקשנ׳ט און ס׳האָט ניט געהאלפען שוין מעהר קיין דינגען זיך.

— טשעטירע זלאטע! — האט ער גע׳טענה׳ט.

פארנאכט אבער, אז די אידישע מארק־סוחרים זיינען זיך צוגאנגען און מעהר איז שוין קיינער צו איהם ניט צוגעגאנגען, איז ער שוין מיט זיין ביסעל סחורה אראבגעפאלען, און האט שוין געזוכט א סוחר פאר א האלבען רובל.

דער איינציגער הענדלער, וואס איז אויף דעם מארק געבליבען, חנן דער קורצער, האט שוין דאס ביסעל מזומן, וואס ער האט געהאט צוגעגרייט צום מארק, אויסגעגעבען, און ער האט דערפאר מיט א האלבען מויל געבאטען נאר דריי גילדען:

— טרי זלאטיך, קאלי חאטשעש?

און אנטאש, וואס האט געדארפט דאס געלד אויף זעהר נויטיגע זאכען צו קויפען, אהן וואס ער האט א היים ניט געקאנט פאהרען, איז מיט הארץ־וועהטאג מרוצה געווארען. דערהערט, א ער וויל שוין אוועקגעבען, האט חנן אין דער רעכטער זייט הארצען דערפיהלט א קלאפ פון פרייד, וואס איהם מאכט זיך צו קויפען א „מציאה“, פון וואס ער וועט האבען א ריינעם צעהנערעל ריוח, אין דער לינקער זייט הארצען האט איהם אבער א קלאפ געטהאן פאר הארצוועהטאג: גאט ווייסט, צי די מציאה וועט א י ה ם אנקומען, ווייל זיין קאפיטאל האט זיך איבער׳ן מארקס־טאג אינגאנצען אויסגעלאזט. פונדעסטוועגען האט חנן די האפנונג און דעם בטחון, ניט פערלוירען, און האט געהייסען אנטאש׳ן פיהרען די סחורה צו זיין שפייכלערל. דארט,ביים שפייכלער, האט ער געמאכט שותפות מיט א רייכערען הענדלער; יענער האט געצאהלט, און אנטאש האט בעקומען דריי זילבערנע גילדען. ער האט זיי בעקוקט פון אלע זייטען, געפרעגט עטליכע מאל: „צי ניע פאלשיווע?“ און אז די צוויי שותפים האבען איהם בערוהיגט, אז ס׳איז אמת׳ע גוטע געלד, האט ער זיי אריינגעקרוקט טיעף אין בוזעם און זיך געלאזען מיט׳ן וועגעלע צו א קרעטשמע אין מארק. דארט האט ער צוגעבונדען דעם

פערד צום סלופ פון גאניק און איז אוועק קויפן נויטיגע זאַ־כען.

ער האָט געקויפט צוויי טעפּ זאַלץ, וואָס די אַנטאַשיכע האָט איהם אָנגעזאָגט למע״ש צו ברענגען, דריי פּעקלעך צו אכט גראַשען מאַחאָרקע, אַ פּאָר פונט זייף צו זעקס קאָפּיקעס, אַ קרענצעל בייגעלעך — אַ „גאָסטינעץ" פאַר די קליינע קינדער, און פאַר דאָס איבעריגע איז ער אין קרעטשמע אריין און גע־מאכט אַ כוסה, מיט וועלכער ער האָט זיך גאַר דערקוויקט און האָט פרעהליך אָנגעהויבען שמועסען מיט די איבעריגע פויערן.

— פּוד זשיטאַ פּראַדאַל! — האָט ער, כטוב לבו ביין, איינעם פון די פויערן דערצעהלט, — אַשוקאַלי זשידי: טרי זלאָטיך דאַלי... מאַלאָ!

דער אַנדערער פויער, וועלכער איז געווען רייכער פאַר אַנ־טאַש'ן, האָט אויף איהם אַ פעראַכטליכען בליק געוואָרפען און מיט גדלות געענטפערט:

— טשטאָ, פּוד זשיטאַ! יאַ דיעסיאַט פּראַדאַל... פּאַני־מאַיעש? דיעסאַט!

אַנטאַש האָט מיט קנאה אַ קוק געטהאָן אויפ'ן פויער, גע־וואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר זיין שוואַך קעפּעל איז שוין געווען אביסעל בערוישט, האָט ער נאָר אַ קרים געטהאָן מיט די ליפּען, ארויס פון קרעטשמע האַלב פרעהליך, האַלב אומעטיג, זיך גע־זעצט אויף זיין קליינער דראַבינע און זיך געלאָזט פאָהרען אהיים אין דאָרף אריין, וואָס האָט זיך געפונען פינף ווערסט פון שטעדטעל.

* * *

עס איז פערגאַנגען אַ חודש. דער אָסיען האָט זיך אונ־טערגערוקט, די טעג זיינען געוואָרען קלענער און די נעכט גרעס־סער און אין אַנטאַשס קליין שטיבעלע האָט מען שוין בעדאַרפט בייגאכט אַ לעמפּעלע ברענען. דאָס לעהמענע פּלעשעל, וואָס אַנטאַש האָט ביי אַ טעפּער מיט דריי יאָהר צוריק געקויפט פאַר

אבט גראשען איז א טרוקענע געשטאנענע און ס'איז ניט געווען פאר וואס נאפט צו קויפען. אויסער דעם איז שוין דאס זאלץ אויך באלד אויסגעגאנגען, פון די זייף, וואס ער האט געקויפט, איז נאר א שטיקעלע געבליעבען, פון די מאכארקע איז נאר געבליעבען אויף א פאר טעג, און אנטאש האט זיך געקראצט אין פאטעליצע, געשפייט און אלץ געווארטשעט:

— סאלי ניעמא, מידלא ניעמא, מאחארקע ניעמא, ני־טשעהא ניעמא. קעפסקי אינטערעס.

פערדיענען האט אנטאש ניט געהאט וואו. דער איינציגער איד, וואס האט אין דארף געוואהנט איז אליין זעהר ארים געווען, און אנטאש האט געהאט נאר איין האפנונג: פאר סכות אנצוהאקען א פולען וואגען „סכך" און פיהרען עס אין שטעדטעל אריין און פערקויפען עס פאר א פאר פערציגער. אלע יאהר טהוט ער אזוי, זייט ער האט דאס פערדעל זיינס, פאר וועלכען ער האט אבגעצאהלט אויפ'ן יריד זעקס רובל.

און גלייך נאך ראש השנה האט ער אלע טאג אנגעהויבען פרעגען דעם אידען, וואס האט געוואהנט אין דארף: ווען איז ביי אייך סכות?

— האסט נאך צייט! — פלעגט איהם דער איד ענט־פערען.

— אליע קאלי! — פלעגט אנטאש רוהען ניט לאזען.

דער איד, וועלכער איז גראד געווען צוטראגען, האט איהם איינמאל א זאג געטהאן, ניט פיעל טראכטענדיג:

— יעשטשע טידזיען! — אין א וואך ארום, הייסט עס.

אין אמת'ן אבער איז ניט מעהר געווען ווי פינף טעג צו סכות, און אנטאש האט אויסגערעכענט, אז צוויי טעג פאר „קוטשקי" איז די רעכטע צייט צו פיהרען די סכך אין שטעדטעל: דאס איז געווען אקוראט דער ערשטער טאג יום־טוב...

ער איז דעם טאג פריה אויפגעשטאנענע, איבערגעביסען א שטיק גראב, שווארץ ברויט, וואס ער האט געטונקט אין אליין

צעשטויסענע זאלץ, פארטונקען מיט א קווארט קאלט וואסער, האט איינגעשפאנט דאס האלב הונגעריג, האלב פערשלאפען פערדעל, גענומען די האק און זיך געלאזען אין נאהענטען וועלדעל.

ער האט זיך גענומען האקען די שטעכעדיגע צווייגען איינע נאך דער אנדערער. געקליבען האט ער אלץ גערדיכטערע און לענגערע; בעסערע סחורה פערקויפט זיך גיכער! האט ער דערביי געטראכט. דער וואגען איז אלץ געוואקסען און געוואקסען, ער האט גערעכענט לכל הפחות לייזען פאר זיין סחורה א גילדען דריי, און איהם האט זיך אלץ געדאכט, אז ס'איז נאך ווייניג און ער האט אלץ געהאקט און געלעגט די צווייגען אויפ'ן וואגען.

ענדליך איז דער וואגען פול געווארען, אנטאש האט איהם בעטראכט פון אלע זייטען און איז צופריעדען געבליעבען.

— דאוואלנא בודזיע! — האט ער פאר זיך הויך ארויסגעברומט און גענומען דאס פערד פאר'ן צוים.

אז ער איז אבער אבגעפאהרען א פאר טריט, האט ער זיך אבגעשטעלט און ווידער א קוק געטהאן אויף דעם וואגען.

— א מאזשע מאלא בודזיע? — האט ער זיך פלוצים דערשראקען, האט אויסגעהאקט נאך פינף צווייגען און האט זיך גענומען פאהרען שוין אויף זיכער.

ער איז געפאהרען לאנגזאם, טריט ביי טריט, און לאנגזאם, טריט ביי טריט זיינען אויך אזוי אין קאפ זיינע געדאנקען געגאנגען, ווי זיי וואלטען ניט וועלען געהן גיכער פאר דאס פערדעל. אנטאש האט גערעכענט, וויפיעל זאלץ וועט ער קענען קויפען און וויפיעל זייף, וויפיעל „גאזע" און וויפיעל מאחארקע, פאר דעם געלד, וואס ער וועט אבלייזען אין שטעדטעל ביי די אידען. ענדליך האט איהם דער חשבון פערמאטערט און ער האט בעשלאסען, אז ער וועט האבען די פאר גילדען אין האנד, וועט

איהם גרינגער זיין צו בערעכענען, ווי אזוי אלץ איינצוקויפען,
און נאך דעם בעשלום איז פון איהם ווי א משא אראב.

* * *

אז ער איז מיט זיין וואגען אריינגעפאהרען אין אנהייב שטעדטעל און האט דערזעהן די סכות שוין בעדעקט מיט סכך, האט זיך איהם ווי עפעס אבגעריסען אינוועניג און איהם האט זיך געדאכט, אז די סכות און די הייזער — אלע דרעהען זיך און שפרינגען. ער האט זיך אבער געשטארקט און געטרייסט, אז אלע יאהר איז אזוי: א סך „זשידקעס" דעקען צו פריהער און א סך שפעטער. דערפאר איז שפעטער טייערער.

— דאראזשיי וואזמו! איך וועל טייערער נעהמען... — האט ער בעשלאסען, און אנגסטען האבען איהם בעשלאגען.

ער איז געפאהרען ווייטער. אויף א גאניק זיינען געשטאנען צוויי ווייבער, איינע א יונגע און איינע אן עלטערע, זיי האבען געטייט מיט די פינגער און האבען געקייכט פאר געלעכטער.

— טשאהא ווי סמעיעטעס? — האט אנטאש מיט כעס געפרעגט.

— בא טי טאק ראנא אוזש סכך וועזעש. — האבען זיי איהם לאכענדיג געענטפערט.

— יאק טא ראנא? — האט אנטאש דאס לאכען ניט פערשטאנען.

— ראנא... ראנא... — האבען די פרויען געלאכט.

— טפו! — האט אנטאש מיט צארן אויסגעשפיגען און זיך געלאזט ווייטער, טראכטענדיג:

— יאק טא... בערקע האט אליין געזאגט — „זא טידזען".
איך האב דאך אזוי גוט גע'חשבונ'ט: נאך צוויי טעג.

א קאלטער שוויים האט איהם בעגאסען, דערמאהנענדיג זיך, אז ער האט פון יענער צייט אן, זייט בערקע האט איהם געזאגט, אפשר ניט גוט געצעהלט. ער האט פערשפעטיגט! געוויס, געוויס! אלע סכות זיינען שוין בעדעקט מיט סכך... ער

וועט בלייבען אָהן זאַלץ, אָהן מאַחאָרקע, אָהן זייף, אָהן „גאַזע“...

טרויעריג האָט ער געפיהרט דאָס פערדעל, וועלבעס האָט קענטיג געשפּירט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דאָ שטעהט פאַר זיין בעל־הבית, און האָט זיך קוים געשלעפּט, אַראָבגעלאָזען דעם מידען קאָפּ זייגעם.

דערווייל זיינען די בעלי־בתים שוין געגומען געהן ביסלעכוויז פון שוהל, אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג מיט די טליתים און די מחזורים אין די הענד.

דערזעהענדיג לכתחלה דעם פויער מיט'ן וואָגען סכך, האָבען זיי ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און האָבען ערשטוינט געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערען. נאָך זייער קוקען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבען זיך דערשראָקען: אפשר האָבען ז י י אַ טעות געהאַט און פריהער סכות געמאַכט?...

— טשאַהאָ טי וועזעש? — האָט איהם איינער אַ פרעג געטהאָן.

— יאַק טשאַהאָ? — האָט אַנטאָש תמ'עוואַטע אויסגעשטעלט די אויגען — סכך וועדו נאַ „קוטשקי“. קופּיטע, האַלובטשיקי! קופּיטע! — האָט ער זיך גענומען בעטען מיט אַ וויינענדיג קול.

די אידען האָבען זיך פונאַנדער געלאַכט.

— וואָס דאַרף מען איצטער סכך? דוריען, דו! עס איז דאָך שוין יום־טוב, — האָט איהם איינער געטרייסט.

נאָר אַנטאָש איז פון גרויס אומגליק ווי צוטומעלט געוואָרען און האָט געשריגען, קראַצענדיג זיך אין דער פּאַטעליצע און האַלב וויינענדיג:

— קופּיטע, קופּיטע! סאַל טרעבע, מידלאַ טרעבע, גאַזא טרעבע...

דער עולם אידען, וועלכער האָט אָנפאַנגס געלאַכט פון דער גאַנצער סצענע, איז ענדליך געריהרט געוואָרען. זיי האָבען בע־

טראכט דעם אָרימען דאַרען פּויערל, דערזעהען זיין פערצווייפעלטען פּנים און אַ געפיהל פון מיטלייד האָט זיך אין זייערע הערצער דערוועקט.

— אַן אָרימער גוי, אַ ביטערער רחמנות! — האָט איינער אַרויסגעזאָגט, פערקרימענדיג מיט וועהטיג זיין פּנים.

— ער האָט געהאַפּט, נעבאַך, מאַכען גאַנצע גליקען פון די סכך, מיט אַמאָל — נאַ דיר! — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— עס וואָלט געווען אַ יושר אָבצוקויפען ביי איהם די סכך, — האָט נאָך איינער פאָרגעלעגט, — ס'איז אַ חלול־השם.

— אים יום־טוב, ווי אַזוי? — האָט אַ צווייטער אָבגעשלאָגען די פאָרלעגונג.

— עס איז אויף האַלץ ווערט דאָס געלד — האָט איינער געשאַצט, בעטראַכטענדיג דעם פולען וואָגען מיט דעם סכך.

— ווערט היינט, ווערט מאָרגען! אַז ס'איז יום־טוב...

— סאַל ניעמאַ, גאַזאַ ניעמאַ... מידלאַ ניעמאַ... — האָט דער פּויער געזונגען זיין ליעדעלע, ניט פערשטעהענדיג, וואָס די אידען רעדען אויף זייער לשון, נאָר פיהלענדיג, אַז מען טראַכט וועגען איהם עפּעס גוטס.

— שאַ! ער דאַרף גאָר קיין געלד ניט, ער דאַרף סחורה. סחורה אָהן געלד מעג מען געבען אום יום־טוב אויך! — האָט איינער געבווירען גאָר אַ נייע אידעע.

דער עולם איז לעבעדיג געוואָרען. עס האָט זיך געפונען צווישען רעדיל אידען אַ קרעמער, וואָס האָט געהאַט דערביי אַ קראָם.

— גיעב איהם, חיים, אַ פּאָר טעפּלעך זאַלץ מיט נאָך דאַרטען, וואָס ער דאַרף. גיעב איהם אויף אַ פּאָר גילדען. אַ רחמנות! מיר וועלען אַלע ליידען דעם היזק...

— נו, נו, מהיכא־תיתי! — האָט זיך ר' חיים אָנגעכאַפּט — אַן אָרימער גוי טאַקי, אַ רחמנות...

— אַ מצוה, אַ מצוה! ווי איך בין אַ איד! — האָט יעדע־רער פון עולם געוואָרעמט.

חיים האָט צוגערופען דעם גוי, נאָך וועלכען דאָס גאַנצע רעדיל איז נאָכגעגאַנגען, האָט געעפענט די קראָם און האָט איהם געגעבען: צוויי טעפּ זאַלץ, אַ שטיק זייף, אַ פלעשעל נאַפט און צוויי פּעקלעך מאַחאָרקע.

דער פּויער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פאַר שמחה, צי לאַכען, צי וויינען, ער איז נאָר אין שטאַנד געווען צו מורמ־לען:

— דזיענקויע! דזיענקויע!

— נאַ טעביע יעשטשע חלה! — האָט איהם פּלוצלינג, אַז ער האָט שוין די סחורה איינגעפּאַקט, עמיצער אונטערגעטראָ־גען אַ פּאָר „המוציאם“ — דו וועסט ברייגנען אַהיים.

— נאַ טעביע יעשטשע! — האָט איהם נאָך איינער דער־לאַנגט נאָך אַ שטיק חלה.

— נאַ יעשטשע!

— יעשטשע!

— יעשטשע!

און מען האָט גענומען טראָגען פון אַלע זייטען חלה פאַר אַנטאָשען. ער איז צוטומעלט געוואָרען און האָט קוים געקאָנט אויסרעדען: „דזינקויע“.

דער עולם איז געווען צופריעדען און יענקעל לייבעס, אַ פרעהליכער איד, וואָס האָט געמאַכט יום־טוב פון דער פולער האַנד און אָראָבגעבראַכט אַ חתן צו גאַסט, האָט איהם אַרויסגע־טראָגען אַ גלעזעל בראַנפען.

— נאַ פּיי! אי פּאַיעזשאַי ז'באָגאָם דאָמאַי!

אַנטאָש האָט אין דער גיך אַריינגעגאָסען דאָס גלעזעל בראָנפען אין האַלז, פערביסען מיט אַ שטיקעל חלה און האָט פרעהליך אויסגעשריגען:

— ניקאָלי ניע זאַבודו!

— איהר ווייסט, ניט קיין שלעכטער ערל... — האט איי־
נער פון דעם רעדיל א זאג געטהאן.

— וואס האסטו געוואלט, ער זאל דיך איצטער שלאגען?...

האט א צווייטער א שמייכעל געטהאן — — — — —

דער עולם איז ביים ווארט „שלאגען" ווי אבהענדיג גע־
ווארען, און מען האט זיך גענומען ביסלעכווייז פונאנדערגעהן.

# דער רב און זיינע ספרים.

אויסער די שטענדיגע שכירות, וועלכע דער קארעלצינער רב ר׳ אברהם פלעגט בעקומען — פינף רובל א וואך — און קליינע זייטיגע הכנסות, וועלכע פלעגן איהם איינטראגען נאך עפעס א וואך, האט ער געהאט נאך א בעזונדערע הכנסה — שרייבען ספרים.

אמת, ער אליין פלעגט זאגען, אז די ספרים, וואס ער שרייבט און דרוקט דערנאך, זיינען ניט צוליעב פרנסה. די תורה איז, חלילה, ניט ביי איהם א „קרדום לחפור בה“; ער מיינט נאר מרביץ תורה זיין צווישען אידען. דאך האט ער אויף זיין ערשטען ספר „באר אברהם“ ארויפגעדרוקט דעם מקח „א רו״ב אויסער פארטא“. און כדי דער ספר זאל מעהר פערקויפט ווערען, האט ער געזאמעלט פיעל הסכמות פון בעוואוסטע רבנים. ער האט אפילו שטארק חשק געהאט, צו בעקומען האטש א קליין הסכמה׳לע אויך פון מינסקער „גדול“, אבער דער גדול, עליו השלום, האט זיך אביסעל געקווינקעלט.

— איך גיב אמאל א הסכמה, אבער, אבער...

וואס דער „גדול“ האט געמיינט מיט אט דעם „אבער“, האט אונזער מחבר זעהר גוט פערשטאנען, און ער וואלט געוויס שטארק אין כעס געווארען אויף איהם דערפאר, ווען ער וואלט גראד אין זעלבען ספר ניט צולאזט זיך וועגען דער עבירה פון כעס...

דעם ערשטען ספר „באר אברהם“ האָט ער געשריבען נאָך מיט יאָהרען צוריק און אָבגעדרוקט טויזענד עקזעמפּלארען אין ראָמ'ס דרוק. קרוב פון דריי הונדערט האָט ער געשיקט צו גרויסע גבירים, מיט א גרויסען „לכבוד“ אויפ'ן שער־בלעטעל. צווישען די דאָזיגע גבירים איז אויך געווען דער גביר אדיר קלונימוס זאב וויסאָצקי...

עס פערשטעהט זיך, אז ניט אלע האָבען איהם אָבגעשיקט צוריק דעם פּרייז. עס זיינען אָבער געווען אזעלכע, וואָס האָבען געשיקט דריי מאָל אזוי פיעל, און איינער פון די בראָדס־קים האָט איהם אפילו געשיקט גאנצע זיעבען רובל, און דער מחבר, וואָס האָט אין זיין ספר פערענטפערט אזוי פיעל קשיות, האָט בשום אופן ניט געקאָנט געפינען א תירוץ אויף דער קשיא: פאַרוואָס דוקא זיעבען און ניט ניין? ניין איז דאָך מעהר אידישליך: א האלב ח"י...

אָבער נאָך מעהר האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס ראָט־שילד, צו וועלכען ער האָט, פערשטעהט זיך ממילא, אויך גע־שיקט א ספר, האָט איהם גאָרנישט געענטפערט, גלייך ווי דער ספר איז אין וואַסער אריין! אויף אנדערע גבירים, וואָס האָבען ניט געענטפערט און ניט געשיקט קיין געלד, האָט ער זיך ניט געוואונדערט. עס זיינען דאָ גענוג גבירים חזירים... אָבער ראָט־שילד! סטייטש? דו ביזט דאָך געווים פון די גרעסטע מיוחסים, מיט אן איידעלען כאראקטער, און ווי מען זאָגט, האלסטו דאָך אויך פון אידישקייט...

נישט אנדערש, סיידען דער אַפּטייקער, וועלכער האָט גע־שריבען די אדרעס, האָט זיך טועה געווען, און דאָס ווייסט דער דב, אז א טעות אין אדרעס איז גע'הרג'עט... איין סומע — דריי רובל — וועלכע איז פאַר איהם אנגעקומען, האָט מען געמוזט צוריקשיקען, ווייל אַנשטאָט זיין ריכטיגען נאָמען „אברהם חאר־חורים“, איז געשטאַנען „חאבחורים“, א נפקא מינה נאָר אין איין „ריש“, און דאָך דריי רובל פערפאלען אויף אייביג! נעה

זיך, אז דו ווייסט אפילו נישט, ווער ס'האָט זיי געשיקט...

און נאָך אַלעמען האָט ער גוט פערדיענט פון ספר, אפילו אַהן ראָטשילד'ן און אַהן די דריי רובל. אביסעל האָט ער אַליין פונאַנדערגעטראָגען, אויך צושיקט די בוכהענדלער אין די גרויסע שטעדט. אמת, ער האָט זיי געגעבען א גרויסען „ראבאַט", כמעט זעכציג פּראָצענט, און די „פּאָרטאָ" האָט ער אויך ניט גערעכענט, דאָך האָט ער פון „באר אברהם" געהאַט א שעהן ביסעל געלד, וועלכעס האָט איהם געקלעקט צו מאַכען חתונה זיין טאָכטער: גענומען אַ בחור מיט אַ „סמיכה" און איצט וואַרט ער אויף א שטאָדט...

כמעט אזוי פיעל פערדיענסט האָט איהם אויך געבראַכט זיין ספר „עדן אברהם". אויך דעם „עדן אברהם" האָט ער געשיקט צו אַלע גבירים אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך; און פערשטעהט זיך, אז וויסאָצקי'ן, בראָדסקי'ן און ראָטשילד'ן האָט ער אויך ניט פערגעסען. אבער ביים צווייטען מאָל האָט איהם שוין סיי וויסאָצקי און סיי ראָטשילד קיין געלד ניט אָבגעשיקט, און איהם האָט דאָס מאָל פערדראָסען נאָר אויף וויסאָצקי'ן. אויף ראָטשילד'ן איז איהם שוין דאָס מאָל ניט געוועזן אזוי קשה: ער האָט זיך דערוואוסט, אז זיין אידישקייט איז ניט אזוי אי־אי־אי. אבער דו, וויסאָצקי! סטייטש?... עס האָט איהם שטאַרק געקרענקט, אבער קיין שאָדען האָט ער ניט געהאַט; אנשטאָט וויסאָצקי'ן איז אין קאָרעלצין גופא אויפגעקומען עפּעס א איד, וועלכער האָט דעם רב פאר'ן „עדן אברהם" מיט'ן אויפשריפט „לכבוד הגביר המפורסים" אריינגעשיקט גאַנצע צעהן קערבלעך...

און דורכ'ן „עדן אברהם" האָט דער רב חתונה געמאַכט זיין צווייטע טאָכטער, אויך גענומען א איידעם מיט „סמיכה" און מיט אַן אויסקוק אויף א רבנות.

דעם דריטען ספר האָט ער שוין געשריבען די לעצטע יאָהרען, פונקט ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער קריג צווישען

רוסלאנד און יאפאן. זיינע גוטע פריינד האָבען איהם אפילו גע־ראטען, ער זאָל ניט דרוקען דעם ספר אין אזא שווערע צייט, אָבער דער רב, ביי וועלכען דער חשק צו דרוקען ספרים איז שוין געווען שטארק איינגעווארצעלט אין דער נשמה, האָט ניט גע־פאָלגט און גע'טענה'ט:

„נישקשה, אידען זיינען נאָך א פאָלק! אדרבא, נאָר אין אזא צייט בעדארף מען דרוקען ספרים, כדי די תורה זאָל ניט פערגעסען ווערען ביי אידען“.

און ער האָט געבארגט א ביסעל געלד פון ערשטען איי־דעם, אביסעל פון צווייטען איידעם, פון זייער נדן, און אבגע־דרוקט דעם דריטען ספר.

אָנגערופען דעם ספר האָט ער ווידער אויף זיין נאָ־מען: „מלחמת אברהם“, א רמז אויף דער קריעגס־צייט... אויך אין דער הקדמה האָט ער אין חרוזים דערמאָהנט די מלחמה, און געבענשט די מדינה, וואו די אידען וואוינען אונטער די פלינלען פון בארימהערציגע מלכים — מיט גליק און הצלחה, און אויסגעלאָזט מיט א שטיקעל פון „הנותן תשועה“.

אויסערדעם האָט ער נאָך א נייעם אויפגעטהאָן — גע־צאָהלט „צינס“ דער נייער צייט, ווי לייט זאָגען — דען אנ־שטאָט וואס אין זיינע צוויי ערשטע ספרים האָט ער ניט גע־וואוסט און ניט געוואָלט וויסען פון „זנאַקעס“, און דאָס גע־רעכענט פאר א חלול הקודש, האָט ער שוין אין דעם נייעם ספר געשטעלט קאָמעס נאָך יעדע צוויי ווערטער און נאָך יעדע פיער ווערטער — א פונקט. אזוי איז איהם אויסגעקומען דער חשבון. אויך אויף די „זנאַקעס“ האָט ער פיעל געהאָפט: נאָכ־געבען אביסעל די משכילים, אפשר וועלען זיי אויך זיין בעלנים.

אָבער אי דער נאָמען „מלחמת אברהם“, אי די חרוזים אין דער הקדמה, אי די „זנאַקעס“ האָבען נישט געהאָלפען. פון דרוק איז ארויס דער ספר א פאָר וואכען פאר דעם פאָסט־שטרייק; צושיקט האָט ער איהם א פאָר טעג פאר'ן שטרייק.

און געה וויס, וואו די ספרים זיינען פערבלאָנזשעט געוואָרען, און וואו זיי געפינען זיך ערגעץ...

ער וואָלט געשיקט צו די גבירים אנדערע ספרים, אָבער אַלע גבירים זיינען אנטלאָפען קיין אויסלאנד; די, וואָס זיינען געבליבען, וועלען היינט געוויס ניט נעהמען קיין ספר אין האנד אריין, און וויסאָצקי איז שוין לאנג געשטאָרבען...

דאָן האָט דער רב זיך אָנגעהויבען בעטען רחמים ביי א גרויסען מוכר־ספרים אין דער גובערניע, ער זאָל ביי איהם צו־נעהמען די ספרים אין קאָמיסיאָן, אפשר וועט ער זיי ווי־עס־איז „ארויסשטופען“... דער מוכר־ספרים האָט איהם געענטפערט, אז הגם די צייט איז איצט גאָר אן אנדערע, נישטאָ די אמאָלי־גע יאָהרען, פונדעסטוועגען זאָל ער איהם פּרובען אריינשיקען א הונדערט שטיק און ער וועט, מיט גאָט׳ס הילף, זיך סטאַרען, זיי אויסצוברענגען.

מיט גרויס שמחה און מיט נאָך א גרעסערער האָפנונג האָט דער רב איינגעפּאַקט הונדערט עקזעמפּלאַרען „מלחמת אברהם“, אבגעשיקט דורכ׳ן קאָמיסיאָנער, וואָס פאָהרט יע־דע וואָך אין דער גובערניע, און ער האָט אָנגעהויבען וואר־טען...

און אז ער איז מיעד געוואָרען וואַרטענדיג, האָט ער אָנ־געשריבען א פייערינגען בריעף: סטייטש?... דאָן האָט איהם דער מוכר־ספרים׳ניק געענטפערט, אז דער ספר „מלחמת אברהם“ ליעגט, ווי א שטיין, וואָס קיינער קעהרט ניט איבער, „כאבן שאין לה הופכים“... די מליצה איז אפילו געפעלען דעם רב, ווײַלכער איז געווען א שטיקעל „מליץ“, אבער דער ענין גופא איז איהם כלל ניט געפעלען געוואָרען...

— סטייטש? וואָס הייסט? — איז ער אין כעס געוואָ־רען אויף אַלע אידען — צעהן מאָל „שלעכטע צייטען“, אָבער א ספר, סטייטש? ווי קויפט מען דאָס ניט קיין ספר? בפרט נאָך אזא ספר, מיט א הקדמה אין גראַמען, מיט זנאַקעס, — נאָך

יעדע צוויי ווערטער א קאָמע און נאָך יעדע פיער ווערטער א פונקט.

— עס קאָן ניט זיין! — האָט ער אויסגעשריען, אויס־צולאָזען זיין כעס. דאָס אויסגעשרייי האָט איהם אביסעל גרינ־גער געמאכט, און כדי נאָכמעהר גרינגער מאכען זיך, האָט ער אויסגעגאָסען זיין גאַנץ הארץ פאר זיין ערשטען איידעם, וועל־כער האָט שטארק געהאַלטען פון זיין ספר.

— וואָס זאָגסטו, ישראל, הא? עס קען ניט זיין.

— פערשטעהט זיך, אז עס קאָן ניט זיין — האָט דער איידעם מסכים געווען, מעהר פון איידעלקייט וועגען, עהדער פון אינערליכער איבערצייגונג.

— על כן, וואָס זשע טהוט מען? — האָט דער רב אָנגע־הויבען פרעגען מיט א ניגון פון דער גמרא.

— איך רעכען, אז ס׳איז כדאי זיך דורכצופאָהרען, אז מען קומט אליין, איז גאָר עפּעס אנדערש.

די עצה איז דעם רב געפעלען געוואָרען. פאר איהם אליין וועט דער מוכר־ספרים האָבען דרך־ארץ.

— שוין פיעל יאָהר האנדעל איך מיט איהם, — האָט ער געזאָגט צום איידעם מיט א טאָן פון א סוחר...

---

אין א פּאָר טעג ארום איז שוין דער רב געפאָהרען מיט א בעל־עגלה אין דער גובערניע אריין. אמת, אהין געהט אויך די באהן, אבער מיט א בעל־עגלה איז ביליגער און ער האָט זיך שוין געגונג מרבה הוצאה געווען...

אין אכסניא איז ער געקומען זייגער צעהן אין דער פריה. ותיקין האָט ער געדאַווענט אויפ׳ן וועג, דערום איז ער באלד, נישט אויסטרינקענדיג אפילו קיין גלעזעל וואַרימס, אוועקגע־גאַנגען צום מוכר־ספרים׳ניק, אויספרעגענדיג זיך פריהער גוט ביים בעל־עגלה, ווי אזוי מען געהט, ער זאָל חס ושלום ניט פער־

בלאָנדזען. א קליינינקייט היינטיגע צייטען אין א גרויסע שטאָדט!

אָבער דער רב האָט ניט פערבלאָנדזעט; ער איז שוין דאָ געווען איינינע מאָל, און א חוץ זיין שארפען קאָפּ האָט ער אויך געהאט א גוטען זכרון.

אריינקומענדיג אין קראָם האָט זיך דער מוכר־ספרים באלד אויפגעשטעלט קעגען איהם, אויסגעשטרעקט די האנד און אויסגערופען ברייטליך: שלום־עליכם, רבי, אָט דאָס הייסט א גאסט! א גאסט! זיצט! און איהם תיכף דערלאנגט א שטוהל צום זיצען, — טאקי דעם שטוהל, אויף וועלכער ער אליין איז פריהער געזעסען.

די אויפנאהמע האָט דעם רב צוגעגעבען קוראזש און ער האָט באלד געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס מכח די ספרים?

— איהר מיינט אודאי דעם „מלחמת אברהם“? ער ליעגט ווי א שטיין — האָט דער מוכר־ספרים גלייך געענטפערט.

— וואָס הייסט ווי א שטיין? — איז דער רב צומישט געווארען און ניט פערשטאַנען, אז „ווי א שטיין“ הייסט פּונקט ווי די מליצה „כאבן שאין לה הופכין“, וואס עס איז איהם אין בריעף אזוי געפעלען געוואָרען...

— פּשוט, „ער געהט נישט“ — האָט דער מוכר־ספרים ערקלערט און זיך עטוואס איינגעהאלטען, קנאַקענדיג מיט'ן פינגער און נאָך אמאָל געזאָגט: ער געהט נישט!.. איך האָב איהם געשטופּט, געוואָלט חלופ'ן, עס העלפט נישט!...

— טע־טע־טע! — האָט דער רב מאָדנע פערקרימט דאָס פּנים, אבער פערשטאַנען האָט ער שוין, וואָס מען מיינט, און שטאַמלענדיג געפרעגט:

— טאקי גאַרנישט?

— לגמרי גאַרנישט! — האָט יענער געענטפערט קאלט ווי א גזלן.

— קיין איין ספר ניט?

— אפילו ניט קיין האלבער ספר... ער פערנעהמט בלויז אן אָרט.

דערהערט די לעצטע ווערטער, איז דער רב צוטומעלט געוואָרען. איהם האָט זיך געדאכט, אז באלד הייסט איהם דער בוכהענדלער נעהמען מיט זיך אהיים די ספרים און אזא חרפה וועט ער ניט אריבערטראגען. וואָס וועלען זאגען די איידעמס? וואָס וועט די רביצין זאָגען?

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן: זיצען אָדער אויפשטעהן און אוועקגעהן.ביידע זאכען איז איהם שווער געווען און ער איז געזעסען, ווי אויף הייסע קויהלען.

— אָט דאָס „געהט" — האָט דער בוכהענדלער געזאָגט, וועלענדיג אביסעל צושטרייען דעם רב'ס טרויעריגע געדאנקען, און אָנגעוויזען אויף די אידישע בראָשורען, וואָס זיינען געלעגען אויפ'ן טיש.

דערהערט אזעלכע ווערטער איז דער רב אביסעל מונטערער געוואָרען. האָט ער די ספרים ניט פערקויפט, אבער פיהרען צוריק וועט ער זיי ניט בעדארפען. וואָס האָט ער דאָ דערלעגט? ער איז זיך אביסעל דורכגעפאָהרען, אביסעל דורכגעלופטערט — א מענש איז דאָך נישט ערגער פון א ספר, ער בעדארף זיך אויך דורכלופטערן... ער האָט פריינדליך א בליק געטהאָן אויפ'ן טיש מיט די בראָשורען און נאָך מיט מעהר פריינדליכקייט געפרעגט:

— בבא־מעשות?

— דוקא ניט! — האָט דער מוכר־ספרים איבערגעהאקט — איצט איז שוין אריבער די צייט פון יענע מעשיות. היינט געהען גאָר אנדערע זאכען.

— וואָס הייסט עס? — האָט דער רב געפרעגט נעהמענדיג א ביכעל פון טיש און אָנגעהויבען לייענען דעם שער:

— ארטור שניצלער, — וואָס איז דאָס אזוינס?

— אזוי הייסט דער פּערפאסער — האָט דער בוכהענדלער געענטפערט מיט גרויסקייט פון א מומחה.

— דער פּערפאסער — וואונדערט זיך דער רב — דרוקט מען איהם גאָר אויבען?

— איצט דרוקט מען דעם נאָמען גאָר אויבען — ער־קלערט דער בוכהענדלער מיט'ן זעלבען טאָן — שוין צעהן יאָהר דרוקט מען אזוי.

— דאָס הייסט מיט'ן קאָפּ אראָב — האָט דער רב גע־שמייכעלט — ווער איז דאָס דער שניצלער?

— עפּעס א דייטש, אָט איהם חאַפּט מען.

— טאָקי? — וואונדערט זיך דער רב.

— פערשטעהט איהר מיך, ער קאָן די מלאכה, קונסט... בחור... מיידעל... פּסיכאָלאָגיע... היינטיגע זאכען... — ער־קלערט איהם דער בוכהענדלער.

— מען זאָל ניט פאָלגען טאטע־מאמע... — וויל דער רב טרעפען.

— מען זאָל ניט פאָלגען טאטע־מאמע... אלע זיינען גלייך... און נאָך אזעלכע מעשות.

— און דאָס „געהט" ? — פרעגט דער רב ניט זיכער.

— געהט און געהט, אין די טויזענדער. איך אליין האָב פערקויפט ביז צוויי הונדערט „שטיק".

— איז, הייסט עס, איצט שניצלערס צייט? — האָט דער רב געשמייכעלט מיט קנאה.

— נאָר שניצלער? — האָט דער בוכהענדלער געזאָגט ווי צו רייצען זיך, — און וואו איז איבסען זייער־...? און וואו איז די אייגענע חברה, אידישע מחברים: פּרץ און די גאנצע חברה?

— עפּעס האָבען זיי אמאָל, האָב איך געהערט, א שמר'ן געהאט. וואס איז מיט זיינע מעשה־ביכלעך? — האָט דער רב

א פרעג געטהאָן צו ווייזען, אז גאָר קיין אלט־פרענקישער איד איז ער ניט...

— עט, — האָט דער בוכהענדלער א מאך געטהאָן מיט דער האנד — שמר אליין איז שוין טויט און זיינע ספרים ליעגען אויך אין דער ערד.

— וואָס־זשע בעדארף מען זאָגען: „כן יאבדו“ אָדער „ברוך דין אמת“? — האָט דער רב געמאכט ליצנות מיט א ביטערען הארצען, און א דאנק דער הלצה איז איהם געראָטען, ארויסגעהן באלד פון קראם, ניט דערמאָנענדיג מעהר זיינע ספרים...

— וואָס וואלט איך געטהאָן, ווען ער הייסט מיר נעהמען צוריק די ספרים? — האָט ער געטראכט אין שרעק, געהענדיג צוריק צו דער אכסניא, און האָט געדאנקט גאָט, וואָס ער איז ניצול געוואָרען פון אזא אומגליק; ער וואלט זיך דאך ניט געקאָנט ווייזען פאר די איידעמס און אפילו פאר דער רביצין אליין...

# א פארגרעבט שטעדטעל.

וואס אזוינס האט דאס שטעדטעלע געהאט צום רב איז געווען שווער צו וויסען. גאר קיין גוט לעבען האט דער רב ניט פערבראכט צווישען זיינע בעלי־בתים. אזוי האט דער רב ר' אהרן אליין געזאגט. און אז דער רב אליין, וועלכער האט פון עולם הזה בכלל ניט שטארק געהאלטען, וועלכער האט דאס דאזיגע וועלטעל נאר בעטראכט פאר א פארהויז — אז ער אפילו האט שוין געקענט ניט צופרידען זיין מיט זיין לעבען, קען מען זיך שוין שטויסען, ווי ניט גוט זיין לעבען איז געווען. איהם איז אייגענטליך ניט געגאנגען אין די שכירות, וועלכע איז זעהר קליין געווען און פון וועלכע מען פלעגט פון צייט צו צייט איהם אברייסען, א דאנק פערשידענע תירוצים. ווען ניט די רביצין, וועלכע האט יא עפעס געהאלטען פון עולם־הזה און פלעגט ליעב האבען צו באקען שעהנע חלה אויף שבת, מאכען א גוטען קוגעל, וואס ניט שטענדיג האט זי דאס געקענט אויספיהרען — ווען ניט זי, וואלט איהם אליין די אכילה גאר ניט געארט. א דירה האט ער געהאט אפילו א קליינע, אן ענגע, אבער זעהר גרויס איז געווען דער אלמער מיט די ספרים. וועלכער איז געשטא־נען אין דעם חדר, וואו ער פלעגט שאלות פסק'ענען. און וואס האט ער מעהר געדארפט? די פאר ספרים, וואס איהם פלעגט פעהלען אמאל, פלעגט ער געפינען אין בית־המדרש. א שאד

נאָר, וואס אין בית־מדרש קען מען לאנג ניט זיצען נאָכ'ן דאוו־נען, ווייל אויבען איז די תלמוד־תורה געווען און די תלמוד־תורה־אינגלעך פלעגען זיך מעהר געפינען אונטען ווי אויבען און פלעגען פשוט דעם בית־מדרש איבערקעהרען. געהמען ווי־דער א ספר אהיים, האָט געהערשט אן אלטער חרם, אז מען טאָר א ספר פון בית־מדרש ניט ארויסטראגען. בלייבען אין בית־מדרש און די קינדער ארויסטרייבען איז פאר איהם געווען אן אונמעגליכע זאך. ערשטענס האָט ער די קינדער ליעב געהאט און צווייטענס איז א סכנה אנהויבען זיך מיט זיי. קינדער טהוען נאָך גרויסע און אויך די קינדער וואָלטען איהם אויסגע־לאכט, ווי די גרויסע, ווי די טאַטעס זייערע.

און די גרויסע זיינען געווען ניט צו פערטראגען, די גרוי־סע האָט ער טאקי ניט ליעב געהאט! אויסער וואס זיי זיינען אלע עמי־הארצים, זיינען זיי אלע געזונטע, הויך־געוואקסענע און שטארק־געבויטע. ווי אמת'ע גויים, זאָל גאָט ניט שטראפען פאר די רייד! פון די עטליכע קצבים שמועסט מען דאך ניט, זיי זיינען אמת'ע פלשתים! א נס וואס זיי קומען נאָך פרעגען א שאלה מאָל אויף א שטיק. הענד און פיס טרייסלען איהם טאקי דעמאָלט. ס'איז נארישקייט — פסק'ענען וועט ער אודאי לויט'ן שולחן־ערוך. אבער ביז ער פסק'ענט אָב די שאלה, איז איהם ניט ניחא דאָס לעבען. און ניט די קצבים זיינען דען בעסער? אלע זיינען אין שטעדטעלע קצבים. דאָס שטעדטעלע האָט ארום זיך א „וועלט" מיט דערפער און יעדער שטעדטעלדיגער איד קויפט א קאלב און קוילעט... פלייש בחצי חנם. ווער ווייס, צי וואָלטען זיי אזוי שלעכט געווען, ווען ניט זייער פיעל פלייש עסען. ער אליין עסט פלייש נאָר פון שבת ביז שבת, בלויז פון מצוה וועגען. דערפאר איז ער קענטיג אזא רך־לב... האָט אפילו רחמנות אויף זיין קהילה, וואס גאָט האָט איהרע אידען גע־שטראפט מיט אזעלכע שטיינערנע הערצער. אפילו דער שוחט, וואָס איז שוין יאָ א שטיקעל בן־תורה, איז אויך ניט בעסע־

פון זיי, ער איז אויך קענען איהם. קענען א רב!... אפילו די ווייבער זיינען קענען איהם — קענען זיך קיינמאָל ניט צוטיילען מיט דער רביצין.

— ס'איז נאַרישקייט! — פלעגט ער אמאָל טראַכטען. ווען די שטעדטעלשע גראָבע יונגען פלעגען איהם דער'רגז'ענען — איך האָב בריעף פון די גרעסטע רבנים, כ'וואָלט אפשר געקענט קריגען אן אנדער שטעדטעל... נאָר עס ווילט זיך ניט האָבען צו טהאָן. אלע זיינען אידען... די ערגסטע פון אידען זיינען פול מיט מצוות, ווי א מילגרוים...

און אזוי איז דער רב געבליבען זיצען אין שטעדטעל, צווישען זיינע בעלי־בתים, וואס פלעגען איהם פון יאָהר צו יאָהר אראָברייסען פון די שכירות, זאָגענדיג, אז אזא קהילה איז ניט בכח מעהר צו צאָהלען. טאָמער וויל ער ניט, זאָל ער זוכען אנאנדער שטעדטעל...

נאָר דער רב האָט ניט געזוכט קיין אנדערע שטעדטלעך. אידען זיינען אומעדום אידען! האָט ער געטראַכט און ווען די רביצין פלעגט זיך אמאָל צוואויינען אויף די רשעות פון דער קהילה און אמאָל אויף דער נויט, וואס זי איז שוין צו דער עלטער ניט געוועזען אימשטאַנד צו פערטראָגען, האָט ער זי ווייך געטרייסט:

— נאַרעלע, מען טאָר ניט זינדיגען... ס'איז גוט אזוי. איך בין גאַנץ צופריעדען...

אזוי האָט דער רב זיך געעלטערט אין שטעדטעל אין נויטה, אין עלענד און אומכבוד...

---

איינמאָל אין א וואָכיגען ווינטער־פריהמאָרגען האָט דער עולם אין בית־מדרש ביים דאוונען זיך ארומגעקוקט, אז דער רב איז ניטאָ.

— וואו איז דאָס אונזער רבי? — האָט יענקיל דער דאָרפיגער אין א שפּאָס א פרעג געטהאָן, און ניט בעקומענדיג

קיין ענטפער, האָט ער צוגעלעגט:
— איהם איז ביי אונז אזוי גוט, אז ער וויל שוין גאָר ניט דאווענען...
— וואָס דען? — האָט אייזיק דער שמיד צוגעבאמקעט — וואָס פעהלט איהם? זיצט אין דער ווארים און שפּיעלט זיך מיט דער רביצין....
— זיי לעבען ווי די טייבעלעך... — האָט גרשון דער סטאָליער געלאכט — איהר „דאָליע" געזאָגט געוואָרען אויף אַלע אונזערע טעכטער. א מאן זאָל א ווייב קיינמאָל ניט א פּאטש געבען!... און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער אויסער א שמייכעל פון עטליכע דערביישטעהענדע, האָט ער צוגעלעגט:
— איך וויים ניט פארוואָס האָב איך איהם אזוי ניט ליעב, אונזער רב...
— אבי די רביצין האָט איהם ליעב! — האָט דער שמש וואָס האָט זיך געוואָלט אונטערחנפ'ענען זיינע שפּייזער, זיך געוויצעלט...

— ס'איז פונדעסטוועגען ניט קיין גלאַטע מעשה! — האָט אייזיק דער שמיד זיך געוואונדערט — און איידער ער האָט בעקומען אן ענטפער, האָט זיך דערהערט הינטער'ן טהיר א געוויין פון אן עלטערער פרוי. באלד האָט זיך די טהיר געעפענט מיט האסט און די רביצין איז אריינגעלאָפען מיט פערבראָכענע הענד און מיט א געוויין, דורכגעשארט זיך צווישען די מאנסבילען, אַרויף צום ארון־קודש און אויסגעבראכען אין א יללה:
— רבונו של עולם, הייליגע תורה, שענק נאָך יאָהרען מיין מאן...
— הייסט עס, ער איז קראנק! — האָט איינער פון די דאווענער שטיל אונטערגעברומט.
— נו, וואָס מיינט איהר, שוין צייט! — האָט אייזיק דער שמיד זיך ניט געקענט איינהאלטען פון א וויץ.

— שוין א זעכציגער! — האָט דער שמש א מורמעל גע־טהאָן.

— אידען! — האָט זיך די רביצין געווענדעט מיט א צו־בראָכען קול, אויסשפרייטענדיג די הענד — דער רב איז זעהר קראַנק... שענקט איהם כאָטש א פּאָר קאַפּיטלעך תהלים.

— איך האָב קיין צייט נים! — האָט אייזיק דער שמיד דער ערשטער זיך ענטזאָגט.

— וואָס קען העלפען אונזער תהלים! — האָט נחמן דער קצב טרוקען געענטפערט.

— אי, אידען, אידען! פון אייך געהט אוועק דער רב פון דער וועלט! — האָט זיך די רביצין צויאָמערט און איז ארויס א געבויגענע פון בית־מדרש, און איהר געוויין האָט זיך נאָכדעם געהערט ווייט, ווייט פון גאַס.

— אָט איז א נייע אָנשיקעניש! — האָט אייזיק דער שמיד א מורמעל געטהאָן אויף דער רביצינ'ס חשבון.

— נישקשה! ער וועט לעבען! — האָט נחמן דער קצב געלאַכט. ער האָט זיך אודאי איבערגעפּאַסט — ער איז דאָך אזא פוכלער אין תעניתים! ער עסט מעהר תעניתים, ווי מיר פלייש... א איד זאָל זיך פערגינען אלע מאָנטאג און דאנערש־טאג צו פאסטען.

אייניגע פון עולם האָבען סארקאסטיש געשמייכעלט און זיינען זיך ביסלעכווייז צוגאנגען.

---

וואָס אמת איז אמת — א לויה האָט דער רב געהאַט א שעהנע. אפילו אייזיק דער שמיד, וואָס האָט געדאַרפט נויטיג אָנשמידען צוויי פויערשע פערד, האָט געלאָזען די אַרבייט און מיט אַן עם־הארצישער שרעק געגאַנגען צו דער לויה. אפילו נחמן דער קצב, וואָס האָט געדאַרפט נויטיג ווי לעבען אָבשינ־דען און צורעכט מאַכען צוויי קעלבער, איז נאָכגעגאַנגען אַזש צום בית־עולם, און געוואַרט, ביז וואַנען מען האָט דעם רב

בעגראבען און פערשאטען און א קדיש אבגעזאגט...

אויף די ווייבער האבען געוויינט אויף דער רביצינ'ס בראך און עס האט זיך גדאכט, אז דאס שטעדטעלשע הארץ איז ווייך געווארען...

געהענדיג צוריק פון דער לויה מיט ערנסטע פנימ'ער האבען די שטעדטעלשע אידען, די דארפיגע, די קצבים, די שמי־דען מיט די סטאליארעס זיך ביסלעכווייז צושמועסט און מען האט דעם רב אבגעגעבען זיינע שבחים.

— מילא געשטארבען — געשטארבען! — האט נחמן דער קצב אנגעהויבען צוגעהן צום עיקר: וואו וועט מען איצט נעה־מען א רב?... ווער וועט וועלען אננעהמען ביי אונז איצט די רבנות...

— דאס האב איך שוין אויך געקלערט — האט נאך א קצב געענטפערט.

— איך וויים גאר ניט, וואס וועל איך היינט טהאן מיט די צוויי קעלבער? — האט נחמן דער קצב שטארק פערזארגט גע־רעדט ווי צו זיך אליין. — זיי האבען, דאכט זיך „סרכא'ס".

עס איז טאקי זעהר ניט פרעהליך! — האט זיך אריינגע־מישט נאך איינער. צווישען אונז גערעדט האט ביי אונז דער רב קיין האניג ניט געלעקט... וועלכער נאר וועט איצט וועלען קומען צו אונז, זיין א רב ביי אונז?...

— הערסטו, אט דאס האב איך דאך טאקי מורא — האט נחמן דער קצב מיט שטארק ערנסטער מינע געזאגט.

— הייסט עס, בלייבען מיר אהן א רב... — האט איינער ווי האלב אין שפאס, האלב אין ערנסט א מורמעל געטהאן.

— ס'איז טאקע א ביטערע מעשה... מיר קענען בלייבען אהן א רב...

---

געהענדיג אזוי פון דער לויה שטארק פערטראכט און פער־זארגט, איז קענען זיי אנגעפאהרען א פוהר, אויף וועלכער עס

זיינען געזעסען צוויי אידען. דער עלטערער — א איד פון א יאהר 50, דער צווייטער א יונגער מאן פון א יאהר 28 מיט א דאר געל פנים, אויף וועלכען עס האָבען לוסטיג געטאַנצט א פּאָר לאנגע געקרייזעלטע פּאות.

— וואָס זיינען דאָס פאר אורחים? — האָט נחמן דער קצב א פרעג געטהאָן.

— ווער קען וויסען? — האָט אייזיק דער שמיד געענט־פערט — מען דארף צוגעהן און א פרעג טהאָן.

באלד אָבער איז פון וואָגען אראָבגעקראכען דער עלטערער איד איז צוגעגאנגען צו דעם איבערגעבליעבענעם עולם און גע־פרעגט:

— וואו קען מען ביי אייך פערפאהרען ערגעץ אויף אן אכסניא?

— ווער זייט איהר? — האָט נחמן דער קצב געפרעגט און בעטראכט די צוויי פארשוינען פון קאָפּ ביז די פיס.

—איך אליין בין א איד פון א גאנץ יאָהר — האָט דער איד עניו'דיג געענטפערט, — נאָר דער יונגערמאן איז א רב, דאָס הייסט שוין, א פּאָר יאָהר, אז ער האָט סמיכה שוין, מיי־נער אן איידים טאקי...

— אידען, ס'איז שוין דאָ א רב! — האָט נחמן דער קצב פרעהליך אָנגעזאָגט. נאָר כדי ד'ער שווער זאָל זיך ניט אי־בערנעהמען צו פיעל, האָט ער קאַלט און טרוקען געענטפערט:

— איך פערשטעה ניט, וואס איז דאָ די בייזע איילעניש,

— מיר געהען דאָך ערשט פון דער לויה...

— מיין איידים וועט איהם טאקי מספיד זיין, — האָט דער שווער הארציג גערעדט — ער איז טאקי צוליעב דעם גע־קומען. דערהערט, אז אייער רב האלט ביים שטארבען...

— נו, נו, מיר ווייסען... — האָט נחמן דער קצב שטרענג זיך געווענדעט. — איהר פערפאָהרט דערווייל צו יענקעל ארענ־

דאַר און איך דאַרף נאָך געהן אבשינדען א פּאָר קעלבער...
און צום שמיד האָט ער זיך געווענדעט:
— נו, זעהסטו, אבי מורא געהאט... מען קריגט די סחורה...

---

אין א וואָך אַרום זיינען געזעסען ביי יענקעל דעם אָרענדאַר פּיער רבנים. די קהילה האָט זיך אבער ניט געאײַלט מיט'ן אויסקלייבען. נחמן דער קצב האָט געוואָרענט, אז מען זאָל זיך ניט אײַלען, וואָרום מיט א רב אז מען פאַלט אַריין, איז ערגער ווי מיט א ווייב...
— א רב, ברידער, — האָט ער געוואָרענט — איז ניט קיין קלייניגקייט.

# דער פוילישער גלח.

נאך מנחה, ווען דער שבת פלעגט זיך פאקען אין וועג אריין, און די אידען פון שטעדטעל פלעגען ארוים אויפ'ן גאס, ווי זיי וואלטען וועלען איהם בעגלייטען, פלעגען די גלעקער פון די צוויי קלויסטערס — פון'ם רוסישען און פון פוילישען — אנהויבען צו קלינגען אויף הגא.

דאס קלינגען פלעגט די שטעדטעלשע אידען דערמאהנען דעם מארגענדיגען מארק־טאג און אנדערע, מיט מינעם פון שטערנזעהער, פלעגען פערדרייסען די אויגען צום הימעל און נביאות זאגען, וואס פאר א וועטער מארגען וועט זיין, צי עס וועט זיין א „גרויסער מארק" צי ניט.

און דעם „מארק" האבען די שטעדטעלשע אידען גענייטיגט האבען נויטיג ווי דאס לעבען. דאס גאנצע שטעדטעל האט גע־צויגען די חיונה פון דעם זונטאגדיגען מארק. נישט נאר קרע־מער און הענדלער, אפילו שניידער, שוסטער און אנדערע בעלי־מלאכות פלעגען אהן דעם מארק ניט קענען אויסקומען. שטיינס געזאגט, וואס מען קען פון א אידען פערדיענען.

און די מערק זיינען טאקי גרויסע געווען. אויסער אין רע־גענדיגע אדער שניידיגע טעג פלעגען פון ווייטע דערפער גוים ניט קומען צו פאהרען, און די אידען פון שטעדטעל פלעגען מוזען פאר ליעב אננעהמען א קליינעם מארק, האפענדיג אויף דער קומענדיגער וואך.

אמת, ביז 12 א זייגער פלעגען די קראָמען און די שענקען מוזען זיי פערמאַכט. „די „מאַליטוווע" געהט אָן אין קלויס־טער", פלעגט דער בעקאַנטער סאַטסקי ערקלערען זיינע אונ־טערטעניגע — „מען טאָר נישט !"... נאָר קיין גרויס בייז פלעגט ניט זיין, ווען אַ קרעמער, צי אַ שיינקער פלעגען אויך ביז צוועלף האַפּען לייזען עטליכע גראָשען. דען האָטש דער סטאָס־קי איז אַ פרומער גוי געווען, האָט ער אבער געריוכערט אַ ליול־קע און געטרונקען, און פלעגט צוליעב דיביידע שוואַכקייטען זינדיגען אמאָל קעגען דער אמונה און קוקען ווי דורך די פינגער אויף דעם פּדיון, וואָס עס פלעגט בשעת „מאַליטווע" פאַרקו־מען.

וואָס טהוט ניט אַ סאַטסקי צוליעב אַ פּעקעל מאַכאָרקע און אַ ביסעל בראַנפען ?

און די אידען פון שטעדטעל זיינען געווען צופריעדען מיט דעם סאַטסקי און מיט דעם זונטאָג און האָבען גאָט געדאַנקט, וואָס ער האָט בעשאַפען אַ סך פעלקער, ווי פּראַוואָסלאַוונע און קאַטאָליקען, וואָס האָבען צו בעזונדערע קלויסטער, וואוהין זיי קומען אַלע זונטאָג צו פאַהרען „מאַליען" זיך, אַנקויפען נוטיגע זאַכען און טרינקען.

---

איינמאָל שבת נאָך מנחה ווען די שטעדטעלשע אידען זיינען געשטאַנען אין דרויסען, און אַנדערע, ווי שטערענזעהער, האָבען געקוקט אויפ'ן הימעל, צי עס וועט זיין מאָרגען אַ שענער טאָג, און האָבען בעשלאָסען אויף יאָ, און האָבען פאַר צופריע־דענהייט געריבען אַ האַנד אָן אַ האַנד, און פרום געגלאָצט די אויגען, און האַרציג אונטערגעזיפצט, — האָט זיך פּלוצלונג איין איד, חיים דער קרעמער, אָנגערופען מיט אַ געלעכטערל :

— דער פּוילישער קלויסטער, וואָלט איך שווערען, קלינגט היינט ניט.

— פארוואס זאָל ער עפּעס ניט, קלינגען ? — האָט גע־פרעגט נאָך א קרעמער.

איינינגע פונ׳ם רעדעל אידען וואָס זיינען אויף דער גאס גע־שטאַנען, האָבען אָנגעשטרענגט דעם חוש השמיעה, און אין א ווײַלע ארום האָט איינער בעשטעטיגט :

— יאָ, דער רוסישער קלינגט און דער פּוילישער נישט.

און ווירקליך האָט זיך געהערט א שטאַלץ קלינגען פון רו־סישען קלויסטער אליין, ווי ער וואָלט זיין צופריעדען, וואָס זיין רייך־ רוסישער „בים־באָם" צומישט זיך ניט מיט דעם פּוילישען, וועלכען ער האָט ניט בעזאָנדערס ליעב.

— דאָס איז ניט קיין גלאטע מעשה ! — האָט איינער פון דעם רעדעל, וואָס האָט אלץ געקוקט אויפ׳ן הימעל און גאָר אָנגעקוואָלען פון דעם שענעם קומענדיגען טאָג, זיך אָנגערופען — איך בין א בעלן אריבערצוגעהן צום קלויסטער און געוואהר ווערען.

— וואָס דארפסטו געהן. אָט געהט אַנופרי, ער איז א קאטאָליק, וועלען מיר איהם פרעגען.

אנופרי, א הויכער קריסט, מיט גרויסע וואָנצעס איז פער־בייגעגאנגען.

—דאבּרי וועטשער ! — האָט איהם איינער פון רעדעל פערהאַלטען.

— נאָר רייד ניט קיין נארישקייטען, — האָט מען דעם אידען געוואָרענט — דו ווייסט דאָך, זיי זיינען האַנאַראָוואטע, די פּוילישע...

— אויף מיר מעגסטו זיך פערלאָזען... — האָט יענער מיט גדלות געענטפערט, און האָט זיך ווידער געווענדעט צו אַנופרי׳ען :

— וואוה?! געהט דער יעגאָמישטש ? אודאי אין קלויס־טער ?

אנופרי האט א זיפץ געטהאן און האט יאוש׳דיג א מאך געטהון מיט דער האנד.

דאס רעדעל האט זיך גלייך דורכגעדרונגען מיט אנופרי׳ס שטימונג און האט געווארט אויף אנ׳ערקלערונג, אונטערזיפצענדיג.

— נישטא קיין קלויסטער . . . נישטא קיין גלח . . . האט ער ווי אנ׳אבל גערעדט.

— וואס, וואס ? האבען זיך די אידען אלע אויפגעכאפט ווי פון א ביס.

— מען האט היינט ביינאכט צוגענומען דעם גלח און פער׳חתמ׳עט דעם קלויסטער, — האט אנופרי מיט אנ׳אבלדיגען קול דערצעהלט.

— סטייטש פאוואס ? האבען די אידען אין איין קול אויסגעשריגען.

— פארוואס ? דערפאר, וואס מען דריקט אונז, — האט דעיר פאליאק געענטפערט, — דער גלח האט געפיהרט די תפלה אויף אונזער לשון, האט מען איהם גע׳מסר׳ט...

— אי־אי־אי ! — האבען די אידען מיטגעפיהלט. און האבען ניט געוואוסט, ווי אזוי צו טרייסטען איהם.

אנופרי איז מיט אן אראבגעלאזטען קאפ אוועקגעגאנגען, און די אידען האבען זיך גענומען קראצען אין די פאטילניצעס, שווייגענדיג א קורצע צייט.

— איהר ווייסט, אידען, אז דער גלח ועט א ו נ ז מעהר פעהלען ווי זיי . . — האט זיך איינער פלוצלונג אנגערופען:

— וואס הייסט ?

—דאס הייסט אז זונטאג וועלען זיין קליינע מערק. די קאטאליקען וועלען פאהרען ערגעץ אנדערש . . .

— דער איד איז גערעכט, ווי איך בין א איד ! — האט איינער פאטאקעוועט און געביסען די צונג.

— אַ מאוס'ע מעשה ! — האָט נאָך איינער אונטערגע־ברומט.

— אַ היבשע חתונה ! — האָט אַ דריטער געזאָגט, — סמייטש, ווי אַזוי איז ער אַזאַ נאַר און „זאָגט" די מאַליטוועס אויף אַ לשון, וואָס איז על פּי זאָקאָן פערבאָטען ?

—איהר ווייסט ! — האָט איין איד פּלוצים זיך אַנגערו־פען ווי מיט שמחה, — אונז איז שוין כמעט בעסער פּאַר זיי — מיר מעגען דאַוונען, ווי מיר ווילען. מיר איז דאָס טאקע אַ חידוש . . .

— נו, נו . . . האָט אַ צווייטער ביין אירגאַניזירט — מיר וועלען זעהן, וואָס וועסטו מאָרגען זאָגען, אַז די קאַטאָליקען וועלען פאָהרען צום מארק אין אַנ'אַנדער שטעדטעל, און דו וועסט אַ גראָשען ניט לייזען . . .

— יאָ, יאָ, דאָס ביזטו גערעכט !

---

אין דערזעלבער צייט האָט די דאָזיגע קהלה געפיהרט אַ מחלוקת וועגען אַ מתנגדישען רב. דער קלענערער חלק מתנגדים אין שטעדטעל האָט געוואָלט נעהמען עקסטראַ נאָך אַ רב, אַ מתנגדישען, און עס האָט שוין געהאַלטען ביי פּעטש אין בית־המדרש. אָבער די פּאַסירונג מיט'ן פּוילישען גלח האָט אַזוי פער־דרעהט די קעפּ ביי די שטעדטעלשע אידען, אַז זיי האָבען פער־געסען ווער עס איז אַ מתנגד.

פעראייניגט האָט זיי יעצט איין ציעל : אַ פּוילישער גלח. זיי מוזען זעהן אָראָבערענגען אַ פּוילישען גלח ! ווען ניט וועט דאָס שטעדטעל אונטערגעהן. וואָס אַ זונטאָג איז דער „מארק" אַלץ קלענער און קלענער געוואָרען, אַלע קאַטאָליקען פאָהרען ער גיץ אַנדערש צום מארק.

— וואָס וועט זיין, אידען ! — האָט איינמאָל איינער פון די מתנגדים, וואָס האָט ניט אַנדערש אמאָל געוואָלט נאָר בע־זונדער אַ מתנגדישען רב, זיך אויפגעשטעלט שבת נאָכ'ן דאַוו־

נען אין בית־המדרש, — עס איז דאָך ניט קיין שכל... מען מוז דאָך זעהן זיך ארומקוקען וועגען א פוילישען גלח . . . עס איז דאָך געקומען עד הנפש. מען לייזט ניט א זונטאג קיין צעהנטל־חלק, וואס מען האָט געלייזט.

— ער איז גערעכט ! — האָט נאָך איינער אונטערגעהאל־טען, — איך זאָג אייך, אז איך ווער בדלות, זינט דער פוילישער גלח איז ניטאָ. א קליינינקייט ! אַלע קאַטאָליקען פאָהרען ער־גיץ אנדערש. מען מוז דאָך זעהן עפּעס טוהן !

— א „פּראָשעניע“ צום גובערנאַטאָר ! — האָט איינער אויסגעשריען.

— צום „אלחיריי“ ! — האָט נאָך איינער געדונערט.

— אין סענאט ! — האָט א דריטער געהילכט.

— מען דארף זיך לאָזען קאָסטען. עס איז ניט קיין תירוץ, עלעהיי א רעוויזאָר, צי א פּריסטאַוו, — האָט שוין א בעל־הבית פון מזרח־וואנד בעל־הבתיש געווענדט זיך צום רב, — ווי מיינט איהר, רבי ?

—די מעשה איז אזוי . . . — האָט דער רב פרום געזיפצט.

און דאס שטעדטעל האָט נעקריגען א שגעון: א פוילישען גלח.

קומט צופאָהרען ווער אין שטעדטעל, שטעלט אָב א איד־דען, שטעקט איהם אָב שלום, און פרעגט : — וואס מאכען עפּעס אידען ? בעקומט דער אורח גלייך אנ'ענטווער :

— זעהר ניט גוט, — מיר האָבען קיין פוילישען גלח ניט!

—וואס דארפט איהר דעם פוילישען גלח? פרעגט יענער פערוואונדערט און גלאָצט די אויגען.

— וואס רעדט איהר ? וואונדערט זיך צוריק דער שטעד־טעלשער. עס איז צוליעב דעם קיין מערק ניטאָ! מען לייזט ניט!

— אהא ! — בעגרייפט גלייך דער אורח און ענטפערט :

— טאקי ניט גוט. וואס־זשע טהוט איהר דערצו ?

— אט דאס איז דאך דאס אומגליק, וואס מען טהוט ניט!

אַט דאָס טענה איך דאָך, אז מען טהוט ניט, — צוקאַכט זיך דער שטעדטעלשער איד און ווערט אש להבה אויף דער גאַנצער קהלה.

און די קהלה האָט געזיפצט, געקרעכצט און געבענקט נאָך א פוילישען גלח . . .

ווענען צווייטען רב האָט מען לחלוטין פערגעסען....
א פוילישער גלח איז זיי וויטיגער געווען...

# דער אַלטער מגיד.

מיט א פעקעל אויף די דארע פּלייצעס און מיט די זעקס דרשות אין קאָפּ, פלעגט ער געהן פון שטעדטעל צו שטעדטעל און בעשענקען יעדע אידישע קהלה מיט א פּאָר דרשות פון די זעקס, פאר וואָס דער שמש פון יעדען שטעדטעלשען בית־המדרש פלעגט ביים טיר פון בית המדרש אוועקשטעלען א קערה און יע־דער צוהערער פלעגט אהיז א גראָשען, א קאָפּיקע און א דרייער׳ל אריינוואַרפען.

אין אזא קערה פלעגט ער שטענדיג געפינען צוויי־דריי גלאטע מטבעות. זיין דאר פּנים פלעגט זיך פערקרימען, דער שטערען פלעגט זיך קנייטשען און די לאַנגע באָרד פלעגט זיך וואונדערן: סטייטש! פאר תורה זאָל מען מיט גלאטע מטבעות צאָהלען! ער פלעגט זיי נאָך מעריב דעם שמש בעווייזען, אפשר וועט יענער אויסגעפינען, אז זיי זיינען גוטע, נאָר זע׳לטען ווען עס פלעגט זיך טרעפען אזא נס. דאָס רוב זיינען די שמשים געווען גרויסע מחמירים און פלעגען קיין גלאטע מטבע ניט וועלען כשר מאַכען. דעמאָלט פלעגט דער מגיד א טיעפען זיפץ געבען, וואָס אידען זיינען אין גלות אזוי צולאָזען געוואָרען. פלעגט צונעהמען צוריק די מטבעות פון שמש, אריינלעגען זיי אין א בעזאָנדער ביימעלע, וואו אלע גלאטע מטבעות האָבען זיך געקליבען, כדי זיי זאָלען זיך ניט צומישען מיט גוטע מטבעות און ער זאָל חלילה ניט נכשל ווערען אליין, געבענדיג אזא מטבע ווען עס איז. די גוטע מטבעות פלעגט ער אין

א צווייטען בייטעלע אריינלעגען, טיעף ביידע בייטעלעך אין בוזעם־קעשענע בעהאלטען און זיך גענומען זים אידישליך אונ־טערזיפצען, ביז ער פלעגט טאקע אזוי איינשלאפען אויף דער באנק.

ווי געזאגט, האט ער געהאט אין קאפ נאר זעקס דרשות, אבער זעלטען ווען ער פלעגט די גאנצע סחורה זיינע אין איין שטעדטעל אויספאקען. דאס איז ניט, חלילה, ווייל ער איז גע־ווען א שלעכטער סוחר און האט ניט געוואלט פאר זיין סחורה לייזען. ער וואלט אודאי אין יעדען שטעדטעל זיין גאנצע סחורה אויספערקויפט. פערקעהרט, עס וואלט פאר איהם א גרויס גליק געווען. פאר זעקס דרשות וואלט ער א רובל צוועלף געלייזט. נאך אזא פדיון וואלט ער שוין אין צווייטען שטעדטעל ניט דארפען געהן צו פוס, ער וואלט זיך געדונגען א פוהר און צוגעפאהרען מיט א ברייטקייט צום בית־המדרש פון דעם צוויי־טען שטעדטעל, און אפשר נאך אויף אנ'אכסניא פערפאהרען און ווען ער וואלט זיך אזא מותרות ערלויבט, וואלט ער אין דעם צווייטען שטעדטעל פאר יעדער דרשה טייערער גענומען. עס איז פארט א נפקא־מינא פון א מגיד א פוס געהער ביז א פערד־מגיד. וואס העלפט עס אבער ? די שטעדטלאך, וואוהין ער פלעגט קומען צו פוס, זיינען אלע ארימע קהלות געווען און האבען מעהר ווי פאר איינע, העכסטענס פאר צוויי דרשות ניט געקאנט בעצאהלען, און אויפ'ן דריטען טאג פלעגט ער נעהמען זיין פעקעל אויפ'ן פלייצע, א טאפ געבען דעם שטערן, צי עס ליעגט דארטען אלע זעקס דרשות, צי האט ער די צוויי חלילה אין שטעדטעל ניט פערגעסען, און פלעגט זיך לאזען פאמעלעך געהן איבער פעלדער און וועלדער. זומער ביי שען וועטער טאקע ערגיץ אין פעלד אדער אין וואלד איבערגעבטי־גען: ווינטער אבער — אין א אידישער קרעטשמע, וואו ער פלעגט אויסער א גוטער ישובה'שער וועטשערע אויך א גוטע נדבה קריגען.

אין דעם צווייטען שטעדטעל פלעגט ער אנדערע צוויי דרשות אויספאקען. ערשטענס, האט ער צוליעב פערשיעדענ־ארטיגקייט אליין געוואלט איבערבייטען די דרשות און צוויי־טענס, האט ער מורא געהאט, טאמער געפינט זיך גראד אין בית־המדרש א איד פון יענעם שטעדטעל, וואו ער האט ערשט פריהער גע׳דרשנ׳ט. אין פערלויף פון פיעל יאהרען האט ער זיך אזוי איינגעוועהנט אין די זעקס דרשות, אז ער פלעגט זיי זאגען ווי אן אויטאמאט. ער פלעגט אפט אויפ׳ן בימה שטעהן און קלערען פון דער היים, פון זיין ווייב, פון דער עלטערער טאכטער, וואס עס איז שוין לאנג צייט זי חתונה צו מאכען, און די דרשות פלעגט זיך, ווי אהן זיין וויסען, גיסען, גיסען ביז׳ן סוף, ביז ובא לציון גואל. אמאל פלעגט זיך נאך טרעפען, אז ער פלעגט די דרשה ענדיגען, און זייענדיג שטארק פער־טיעפט אין אייגענע מחשבות, פלעגט ער ניט וויסען, אז ער האט שוין געענדיגט, און פלעגט בלייבען שטעהן אזוי פערטראכט אויפ׳ן בימה — וואס ביים עולם איז דאס זעהר משונה׳דיג אויסגעקומען, ביז וואנען די יתומים פון בית־מדרש פלעגען איהם ניט אויפוועקען פון זיינע מחשבות מיט זייערע קליגג־גענדע קדישים. דאן פלעגט ער זיך דערשראקען א חאפ טהון, א קוש געבען דעם פרוכת פון ארון־קודש און שטיל אראבגעהן און נאך שטילער הינטערן בימה זיך אוועקזעצען.

* * *

צייטענווייז פלעגט איהם אריינפאלען א געדאנק אין קאפ, אויסצולערנען נאך א פאר דרשות. איבערהויפט האט דאס פאסירט אין די לעצטע יאהרען, ווען ער האט שוין צו עטליכע מאל יעדעם שטעדטעל בעזוכט און אלע זיינע דרשות צו צוויי־דריי מאל איבערגעזאגט. אמת, ער האט געוואוסט, אז די קליינ־שטעדטעלדיגע אידען, וואס האבען גרויס קאפ־דרעהעניש פון דאגות פרנסה, וועלען געוויס ניט געדענקען, וואס ער האט דא מיט א יאהר אדער צוויי יאהר צוריק געזאגט. אבער אויך

א נס פערלאזען זיך קען מען ניט. אויסערדעם האבען אין אנ־דערע שטעדטלעך צוויי פון זיינע דרשות שוואך געגומען גילטען. דאס זיינען געווען די דרשות וועגען פאלשע וואג און מאס, ווייל דארט האבען די אוריאדניקעס — זעהר בייזע גוים — אליין שטארק דערויף אכטונג געגעבען, האבען פיעל אקטען די ארימע קרעמער געמאכט און די וואג איז דארט געווען גע'חתמ'עט. און פאר יענע שטעדטלעך וואלט טאקע אודאי זעהר צייטיג געווען צוויי נייע דרשות, אנשטאט די צוויי דרשות וועגען פאל־שע וואג און מאס...

אבער ברענגען זיין רעיון בפועל איז איהם זעהר שווער גע־ווען. א מיעדער, א פערמאטערטער פלעגט ער אריינפאלען אין א שטעדטעל, פלעגט קומענדיג אין בית־המדרש, וואו זיין אכסניא איז שטענדיג געווען, זיך מוזען ארומוואשען; זומער — אברייניגען דעם שטויב פון זיין לאסטענער קאפאטע, פון זיין היטעל, יארמאלקע און שטיוועל, אסיען־צייט — טרי־קענען די קליידער און ווינטער — ווארימען זיך ביים אויווען.

נאך אזא שווערען וועג פון איין שטעדטעל אין צווייטען און נאך אזא רעפעראציע אין בית־המדרש פלעגט ער זיך מוזען אויסציהען אויפ'ן באנק און אברוהען, אמאל טאקע כאפען א דרעמעל און אנשלאפען ווערען, ביז דער שמש פלעגט איהם ניט גאר איידעל א וועק טהאן:

— ר' מגיד! איהר דארפט זיך שוין מכין זיין, — דער עולם קומט שוין באלד דאווענען און איהר שלאפט.

און אזוי האט ער זיך געמוזט מיאש זיין פון אויסלערנען נייע דרשות, טראכטענדיג: איך וועל שוין מיין וועלטעל אויספיהרען מיט די אלטע דרשות, פערפאלען!

---

עס איז אבער געקומען א צייט ווען דער ארימער אלטער מגיד האט זיך אויף דער עלטער געמוזט לערנען א נייע דרשה, א דרשה, וועלכע האט זיך איהם קיינמאל ניט גע'חלום'ט, וועל־

כע איז איהם געווען שווערער ווי אַנהויבען שטודירען דאָקטאָר אין אַנ'אוניווערזיטעט.

וואָס זאָל מען אָבער טהון מיט דער היינטיגער וועלט! אַלץ וויל זי נייעס, מאָדעס, אַפּילע אין מגידות, — אַ זינדיגע וועלט.

דערגאַנגען איז ער פון דער נייער סאָרט דרשה. קומענדיג אין אַ קליין שטעדטעל, און טרעפענדיג אויף די טירען פון בית־מדרש אַ מאָדנעם צעטעל אויפגעקלעפּט. עפּעס איז דאָס יאָ וועגען אַ מגיד און ניט וועגען אַ מגיד. הויבען הויבט זיך אָן ווי דער שטענדיגער נוסח: היום, אָבער אַנשטאָט ידרוש שטעהט יטוף, אַנשטאָט המגיד שטעהט המטיף. עפּעס טערקיש . . . „אודות ציון". וואָס הייסט עס אודות ציון? ווידער, צום סוף צעטעל, וואו עס דאַרף שטעהן: ולהשומע ינעם ותבוא עליו ברכה טוב, שטעהט נאָר אַ מגן־דוד און אַ חתימה מיט אַ פאָרנאָמען און פאַמיליע־נאָמען. עפּעס גאָרנישט אידישליך.

איהם איז בעפאַלען אַ שרעק. ער האָט דערפיהלט אַ שאַרפען קאָנקורענט; קאָנקורענטען מגידים פלעגט זיך איהם אַפילו אָפט טרעפען. ביים טרעפען זיך מיט נאָך אַ מגיד פלעגען זיי ביידע וואַרפען גורל, ווער עס זאָל דער ערשטער „זאָגען" און דעריין איז ער געווען אַ שטיקעל בר־מזל; דער גורל פלעגט שטענדיג אויספאַלען אויף איהם. מיט דעם נייעם סאָרט מגיד, האָט ער אָבער געפיהלט, וועלען אַזוינע קונצען ניט אַנגעהן: ער וועט איהם מוזען אַבטרעטען די בימה אָהן אַ גורל.. — דאָס האַרץ זאָגט איהם.

און דאָס אומגליק וואָלט ניט אַזוי גרויס געווען, ווען ער זאָל נאָר דאַסמאָל דאַרפען איהם די בימה איבערלאָזען. וועניג שטעדטלעך איז דען דאָ אין דער גרויסער וועלט? מילא, האָט ער אָנגעלעגט אימזיסט עטליכע וויאָרסט. דער אַלטער מגיד האָט אָבער דערפיהלט, אַז ער וועט דעם נייעם סאָרט מגיד, אָדער ווי ער הייסט, „מטיף" מוזען אַבטרעטען אַלע

בימות און וועט מוזען אנטהון א פשוטע טארבע און געהן פון שטוב צו שטוב . . . א שוידער איז איהם דורכגעגאנגען, אין קאפ זיינען איהם דורכגעפלויגען שטיקלאך פון זיינע זעקס דרשות און האבען, דאכט זיך, געלאכט פון איהם, געלאכט און געשטעלט איהם ציינגער און געריסען זיך פון איהם, ווי זיי וואלטען איהם וועלען פערלאזען אליין . . .

מנחה־צייט איז זיין שרעק גרעסער געווארען. אין בית־מדרש האבען זיך גענומען קלויבען אידען איינער נאך דעם אנ־דערען, אין א פיערטעל שעה איז אין בית־מדרש ענג געווא־רען. ער אליין האט אזא עולם קיינמאל ניט געהאט, און אלע זע־הען אזוי ערנסט אוים. קענטיג זיי זיינען געקומען עפעס הע־רען וויכטיגע זאכען.

און אט הערט דער מגיד, ווי עס ווערט א גערויש. דאס איז דער נייער מגיד אריינגעקומען. דער עולם מאכט איהם א וועג. דער אלטער מגיד אליין רוקט זיך אויך אב מיט דרך־ארץ און לאזט איהם דורכגעהן, בעגלייטענדיג איהם מיט פארשענדע בליקען, און וואס זעהט ער ? א יונגערמאן פון א יאהר דריי־סיג מיט א שווארצען בערדעל, א ביסעל צוגעפוצט (ער וואלט שווערען, אז געשארען), אין א ווייסער מאנישקע, מיט א האלב־לענגליכען ראק... הוא האלהים ! וויל ער א געשריי טהאן : אט דער וועט דאס דרש'נען ? איהם וועט מען עס אויפ'ן בימה ארויפלאזען ? ער קען עס ניט פערשטעהען, עס קאכט אין איהם זיין כעס. „אפיקורס !" ווילט זיך איהם אויסשרייען, נאר ער האלט זיך איין, ער וועט הערען, וואס וועט ער זאגען...

און אט זעהט ער, ווי דער נייער מגיד געהט ארויף אויפ'ן בימה, בעטראכט שטאלץ דעם עולם, און הויבט אן צו שי־טען פונקען פייער. און וואונדערליך, ער רעדט אויך פון ארץ־ישראל. שא ! — טראכט דער מגיד, עס איז דאך נאך אהן סכנה. וועגען ארץ־ישראל האט ער דאך אויך זעהר א פיינע דרשה; ער זאגט זי שטענדיג אין שטערטעל רעבזעוויטש.

ווייל צוויי דאָרטיגע אַלטע אידען זיינען אוועקגעפאָהרען אהין שטאַרבען איז עס דאָרטען מעניני־דיומא. ער הערט אָבער ווייטער זיך צו און פיהלט, אז עס איז נאָר אַן אנדער מין דרשה.

„דער חלק ליגט אויפ'ן האלז, און איהר וואַרט אויף משיח'ן . . .“

אי, ער איז דאָך אַן אפּיקורס! וואָס שווייגט איהם דער עולם, סטייטש? ער מערקט אָבער, ווי דער עולם שטעהט צוגעשמידט צו די ערטער און הערט צו מיט התפעלות, מיט בעגייסטערונג.

„שטאַרבען פאָהרט איהר אין ארץ־ישראל — ניין, ארץ־ישראל איז פאַר אונז צום לעבען געגעבען געוואָרען. לעבען ווילען מיר!“

און דער נייער מגיד רעדט אָהן משלים, אָהן פסוקים, אָהן בן־מלכ'ס און בת־מלכה'ס, נאָר אזוי ריכטיג, אזוי אמת, אז מען קען איהם ניט אָבלייקענען. און דער אַלטער מגיד פיהלט, ווי זיין וועלט איז אויס. ער האָט ניט די יכולת אזא דרשה קיינמאָל אויסצולערנען, און עס דריקט איהם דאָס האַרץ.

א דערשלאָגענער איז ער אויף מאָרגען פריה צו פוס אין א צווייט שטעדטעל אוועק. דאָרט האָט ער אפילו קיינעם פון די „נייע“ ניט געטראָפען, און ער וואָלט אפשר יענעם נייעם מגיד אינגאַנצען פערגעסען און וואָלט ווייטער געגלויבט, אז די וועלט איז נאָך א וועלט און אידען זיינען נאָך א פאָלק, ווי גאָט האָט געבאָטען, זיינען איהם אָבער, סאַמע מנחה־צייט, ווען ער האָט זיך מכין געווען א דרשה צו זאָגען, זיינע האָפנונגען ווידער צו־שלאָגען געוואָרען. צו איהם איז צוגעגאַנגען א יונגערמאַן, גע־געבען איהם א ברייטען שלום און געפרעגט:

— איהר זענט א ציוניסט?

— א וואָס? — האָט ער דערשראָקען אויסגעשטעלט די אויגען.

— איך מיין, צי קאָנט איהר עפּעס זאָגען וועגען ציוניזם?

— האט דער יונגערמאן שמייכלענדיג ווידער געפרעגט.

— ציוניזם... — האט ער זיך קריינקליך פערקרימט.
וואס? אן אפיקורס בין איך? איך זאג תורה, ניט קיין אפי־קורסות.

ער האט אבער אין זיינע אייגענע ווערטער ניט געגלויבט.

ער וואלט זעהר וועלען זאגען עפעס פון ציוניזם. מהיכא תיתי, אז עס געהט אן בעסער ווי די אלטע דרשות, פאר וואס ניט? נאר ווי אזוי לערנט מען זיך אויס? יענער יונגער מגיד האט אזוי שעהן גערעדט, אזוי בעהארצט... ער וועט אזוי רעדען קיינמאל ניט קענען! קיינמאל!

און ער האט געמוזט זיך נעהמען ווידער צו זיינע אלטע דרשות, און האט זיך געטומעלט פאר שרעק. איהם האט זיך אלץ געדאכט, אז דער יונגערמאן, וואס האט איהם געפרעגט, צי ער איז א ציוניסט, שטעהט איהם אנטקעגען און לאכט פון איהם...

---

וואס ווייטער זיינען אידען אלץ צולאזענער געווארען און האבען אלץ מעהר זיך אנגעהויבען צוצוהערען צו די נייע מגידים, צו די ציוניסטען, און איהם דעם אלטען מגיד וויל אפילו קיינער ניט הערען. איהם האט זיך שוין געטראפען צו בלייבען אליין אויפ'ן בימה און זאגען נאר פאר'ן שמש, וועל־כער האט געגענאיבער איהם געדרעמעלט און פאר'ן רב, וועל־כער האלט זיך פאר א למדן און האלט בכלל ניט פון קיין דרשות און קוקט דעמאלט אין א ספר אריין. אין די קערות האט מען וואס ווייטער אלץ וועניגער מטבעות געווארפען, און דעם אלטען מגיד איז פארגעשטאנען מאכען אויף זיינע זעקס דרשות אן אויספערקויף און לאזען זיך איבער דער וועלט מיט א טארבע.

נאר ניט אזוי גיך האט זיך דער מגיד אונטערגענעבען. זיין לאנגע בארד מיט די שוין פיעלע ווייסע האהר וואס האט איהם צוגעגעבען דאס אויסזעהן פון א תלמיד־חכם און די

שווארצע אטלעסענע, חאטש שוין צוהאקטע קאפאטע, האבען איהם דערפון אבגעהאלטען. ער האט געזוכט אנדערע מיטלען. דאס ערשטע מיטעל איז געווען אויסלערנען זיך, עס מעג די וועלט אונטערגעהן, א נייע דרשה וועגען ציון. ער האט זיך שוין עטליכע מאל געפרובט פאר זיך אין דער שטיל א פראבע מאכען און זאגען אזא דרשה. נאר ביי איהם איז עס ניט געגאנגען; עס האבען איהם, ערשטענס, די פיעל נייע ווערטער פון די נייע מגידים געפעהלט. צווייטענס, האט ער קיין געהעריגען ניגון ניט געפונען — און דער אלטער ניגון האט אהער ניט געפאסט. און דריטענס, האט ער אליין ניט געגלויבט אין דער נייער דרשה... איהם האט זיך געדאכט, אז שטעלענדיג זיך אויף דער בימה און אנהויבענדיג דרשה'נען, וועט דער עולם זיך גלייך חאפען, אז ער זאגט ליגען, אז ער אליין גלויבט ניט אין דעם, וואס ער זאגט.

און א פערצווייפלונג, געמישט מיט א ברענענדיגען כעס, האט אנגעצונדען זיין ברוסט. ווען ער וואלט אימשטאנד געווען, וואלט ער די אלע נייע מגידים, די ציוניסטען, אבגעמעקט פון דער וועלט און וואלט פון זיי קיין זכר ניט לאזען. נאר ער איז קענגען זיי אלט, שוואך, זיין געוועהר, די זעקס דרשות, זיינען טעמפ געווארען, און ער קען שוין מיט זיי ניט מלחמה האל־טען.

ער מוז זיך דאך אבער ראטעווען, ער מוז קריגען א ניי גע־וועהר. צום גליק איז ער דערגאנגען, אז גאט צו דאנקען ניט אלע אידען זיינען נאך פערפיהרט געווארען פון די שקצים, די ציור־ניסטען. עס זיינען נאך דא פיעל שטעדטלעך, איבערהויפט אין פוילען, וואו די אידען רופען זיי אן אפיקורסים און ווילען זיי מחרים זיין. און דער אלטער מגיד האט זיך אן די נייע קהלות אנגעהאפט, ווי איינער, וואס טרינקט זיך, פאר א שטרוי. די שאנה, דער כעס אויף די נייע מגידים, וואס ווילען איהם זיין ברויט אוועקנעהמען, האבען איהם ענדליך געהאלפען זיך אויס־

לאַרנען א זיעבעטע נייע דרשה, וועלכע ער האָט גענומען זאָגען אין פיעל שטעדטלעך, בייזערענדיג זיך אויף די נייע מגידים, אויף די אפיקורסות, וואָס זיי פערשפּרייטען צווישען אידען.

אָפטמאָל האָט איהם אפילו וועה געטהאָן דאָס הארץ, ווער ווייסט, צי פערשפּיעלט ער ניט יענע וועלט מיט אזא דרשה? סטייטש! ער רעדט קעגען ארץ־ישראל, קעגען בעזעצען אידען אין הייליגען לאנד, וואו יעדער וועט זיצען אונטער זיין פייגענבוים און בינשטאָק און רוהיג לעבען, ניט דארפען דרעהען דעם קאָפּ, ניט דארפען זוכען קיין נייע דרשות צו פערדיענען א שטיקעל ברויט... ער האָט זיך אָבער בערוהיגט מיט דעם געדאנק, אז פיעל רבנים זיינען אויך אין כעס אויף די ציוניסטען: מסתמא ווייסען זיי דאָך פון דער גמרא, אז אידען דארפען נאָך זיין אין גלות, און ער האָט זיין דרשה ווידער געהאַלטען. ניט לאנג אָבער איז די זיעבעטע דרשה אָנגעגאנגען, ארייניפאַלענדיג עפּעס ערגעץ אין א שטעדטעל און שטעלענדיג זיך נאָך מנחה אויף דער בימה און אָנהויבענדיג די זיעבעטע דרשה זיינע, האָט ער בעמערקט, ווי דער בית־המדרש רודערט זיך. ער האָט דערפיהלט, אז דאָ איז זיין סוף געקומען. דער עולם איז ניט צופריעדען פון זיין זיעבעטער דרשה. און מיט דעם לעצטען ביסעל כּיראזש, וואָס איהם איז נאָך געבליבען, האָט ער א געשריי געטהאָן מיט א ניגון, מיט וועלכען ער פלעגט אלעמאל מסביר זיין דעם גהינום:

„די היינטיגע הולטייעס ווילען משיח'ן מיט געוואלד אראָבברענגען: זיי געהען אין מאַנישקעס, שערען די בערד"...

נאָר ער האָט ניט געענדיגט. דער שמש איז צו איהם צוגעגאנגען און האָט בייז ארויסגעזאָגט: רב מגיד! דער עולם פערלאנגט, אז איהר זאלט אויפהערען זאָגען.

ער איז בלייך געווארען, די צונג האָט איהם ווי אָבגענומען. ער האָט מיט א פערקלעמט הארץ זיך אומגעקעהרט צום ארון־קודש, א קוש געטהאָן דעם פּרכות און איז א דערשלאָגענער

אראָב פון בימה, פערלאָזענדיג אויף שטענדיג די זעקס אַלטע און די זיבעטע נייע דרשה...

אָון מיט דער צייט איז איהם דער כעס אויך פערשוואונ־דען. ער האָט זיך מישב געווען, אז צוליעב דעם, וואָס ער דאַרף האָבען ברויט, זאָלען אידען זיצען אין גלות, איז ניט קיין יושר... אמת, ער דאַרף חתונה מאכען די יונגסטע טאָכטער, ווען זיי וואָלטען נאָך ווארטען מיט די נייע דרשות עטליכע יאָהר!... אָבער מסתמא וועט גאָט העלפען, און אידען זיינען, האָטש זיי הערען נייע דרשות, נאָך אַלץ א גאנץ גוט פאָלק; וואו ער געהט אריין, זאָגט מען איהם ניט אָב, יעדער גיט א גראָשען, א קאָפּיקע. אדרבא, אין א פּרט איז עס נאָך בעסער! אונטער די אויגען אין קערה פלעגט מען איהם פיעל גלאטע מטבעות אריינוואַרפען, און איצט, אז ער געהט אליין איבער די הייזער, גיט ער גוט אכטונג, און זעלטען ווען מען רוקט איהם אריין א שלעכטע מטבע.

# דער ברית חדשה.

אויסער דער אידישער אמונה, האָט אהרן־לייב געוואוסט, זיינען דאָ נאָך צוויי אמונות: די גוי׳אישע און די טאַטרשע. גע־וואוסט האָט ער דאָס, ווייל אין שטעדטעל האָבען געוואוינט גויים און טאַטערן. פון דער גויאישער אמונה האָט ער נאָר גע־וואוסט, אז שבת איז ביי זיי פרייטאג. ניט געהאַלטען האָט אהרן־ליב פוןביידע אמונות. נאָר די טאַטערשע אמונה איז דאכט זיך, מיט מעהר שכל... ערשטענס זיינען זיי מל זייערע קינדער, אמת צו דרייצעהן יאָהר, און צווייטענס עסען זיי ניט קיין חזיר. דאָס אליין איז שוין גענוג, אז די טאַערשע אמונה זאָל שטעהן העכער פאר דער גוי׳אישער. און אהרן־לייב האָט טאקע צו די טאַטערן געפיהלט מעהר אכטונג, ווי צו די גויים, חאָטש פרעמד זיינען ביידע פעלקער איהם געווען.

אהרן־ליב איז געווען אַ איד א למדן. ווייבער פון גאס פלעגען אפילו קומען צו איהם פרעגען א גרינגע שאלה; ער האָט זיך געמאכט כלומרשט. אז ער האָט ניט קיין רעכט צו ענט־פערן, אבער ער פלעגט יאָ פסק׳ענען, ווייל געוואוסט האָט ער טאקע ניט ערגער פאר׳ן רב... אבער וועגען די אנדערע אמונות האָט ער גאָרנישט געוואוסט. וועגען נוצרי ווערט עפּעס יאָ דערמאָהנט אין גמרא, נאָר אזוי ווייניג, אז ער האָט ניט געהאט פון איהם מעהר השגה ווי זיין ווייב ציפּע, וואס

האט דערצעהלט איהרע קינדער, אז דעם „יוזעל“ האט מען פערוואָרפען מיט קעפּלעך קרויט.

אהרן־ליב האט נאָר געוואוסט, אז גוים זיינען אידען די גרעסטע שונאים, און אידען זיינען ביי גוים אין גלות, און אז משיח וועט קומען וועלען אלע פעלקער ווערען אידען.

צווישען די גוי'אישע שכנים האט אפילו אהרן־לייב גע־קענט איינעם אנופרי, וואָס האט געהאט א ידיעה אין זייערע שווארצע פינטלעך. אנופרי פלעגט אמאָל וועלען פערפיהרען א שמועס מיט אהרן־ליב'ן וועגען אמונות, וועגען דער אידי־שער און זייערער, הייסט עס. אבער אהרן־לייב פלעגט זיך אין אזא שמועס ניט וועלען אריינלאָזען. ערשטענס האט ער דעם לשון ניט געקענט און צווייטענס איז טאקי א מורא: ווי וועט ער געהן דערצעהלען מעשיות וועגען „יויזעל“! אנופרי איז אפילו א גוטער גוי, אבער א גוי בלייבט אלעמאל א גוי. אהרן־לייב וועט זיך ארויסחאפּען מיט א שלעכט וואָרט, קען דער גוי איהם נאָך מסר'ן און ער וועט נאָך, חלילה, פערפוילט ווערען אין טורמע.

---

האט אהרן־לייב אזוי אבגעלעגט ביז א יאָהר עטליכע און פערציג, ניט האבענדיג קיין שום ידיעה וועגען דער גוי'אישער אמונה.

טשיקאווע איז ער אבער אלעמאל געווען צו וויסען, וואס איז דאס אזוינס פאר אן אמונה. „מען קען דאָך ניט זאָגען, אז א וועלט מענשען איז אזוי משוגע“ — פלעגט ער אמאָל א טראכט טהאָן. און כאָטש דער געדאנק האט געשמעקט מיט גרוים אפּיקורסות, פון וואס אהרן־לייב איז זעהר ווייט געווען, פלעגט ער, ווי אויף צו להכעים, זיך אריינטראכטען אין דעם דאָזיגען ענין טיעפער און טיעפער... איבערהויפּט אין זייערע אן ערב־חגא, ווען די גלעקער פון שטאָדטישען קלויסטער פלע־

גען מרה־שחורה׳דיג קלינגען און פלעגען אויפוועקען מאָדנע פראגען ביי אהרן־לייב׳ן אין קאָפּ.

קומט איינמאָל אהרן־לייב אין בית־מדרש אינדערפריה, ווי זיין שטייגער איז, — קיין מנין איז נאָך ניט געווען — הערט ער נאָר ווי א פּאָר אידען און דער שמש אין מיטען שטעהען ביים בימה און שמועסען עפּעס. געהט ער צו און הערט זיך איין. ערשט מען רעדט וועגען א גוואלדיג נייס.

— געקומען עפּעס איינער נעכטען פארנאכט אין שטעד־טעל און האָט געבראכט א גאנצען קאסטען מיט תנכ׳ן, אין שווארצען איינבונד, און טיילט עס אומזיסט...

דערהערט תנכ׳ן אומזיסט, דערמאָהנט זיך אהרן־לייב, אז ער דארף טאַקי האָבען א תנ״ך. ער וואָלט זיין א בעלן צו נעה־מען אזאַ תנ״ך. און אהרן־לייב פרעגט נאָך:

— וואו איז דער דאָזיגער איד?...

לאכט דער שמש:

— ער איז אזאַ איד, ווי איך בין א גוי...

— וואָס דען איז ער? — פרעגט אהרן־לייב, שטארק פער׳חדושט.

— א משומד... אן אמת׳ער משומד, ימח שמו.

— צו וואָס־זשע טיילט ער די תנכ׳ן?... — פרעגט אהרן־לייב פערחדושט און האָהר און נעגעל שטעלען זיך איהם אויף...

— חי־חי־חי! — לאכט דער שמש — איהר, ר׳ אהרן־לייב, זאָלט עס ניט וויסען! דאָס זיינען מיסיאָנערישע תנכ׳ן... איהר פערשטעהט? אלץ איז דאָרטען ווי אין אמת׳ן תנ״ך, נאָר איין פּסוק איז אביסעלע אנדערש און אָט אין יענעם פּסוק שטעקט די גאנצע קונץ...

און דער שמש נעהמט ארויס פון אלמער אן אלטען צורי־סענעם תנ״ך, בלעטערט און בלעטערט און געפינט דעם פּסוק:

— והנה העלמה הרה... איהר זעהט, אט אין דעם פסוק מאכען זיי דעם גאנצען שווינדעל... איהר פערשטעהט. היינט געה נעהם אזעלכע תנכ'ן...

אהרן־לייב קען גיט רעכט בעגרייפען, וואס פאר א שווינ־דעל קענען זיי מאכען אין דעם פסוק, אז עס זאל שטעקען דע־רין אזא סכנה, נאר ניט וועלענדיג ארויסווייזען זיין עם־הארצות אין דעם דאזיגען ענין, שווייגט ער און ענדליך מורמעלט ער ארוים:

— אזא מעשה, אזא מעשה...

— וואס פרעגט איהר, — זאגט דער שמש צופרידען פון זיין טיעפער ידיעה אין דעם דאזיגען ענין — זיי האבען אויך קעפ... נאר אלץ להכעים...

— איז ער, הייסט עס, א משומד?... — פרעגט אהרן־לייב, און הענד און פים ציטערן איהם פאר נייגירינקייט...

— וואס דען איז ער? — ענטפערט דער שמש, — א איד וועט דען טיילען תנכ'ן אומזיסט?... און דוקא תנכ'ן?... ער טיילט נאך עפעס, זאגט מען, אומזיסט...

— וואס נאך? — ווערט אהרן־לייב שטארק פעראינטע־רעסירט.

— אך, זאל גאט שומר ומציל זיין! יענס ספר'ל איז סכנות... דאס איז דער ברית חדשה... אלץ וועגען „יוזעל".

— טע־טע־טע! — פערוואונדערט זיך אהרן־לייב, — זאגט זשע מיר, איך בעט אייך, טאקי אלץ אויף לשון־קודש?...

— מען זאגט, — ענטפערט דער שמש, — ווערליג דער נאמען, איז עס אויף לשון־קודש...

דער בית־מדרש ווערט דערווייל פולער מיט נייע אריינגע־קומענע דאוונער. דער שמועס ווערט ברייטער און טיעפער. איי־נער א יונגערמאן, וואס איז געווען אין א גרויסער שטאדט א מלמד, איז מסביר דעם ענין אינגאנצען: — דאס איז נאר א פשוטע זאך. עס איז דא אזא חברה, וואס לאזט זיך קאסטען

גאָלד אויף אויס׳שמד׳ן אַלע אידען, אַלע אידען ביז איינעם... זיי האָבען מיליאָנען מיליאָסען געלד... מען זאָגט, אז די מלוכה גיט אויך דערויף געלד... נו, קודם ווילען זיי פערנארען מיט׳ן תנ״ך... עס איז דאָך עפּעס א אידישע זאך... אבער דער תנ״ך איז געפעלשט... איהר פערשטעהט? אין ישעיה האָבען זיי אַנגעמאכט צרות, איבערהויפּט ביי דער העלמה הרה... נאָר אין תהלים אויך; זיי ווילען דאָרט אויפווייזען, אז „ער״ שטאמט פון דוד המלך...

— אזש פון דוד המלך!... — פערחדושט זיך אהרן־לייב.

דערווייל קומט אָן דער רב.

דער עולם מאכט א ווארע. דער רב, א הויכער מאָגע־רער איד, אויף וועלכען די זופּיצע הענגט ווי א שווארצער זאק, געהט דורך, שעפּטשענדיג דעם פּסוק „מה טובו״ און ווענדט זיך ענדליך צום עולם.

— וואָס, אידען, מען איז געקומען אונז אבשמד׳ן?... — זאָגט ער אין א געלעכטער.

— חי־חי־חי! — לאכט צוריק דער שמש, — יאָ, אָב־שמד׳ן...

און דער גאנצער עולם לאכט פון רב׳ס וויץ...

— זאָגט עס ניט, — ווערט דער רב ערנסט — א סכנה איז דאָס... היינטיגע צייטען, די אמונה איז שוואך... דאָס אפּיקורסות איז נתרבה געוואָרען... איך רעכען אויסרופען א חרם, אז מען זאָל ניט נעהמען די תנכ׳ן, וואָס ער טיילט אומ־זיסט....

— דאָס איז זעהר נויטיג, — רופט זיך אָן אהרן־לייב — א קשיא אויף א מעשה...

און נאָכ׳ן דאווענען איז אויסגערופען געוואָרען א חרם...

---

אהרן־לייב איז געקומען אהיים אינגאנצען צודולט... דער

מיסיאָנער האָט איהם שטארק פעראינטערעסירט. ווער ווייס וואָס ער וואָלט געקענט דערגעהן ביי איהם, ווען ניט דער חרם...

אויף מאָרגען איז ער געקומען אין בית־מדרש פריהער ווי אלעמאָל. ער האָט געוואָלט דערגעהן וועגען דעם מיסיאָנער און איבערהויפּט וועגען דעם „ברית חדשה"... וואס קען דאָרט אזוינס שטעהן, וואָס זאָל איהם, אהרן־לייב'ן, קאַליע מאכען.

אין ווינקעל פון מזרח־זייט איז געזעסען חנן דער פּרוש, א איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט שטרענגע קלוגע אויגען און געקוקט שטום אין א גמרא.

אהרן־לייב איז צו איהם צוגעגאנגען.

— וואָס זאָגט איהר, ר' חנן, אויפ'ן מיסיאָנער? — האָט אהרן־לייב געפרעגט מיט א האַרץ־קלאַפּונג.

— וואָס איז דאָ צו זאָגען? — האָט דער פּרוש קאַלט געענטפערט — א נאַר גיט און א קלוגער נעהמט...

— וואָס הייסט א קלוגער נעהמט? — האָט אהרן־לייב אויסגעשטעלט די אויגען.

— אָט איך האָב גענומען א תנ"ך און א „ברית חדשה".

— וואָס רעדט איהר?... — האָט אהרן־לייב זיך אָנגע־חאַפּט, — איהר?

— וואָס, איהר האָט מורא, איך וועל מיך שמד'ן... שטותים!

אהרן־לייב איז צו זיך געקומען:

— גערעכט זייט איהר... אדרבה, איך מיין טאַקי פער־קעהרט... ס'הייסט, מען דאַרף וויסען, וואָס און ווען...

ער האָט זיך אָבגעהאַקט און ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפּער האָט ער שטיל געבעטען:

— קענט איהר מיר ניט געבען אריינקוקען דעריין, איך מיין, אין „ברית חדשה". עס איז א טשיקאַווע זאך...

— איך קען אייך געבען... איך האָב עס אינדערהיים. קומט

אריין צו מיר פארנאכט... נאָר פויקט עס ניט אויס פאר קיי־נעם. דאָס זיינען דאָך בהמות. זיי מיינען, אז מען לויפט זיך גלייך שמד'ן....

נאָך מעריב איז אהרן־לייב געגאנגען פון חנן דעם פרוש און אין טאַש האָט ער געהאט דאָס קליינע שווארצע ביכעלע...

הענד און פיס האָבען איהם געציטערט געהענדיג. קו־מענדיג אנטקעגען דעם קלויסטער, וועלכער איז געשטאַנען הויך און ריזיג און געקוקט מיט זיינע גאָלדענע צלמים אין הימעל אריין, האָט אהרן־לייב'ן דער שרעק שטארקער אָנגענומען. גע־דאכט האָט זיך איהם, אז פון די קליינע קלויסטער־פענסטער־לעך קוקען ארויס שווארצע געשטאַלטען און ווילען איהם פער־לאָקען אין דער געדיכטער פינסטערניש אריין.

ער האָט שוין געוואָלט דאָס ביכעלע ארויסוואַרפען פון טאַש, נאָר די הענד האָבען איהם דערצו ניט געדיענט און ער איז קוים דערגאַנגען אהיים.

אריינגעהענדיג אין שטוב, איז ער געווען בלאַס ווי קרייד. דאָס ווייב, א שוואַכע און א קרענקליכע, האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט:

— אהרן־לייב, וואָס איז מיט דיר?...

— גאָרנישט... איך האָב מיך דערשראָקען... א הונד...

— שמענדיג אבער דערשרעקט ער זיך פאר א הונד! — האָט זי זיך געמאכט בייזערן ווי א מאמע אויף א קינד, — וואָס טהוט דען א הונד... שוטה... א הונד בילט און הערט אויף...

„היינט געה דערצעהל איהר, אז עס איז ניט קיין הונד"...

— האָט אהרן־לייב, שוין רוהיגער ווערענדיג, געטראַכט. — „וואָס וויים א אידענע פון אזוינע ענינים"...

אין א פּאָר שעה ארום, אז אלע אין שטוב זיינען שוין געשלאָפען, האָט אהרן־לייב ארויסגענומען מיט ציטערנדע הענד דאָס שווארצע ביכעלע פון טאַש, געמאכט גרעסער דאָס פייער

אין לאמפ. אוועקגעזעצט זיךביים טיש און זיך גענומען לייע־נען...

ער האט געלייענט וואָרט ביי וואָרט, געזוכט דאָרט עפּעס א טיעפען סוד און ניט געקענט פערשטעהן.

און מעהר פאר אלץ האָט איהם געוואונדערט:

— וויבאלד דאָס איז די גוי'אישע אמונה, היינט צו וואָס דארף מען קלויסטערס און צו וואָס דארף מען די אלע גאריש־קייטען, און פארוואָס האָבען די גוים פיינט אידען?...

ער האָט עס געוואָלט פרעגען אנופרי'ן, זיין שכן דעם גוי, אָבער ער האָט מורא געהאט:

אנופרי קען איהם זיכער מסר'ן, און ער וועט נאָך פער־פוילט ווערען אין טורמע...

# די ערציהונג

די סדרה איז געווען אַן אומעטיגע, איבערהויפּט די הפטורה. חנה האָט זיך ביים טייטש־חומש גוט אויסגעוויינט. אַז זי האָט געענדיגט די סדרה, איז געווען דריי אַ זייגער. חיים איז שוין אַוועק אין שוהל הערען דעם מגיד, די עלטערע קינדער אויפ׳ן שפּאַציר, נאָר די זיבעצעהן־יעהריגע טאָכטער, ביילקע איז געזע־סען ביי אַ פענסטעריל, וואס האָט ארויסגעקוקט צום הויף, און האָט געלייענט אַ מעשה־ביכעל, פאַר וועלכעס זי האָט בעצאָהלט פּראַקאַט־געלד צוויי קאָפּיקעס. דער פינפטהאַלבען־יעהריגער האָצקעלע, וועלכען מען האָט שוין אויף ווינטער גערעכענט אָב־צוגעבען אין חדר, איז געזעסען אויף דער ערד און האָט זיך געשפּיעלט מיט אַ בלוי שטיקעל פּאַפּיר.

— ביילקע! גיב אַכטונג אויף דער שטוב! איך וועל אַ ווײלע אריינגעהן צו דאָבע־דיווען.

און איידער ביילקע האָט בעוויזען צו ענטפערן, האָט זיך דער קליינער האָצקעלע, ווי אַ שפּאַרבעריל, אַ הויב געטהאָן, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די צוויי דינע פיסלעך און מיט אַ גע־וויין אויסגעברומט:

— איך אויך געהן...

— נייז, דו בלייב דאָ! — האָט חנה אָנגעשריען. — ניטאָ וואוהין צו געהן.

חאצקעלע אבער האט זיך איינגעוויקעלט אין דער מאמעס קלייד, ווי ער וואלט זיך וועלען צוקלעפען, און געשריען:

— איך אויך געהן...

— נעהם איהם אויך! — האט ביילקע פארגעשלאגען.

— נעהם איהם אויך! — האט חנה איבערגעקרימט — מיינע שונאים זאלען אזוי לעבען, ווי מען קאן מיט איהם אין א שטוב אריין! ווי נאר מען געהט מיט איהם ערגעץ אריין, גלייך — מאמע עסען! דאס פנים פלאמט מיר.

— ניט בעטען, מיינע נאמנות! — האט חאצקעלע שטארקער פערזיכערט.

— געדענק זשע! — האט חנה געסטראשעט מיט'ן פינגער — טאמער בעטסטו דארט עסען, וועל איך דיך דער'הרג'ענען...

— ניט בעטען, מיינע נאמנות! — האט חאצקעלע פערזיכערט.

שבועה, האט חנה אבגעשניטען א קליינע „המוציא" פון דעם
שבועה, האט חנה אבגעשניטען א קליינע „הומציא" פון דעם
איבערגעבליבענעם שטיקעל חלה פון שבת'דיגען וואָרעמס און האט איהם דערלאנגט:

— עס א שטיקעל חלה, וועסטו ניט זיין הונגעריג. עס אויף גיך, איך וועל ווארטען.

א פרעהליכער פון דעם, וואס ער געהט צו דאבע־ריווען, וואו עס זיינען דא א סך קינדערלעך, לויט ער געדענקט נאך פון אמאל, ווען ער איז דארט געווען, און טאקע פון דער „המוציא חלה", וואס ניט אזוי אפט בעקומט ער עס, איז חאצקעלע אזש אונטערגעשפרונגען.

פארטיג געווארען מיט דער „המוציא", — האט איהם די מאמע אבגעווישט די ברעקלעך פון מויל, אויסגעשנייצט דאס נעזעל, פערזאגט און ווידער פערזאגט איהם, אז ער זאל ניט

בעטען עסען און אפילו, אז מען וועט איהם דאַרטען עפּעס גע־בען, זאָל ער אויך ניט נעהמען.

— ניט נעהמען! — האָט חאצקעלע פערזיכערט.

און זיי זיינען אַרויס.

---

דאָבע־ריווע, א יוסטע בעל־הבית'טע, אין א געדיכטען פּאַרוק אויפ'ן קאָפּ, אונטער וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע, שוואַרצע אידישע אויגען, מיט א פול פּנים, איז געזעסען אויך איבער'ן טייטש־חומש און ניט האָבענדיג קיין צובראָכען האַרץ, ווי חנה, האָט זי ניט געוויינט, נאָר אויס פרומקייט געזונגען מיט א געמאַכטען טרויעריגען נגון.

איבערגעריסען האָט איהר חנה'ס ברייטער גוט־שבת!

— גוט־שבת! גוט־שבת! — האָט דאָבע־ריווע זיך גלייך אויפגעהויבען פון אָרט און איז געגאַנגען חנה'ן אנטקעגען — אקוראַט ענדיג איך די הפטורה... נו, אביסעל א הפטורה היינט! א שטיין קאָן צוגעהן! האָט זי צוגעגעבען מיט א מינע פון א רביצין, וויסענדיג, אז חנה איז א גרויסע געלערנטע.

— היינטיגע גאַנצע סדרה איז ווערט גאָלד! — האָט חנה אַרויסגעזאָגט איהרע מבינות מיט אן אויטאָריטעטען־טאָן. נאָר באַלד האָט זי זיך פערהאַפּט:

— דוקא היינטיגע? און פאַראַכטאָגיגע און פאַרצווייוואָ־כעדיגע?....

— אבי די מאַנסבילען לאַכען פון אונזער טייטש־חומש... האָט דאָבע־ריווע גוטהערציג געשמייכעלט...

— היינט לאַכען שוין ברוך השם ניט נאָר די מאַנסבילען. די מיידלעך לאַכען שוין אויך... — האָט חנה זיך ערנסט גע־קלאָגט. מיין ביילקע זאָל געזונד זיין, וועט קיינמאָל ניט נעהמען דעם טייטש־חומש אין האַנד אריין, אַלץ די מעשה־ביכלעך, און די מעשה־ביכלעך!

— איך ווייס טאַקע ניט, וואָס פאַר א מין כשוף שטעקט

אין די מעשה־ביכלעך — האָט דאָבע־ריווע געדריקט מיט די פּלייצעס — מיין גאָלדע איז אויך אזוי — אַלע פרייטאג מוז זי נעהמען א ביכעל אויף שבת און וויינט איבער איהם פּונקט ווי אויף א תחינה... „מיינער" וואָלט זי אויפגעגעסען דערפאר. מיר אַרט דאָס שוין ניט אזוי — מילא, זאָל זי לייענען...

— יאָ — האָט חנה מודה געווען — קיין אומגליק איז דאָס ניט. היינטיגע צייטען מוז מען דאָס אויך...

נאָכדעם ווי דער פּאָדים פון דעם דאָזיגען שמועס האָט זיך צוריסען, האָט דאָבע־ריווע שבת'דיג א גענויץ געטהאָן, ווי איהר שטייגער איז געווען, און א קוק טהוענדיג אויף חאצקע־לען, האָט זי גענעצענדיג צוגעגעבען:

— דאָס איז, דאכט זיך, דיין חאצקעלע... שוין א בחור!

חאצקעלע האָט זיך פערשעמט, האָט אראָבגעלאָזט די אוי־געלעך און זיך געטוליעט צו דער מאמען...

— א צולאָזענער! — האָט חנה פער'מסר'ט...

— אַ קינד! — האָט דאָבע־ריווע פערטיידיגט...

— ווילסט אפשר, חאצקעלע, עסען? — האָט דאָבע־רי־ווע פריינדליך זיך געווענדעט צו חאצקעלען...

חאצקעלע האָט אויפגעהויבען די אויגעלעך אויף דער מאַ־מען ווי פערגעסענדיג זיין „וואָרט". די מאמע האָט איהם בגנבה א קניפּ געטהאָן און אָנשטאָט איהם געענטפערט:

— זאָל ער אזוי זיין הונגעריג דאָס גאנצע לעבען! — פאר אוועקגאנג האָט ער אבגעגעסען א שטיק חלה מיט אן איי.

חאצקעלע האָט געוואָלט א געשריי טהאָן בייז: א ליגען: האָן אן איי! די מאמע האָט איהם אָבער מיט איין האנד אזוי שטארק געקניפּען, אז ער האָט פערשטאַנען, אז מען טאָר דאָס איי ניט אָבלייקענען, אז א מאמע זאָגט, איז געזאָגט, און ער האָט נעביך געשוויגען, אין הארצען בייז טראכטענדיג: די מאַ־מע איז א ליגנערין...

דאָבע־ריווע האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי איהר שיטה,

אז א קינד, אז עס גנעהט זיך דורך אביסעל, וויל עס באלד עסען, און ניט ווארטענדיג אויף חנה'ס מיינונג וועגען דעם, איז זי צוגעגאנגען צום שפייז־אלמעריל.

חנה האט זיך אנגעצונדען:

— אסור זאל איך זיין, דאבע־ריווע, אויב איהר וועט איהם עפּעס געבען...

און גלייך האט זי זיך אומגעקעהרט צו חאצקעלען, שי־פענדיג:

— זאלסט ניט געהמען! איך וועל דיך ממית'ן.

חאצקעלע האט געשוויגען. עס האט געהייסען, אז ער וועט זיך נאך מיישב זיין...

דערווייל האט דאבע־ריווע אנגעשמירט א שטיק חלה מיט אזא מין סאק, וואס צייט חאצקעלע לעבט האט ער אזוינס ניט געזעהן... ער האט אויסגעשטעלט זיינע גרויסע אויגעלעך, בע־טענדיג צו דער מאמען, ווי געזאגט:

— הייס נעהמען!...

נאר דאבע־ריווע האט אנגעטאט איהם, זיך אליין צו חנה'ן געווענדעט און פריינדליך געזאגט:

—הייס איהם, חנה, נעהמען . . .

חנה איז געווען רויט ווי צונטער, איהרע ווינקלען ביי די ליפּען האבען געציטערט:

— אויב ער וויל .. .

— ווילסט, חאצקעלע? — האט דאבע־ריווע אויסשטע־קענדיג די „המוציא“, אנגעשמירט מיט דעם סאק, געפרעגט.

— וויל . . . — האט חאצקעלע אויסגעשטאמעלט און גע־קוקט אויף דער מאמען, צוגעהמענדיג די „המוציא“ . . .

— זעהסט — האט דאבע־ריווע ווי א זיעגערין געזאגט— א קינד. אז עס נעהט זיך דורך, וויל עס באלד עסען...

זאָג חאָטש א דאנק ! — האָט חנה זיך ווייטער געוואָרפען צו חאצקעלען.

נאָר חאצקעלעס מויל איז צו פערנומען געווען און אפילו קיין דאנק האָט ער אויך ניט געזאָגט.

און חנה איז געזעסען ביי דאָבע־ריוועז, ווי א בעגראָבענע, טראכטענדיג :

— ער פערשווארצט מיר די אויגען, דער בעטלער ! . . .

# די כלי־זמר

ביי חנה־דאָבען אין קליינעם שטיבעל האָט געהערשט א גע־רויש און א גערודער. עס איז געווען א פרייטאָגדיגער פריה־מאָרגען, און חנה־דאָבע, וואָס איז גראָד שפּעט אויפגעשטאַנען, איז געווען שרעקליך פערהאוועט ביים אויווען, וואו זי האָט גע־באקט חלה: באלד קומט שוין לייזער פון בית־המדרש און די בולקעס זיינען נאָך ניט פאַרטיג.

אין שטיבעל זיינען נאָך די בעטען ניט געווען פערבעט. די טירלעך פון אלמער, וואָס מען נעהמט אלע נאכט אראָב צו אימפּראָוויזירען א בעט פאר די קלענערע קינדער, זיינען נאָך צוריק ניט אויפגעהאַנגען געוואָרען, און חנה־דאָבע פלעגט זיך פאר גרוים איילעניש אָן זיי אלע ווילע פערטשעפּען און שיער ניט גע׳מזיק׳ט ווערען:

— א ניכפּה זאָל אייך חאַפּען! — האָט זי אלע ווילע גע־שאָלטען, מיינענדיג די צוויי קליינע קינדער, א אינגעלע און א מיידעלע פון זעקס און אכט יאָהר, וואָס האָבען זיך געדרעהט אונטער די פיס, און אלע ווילע ארייַנגעקוקט אין אויווען זע־הען, צי עס איז שוין פאַרטיג די חלה, — א ניכפּה זאָל אייך חאַפּען! דרעהט זיך ניט ארום, וואָרים איך וועל אייך ממית׳ן!

נאָר די קינדער, ניט האָבענדיג זיך וואוהין צו טהאָן, זיינען ארומגעשפּרונגען, און חנה־דאָבע איז געוואָרען אלע ביי־

זער, ביז זי האָט זיי אויפ'ן הויף אַרויסגעטריבען.

— געהט אין דער ערד !

נאָר אָט איז פון דאַווענען געקומען לייזער, א הויכער מאָ־גערער איד, מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט גרויסע פייכטע קעלבערנע אויגען און מיט א קליין ציגען־בערדעל. ער האָט שווער אָבגעאָטעמט פון דער גרויסער משא, וואָס ער האָט גע־טראָגען פון בית־המדרש ביז אהיים — דעם טלית־און־תפילין מיט'ן סדור „עץ־חיים", וואָס איז באמת געווען ניט נאָך זיינע כחות. — האָט אויסגעזוכט א טאַבורעטקעלע, וואָס איז געשטאַ־נען העט הינטערן אַלמער, זיך פאַוואַליע אָוועקגעזעצט און, אויסהוסטענדיג זיך, האָט ער שטיל געזאָגט :

— חנה־דאָבע, שוין פאַרטיג דער אָנבייסען ? מיר ציהט אין האַרצען !

— האָסט קיין צייט ניט ? — האָט זיך חנה־דאָבע אָנגע־צונדען, ווייל איהר האָט זיך געדאַכט, אז די צוויי בולקעס, וואָס זיצען פון פאַרענט האָבען זיך אונטען צוגעברענט. זי האָט גלייך געכאַפּט די לאָפּעטע און פערצווייפעלטע זיי אַרויס־געהאַפּט קונציג שנעל. זי האָט זיי בעטראַכט מיט גרויס זאָרג־פעלטיגקייט און דערזעהענדיג, אז זיי זיינען ניט פערברענט, איז זי ווייכער געוואָרען, האָט א גוטמוטיגען זיפץ געטאָן און געווענדט זיך צו לייזערן.

— קענסט זיך געהן וואַשען ; צוויי בולקעס איז שוין פאַרטיג.

לייזער האָט זיך שוין אויפגעהויבען פון אָרט און איז גע־ווען גרייט צו געהן וואַשען זיך, נאָר דאָ האָט חנה־דאָבע זיך מישב געווען, אז זי וועט שוין וואַרטען ביז די חלות וועלען אויך פאַרטיג ווערען.

— איך וועל זיך פערדרעהען מיט דיין אָנבייסען און וועל נאָך חלילה פערזעהען די חלות, און זיי וועלען פערשרפה'ט ווערען.

און אזוי ווי לייזער איז ניט געווען קיין גרויסער זולל וסובא, האָט ער מסכים געווען צו וואַרטען.

און כדי צו פערטרייבען דעם הונגער, האָט ער געמאַכט א שמועס מיט חנה־דאָבען:

— וועסט האָבען מיט וואָס צו קאָנטשען דעם שבת? — האָט ער זי ווייך געפרעגט.

חנה־דאָבע האָט א זיפץ געטאָן און געענטפערט:

— וויים איך... עס איז נאָך דאָ צוויי גילדען, וועט איין גילדען אוועקגעהן פאַר די שמשים און אנדערע צדקה און א גילדען וועט זיין גענוג אויף קליינינקייט....

נאָר דאָ האָט זי זיך פערטראַכט א ווײַלע און באַלד זיך געווענדט צו לייזערן:

— איך וויים גאָר ניט, וואָס מען טהוט מיר דער היינטיגער חתונה?

— וועלכע חתונה? — האָט זיך לייזער דערשראָקען.

— האָסט שוין פערגעסען? מיר האָבען דאָך היינט א חתונה; זלמן דער גאַרבער מאַכט היינט חתונה די טאָכטער.

— א שיינדעל אין דער משפחה! — האָט זיך לייזער, וואָס איז געווען א יחסן, פערקרימט.

— נו, וואָס זאָל מען טהאָן? — האָט חנה־דאָבע געזיפצט

— פאַרט אייגענע מענשען; זלמן דעם גאַרבערס באָבע מיט מיין זיידען, עליו השלום, זיינען געווען לייבליכע שוועסטער און ברידער.

—איז וואָס איז ער דיינער? — האָט לייזער פערקנייטשט דעם שטערן און זיך גענומען אויסצורעכענען מאַטעמאַטיש דעם יחוס.

און אבטומלענדיג זיך עטליכע מינוט, האָט ער אויסגערעכענט, אז די כלה, דאָס הייסט זלמנ׳ס טאָכטער, איז חנה־דאָבעס א גליעד־גליעד־שוועסטער־קינד.

— א ווייטע קרובה! — האט ער ענדליך מבטל געווען די גאנצע חתונה.

— פונדעסטוועגען דארף מען שיקען א מארט! — האט חנה־דאבע פערזארגט געענטפערט, — זיי האלטען זיך פאר נאהענטע קרובים.

— וואס קאסט א מארט? — האט לייזער, ניט זייענדיג אלס מאנסביל קיין בקי אין די זאכען, געפרעגט.

— א געפילטער מארט דארף קאסטען א גילדען.

— און ניט קיין געפילטער?

— א גריוונע!

— טו שיק טאקע גיט קיין געפילטען! — האט לייזער בעפוילען — די מחותנים וועלען אויפעסען ניט קיין געפילטען.

— עס פאסט ניט! — האט חנה־דאבע ניט געוואלט מסכים זיין.

— נו, מ'וועט זעהן, מ'וועט זעהן! — האט לייזער גע־ברומט בייז אויף דער איבעריגער הוצאה — גיב שוין עסען!

חנה־דאבע האט זיך אנגעהויבען מכין זיין ארויסצונעה־מען פון אויווען די חלה מיט די בולקעס.

— גאלדעלע! — האט זי געשריען דורכ'ן פענסטער צו דעם אכט־יעהריגען מיידעלע — געה אריין צו דוואשען און נעהם אויף גיך די גרויסע לאפעטע; מיינע איז צו קורץ פאר די חלות.

גאלדעלע, וואס האט זיך געשפיעלט אויפ'ן הויף מיט'ן זעקס־יעהריגען ברודערל חיים'ל און האבען געבאקט אויף דער זון חלות פון זאמד, האט זיך א לוסטיגע גלייך אויפגעהויבען און לויפענדיג צוגערופען צום ברודערל:

— זעה, די חלות זאלען ניט פערברענט ווערען! איך געה נאך א לאפעטע.

אין א ווייל׳ע ארום איז זי א פרעהליכע אריין אין שטוב מיט א גרויסער לאפעטע און אויסגעשאסען אין איין אטעם:

— מאמע, קלעזמער געהען! זאל איך אזוי געזונד זיין! קלעזמער!...

דער קליינער חיים'על איז אויך אריינגעלאפען און, פרעה־ליך פאטשענדיג מיט די הענטלעך, האט ער זיך צוזונגען:

— מאמע, טלעזמער! טלעזמער געהען! טלעזמער!

— וואו? וואו? — האט זיך חנה־דאבע דערשראקען און צוגעלאפען צום פענסטער.

— אוי, וועה איז מיר! — האט זי פערצווייפעלט פער־בראכען מיט די הענד, — זיי האבען דאך אונז געשיקט די כלי־זמר, א „גוט־מארגען" שפיעלען!

— וואו זיינען זיי? — האט לייזער נאך פערצווייפעלטער אויסגעשריען.

ער איז צוגעלאפען צום פענסטער און האט דערזעהן געהן די גאנצע קאפעליע שטעדטעלשע כלי־זמר מיט בעניע דעם בדחן בראש!

און איידער ער האט געהאט צייט עפעס פארצונעהמען, איז שוין דער בדחן, א לוסטיג אידעל מיט לויפענדיגע אייגע־לעך, געשטאנען ביים טיר און, ווענדענדיג זיך צו דער קאפעליע, האט ער הויך אויסגערופען:

— לכבוד דעם מחותן א פיינם גערעדט!

חנה־דאבע איז געשטאנען מיט דער לאפעטע און גע־שריען:

— לאזט מיך די חלה ארויסנעהמען!

נאר איהרע ווערטער האט פערדעקט א חוואליע מוזיק, מיט וועלכער די קאפעליע האט אנגעפילט דאס קליינע שטי־בעל.

— אוי, א וועהטאג איז מיר! — האט חנה־דאבע געבראָ־כען מיט די הענד, — די חלות וועלען פערברענט ווערען.

און מיט גרוים איספעט האט זי זיך גענומען ארויסנעה־

מען די חלות פון אויוועז. און ביי יעדע חלה ארויסנעהמען האט זי מיט דער לאפעטע דערלאנגט דעם קאנטראבאס.

— די אידענע לאזט ניט שפיעלען! — האט דער קאנטרא־באסיסט, א בייז פערשלאפען אידעל, געווארטשעט, רייבענ־דיג די סטרונעס.

געענדיגט דעם „מארש", האט דער בדחן נאך לוסטיגער ווי פריהער, זיך צוזונגען:

— און איצט א פיינעם צושפיעל לכבוד דעם מחותן ר' אליעזר ברבי...

לייזער האט מיט א טרויעריגען קול, ווי צו אל מלא רחמים, אונטערגעזאגט זיין טאטענס נאמען:

— ברבי יצחק!

און די כלי־זמר האבען זיך ווידער גענומען צו די כלים, נאר שוין אהן דעם קאנטראבאס, ווייל חנה־דאבעס לאפעטע האט איהם איינגאנצען חרוב געמאכט, און ער האט געדארפט האבען א גרויסען תיקון...

— לאזען זיי שוין געהן, — האט לייזער געוואונקען צו חנה־דאבען...

— געה אין דר'ערד מיט זיי אינאיינעם! — האט חנה־דאבע שרעקליך אויפגערעגט אבגעענטפערט און האט זיך שיער ניט צעוויינט פאר עגמת־נפש.

די מוזיק איז אנטשוויגען געווארען, דער בדחן האט ווידער זיך צוזונגען:

— מזל טוב! גאט זאל געבען אויף אייערע קינדערס חתונות...

און ער איז געבליבען שטעהן ווי א גענעראל, די קאפעליע מיט די אינסטרומענטען — ווי זיינע חילות.

לייזער האט א שושקע געטהאן חנה־דאבען:

— דו מוזט זיי בעצאהלען!

חנה־דאָבע איז מיט א פערדריקט האַרץ צוגעגאַנגען צום קוימען, ארויסגענומען פון א פערזשאַווערטער קוואָרט צוויי גילדען און האָט דערלאַנגט דעם בדחן...

דער בדחן האָט זיך ווידער צוזונגען און אין גראַמען אָנ־געוואונשען אַלדאָס גוטס...

— מיט דעם רעכטען פוס! — האָט ער לוסטיג צו דער קאַפּעליע א קאָמאַנדעווע געטהאָן.

די כלי־זמר זיינען לאַכענדיגע ארוים. דער קאָנטראַבאַס האָט זיך ביים ארויסגעהן פערטשעפּעט אָן דער לאָפּעטע; זי איז אומגעפאַלען מיט א גערויש און טומעל...

— אָט איז דיר א חתונה! — האָט חנה־דאָבע געבראָ־כען מיט די הענד.

— דיינע קרובים! — האָט לייזער געברומט, — מען זאָל האָבען א עצה שיקען די כלי־זמר! וואָס גראָבע יונגען קענען..

חנה־דאָבע איז געשטאַנען א פערצווייפעלטע און געבראָ־כען מיט די הענד.

— צוויי בלוטיגע גילדען און די חלות זיינען פערברענט געוואָרען! — האָט זי זיך צעוויינט אויפ'ן קול...

די צוויי קינדער, חיים'קע און גאָלדעלע, זיינען געשטאַ־נען און פערוואונדערט אָנגעקוקט די מאַמע:

— מען האָט אזוי שעהן געשפּיעלט, און די מאַמע וויינט...

און חיים'קע האָט זיך צוזונגען:

— שעהנע טלעזמער, שעהנע טלעזמער....

— שווייג, ממזר! — האָט לייזער זיך געוואָרפען אויפ'ן קליינעם חיים'על, וועלכער איז אזא נאַריש קינד און פער־שטעהט ניט דאָס אומגליק. ער איז א פערצווייפעלטער ארוים אויפ'ן הויף. דער הויף איז געווען בעלאַגערט פון א מחנה קינ־דער און עלטערע אידען.

דעטזעהענדיג לייזער'ן, איז חנן דער תבואה־הענדלער צו איהם ברייטליך צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— איהר זענט, הייסט עס, היינט א מחותן? מזל־טוב איך!

און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער פון לייזערן, איז ער ניט נתפעל געוואָרען און ווידער זיך געווענדעט צו איהם:

— וואָס איז מיט אייך זלמן דער גארבער, אפנים א נאָ־הענטער קרוב?

לייזערן איז דאָס גאַנצע בלוט אריין אין פּנים, און ער האָט פּאר כעס אויסגעשאָסען:

— זלמן דער גארבער איז מיינער אן עלטער־פעטער. איהר פערשטעהט — אן עלטערפעטער!

און ביז פאר שאנדע, איז ער אריין צוריק אין שטיבעל, זיך אוועקגעזעצט מיט אן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ אין א ווינ־קעל, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַלטען ביים אויסטאָן די שיך און זעצען זיך שבעה...

אין א צווייטען ווינקעל איז געזעסען חנה־דאָבע און שטיל אָהן כחות געקרעכצט:

— נא דיר גאָר כלי־זמר, וועה איז מיר!...

# טעכטער

1.

טעכטער סתם זיינען א קללה פון גאָט, בפרט אַזוינע טעכ־
טער, ווי ליבע דעם שניידערס.

און אין ווען מען האָבען זיי זיך „איינגעגעבען", קען ליבע
מיט זיין שניידערשען שכל ניט משיג זיין. ער אליין איז דאָך
ניט שייך — א איד, וואָס האָט קיינמאָל א פליג אויף דער
וואנד ניט פערטשעפּעט, און ווען ניט די אלטע נייה־מאשין,
אויף וועלכער ער פלעגט אמאָל אבשטעפען א נאָט, וואלט מען
קיינמאָל איהם ניט געהערט.

די מאשין איז טאקע אן אלטע שרייערין, נאָר וואס איז
ער שולדיג? ער האָט זי דען אויסגעטראכט?

נאָר צוליעב דער מאשין וואָלט אין שטוב די רוה זעל־
טען געשטערט געוואָרען. ליבע איז פון יענעם סאָרט שניידער,
וואָס האָבען אַרבייט איינמאָל אין א שמיטה, און דאָס ביסעל
אַרבייט, וואָס ער בעקומט, איז אויך מעהר האַנד־אַרבייט, ווי
מאשין־אַרבייט; ניט אלע לאַטעס לאָזען זיך שטעפען, און אפילו
אז ער בעקומט א נייעם בגד ביי א רייכען בעל־הגוף, איז דאָס
געוואנד אַזוי דיק, אז די מאשין וועט עס קיינמאָל ניט ביי־
קומען; ער קען נאָך די נאָדעל צוברעכען, און קויפען א נייע
מאשין־נאָדעל איז ניט פאר ליבעם מצב

אבער אין פערגלייך מיט דעם טומעל וואָס זיינע דריי טעכטער מאכען אין שטוב, איז די נייה־מאשין, ווען אפילו זי ארבייט, ווי א פליט קעגען צעהן באראבאנעס....

און דער טומעל הויבט זיך אָן אין דער פריה, ווי זיי הויבען זיך אויף פון די בעטען. די ערשטע הויבט זיך אויף לאה, וואָס האָט א צונאָמען „די קאַץ", דערפאר וואס אין א שטוב־געשלעג דראפּעט זי זיך מיט די נעגעל און לאָזט וויכטיגע סמנים אויף די צוויי שוועסטערס פּנים'ער. אז לאה, די יונגע־רע, הויבט זיך אויף, פּערדריסט איהר, וואָס חאשע, אָדער מיט איהר צונאָמען „דער מענה־לשון", ליעגט נאָך; געהט זי צו צו איהר און שלעפּט זי פאר די צעפּ. האפּט זיך אויף יענטע, די על־טערע, מיט'ן צונאָמען „די פּערזעסענע" (האָטש זי איז נאָך ניט אזוי אלט). אין איין העמד און מיט צופּודעלטע האָהר ווארפט זי זיך ארויף אויף די צוויי שוועסטער. זי וויל, הייסט עס, א שלום מאכען. און דער שלום קומט ערשט, ווען די „קאַץ" צודראַפּעט ביידע פּנים'ער ביז בלוט און זי אליין בעקומט טרוקענע קלעפּ מיט די הענד, אָדער מיט די שטעקענס, וואָס געפינען זיך אין שטוב גראָד לרוב.

דער שלום געדויערט אבער ניט לאנג. באלד הויבט זיך אָן א מחלוקת וועגען בולבעס שיילען. די „פּערזעסענע" הייסט, אז דער „מענה־לשון" זאָל שיילען, דער מענה־לשון" הייסט, די „קאַץ" זאָל שיילען, און די „קאַץ" זאָגט:

— זאָלט איהר אזוי ביידע דערלעבען געה'ן צו דער חופּה ווי איהר וועט עס דערלעבען, אז איך וועל שיילען.

ביז זיי נעהמען זיך אלע שיילען. די פּשרה מאכט די מאַ־מע; האָטש קיין גרויסע דעה האָט זי ביי זיי ניט, נאָר זיי דער־זעהען, אז באלד הייצט זיך אוים דאָס אויוועלע, און זיי וועט לען בלייבען הונגעריג.

און פאר הונגער ציטערן די דריי שוועסטער מעהר ווי פאר דראַפּעניש, קללות און קלעפּ...

און אזוי געהט אריבער דער גאנצער טאָג, און אזוי איז דער מאָרגען, דער איבערמאָרגען, דער פרייטאג, דער שבת.

און לייבע, וואס הערט אלע טאג בין מנחה למעריב „עין יעקב" און איז דערפאר ניט קיין עם־הארץ, זיפצט אויף לשון־קודש:

— צרת הבת! צרת הבת!...

און די מאמע, גרונע, א אידענע פון טייטש־חומש, זיפצט אויף עברי־טייטש:

— א פערשאָלטענער בויך ביי מיר געווען...

2.

אז עס איז דאָ א גן־עדן אויף יענער וועלט, גלויבט לייבע זיכער ווי גאָלד. שייך א גן־עדן! צי וועט ער ווען עס איז גרייכען אהין, ווייס ער נישט. „עין יעקב" הערט ער אפילו אלע טאָג. וועגען תהלים שמועסט מען דאָך נישט, — אלע טאָג א יום, שבת — דעם גאנצען, און ראש השנה — זעקס מאָל הין און צוריק! נאָר ווער ווייס, צי דאָס אליין קלעקט! מען דאַרף האָבען נאָך מעשים טובים, — האָט ער זיי? גאָט ווייס!

אבער אז עס איז דאָ א גן־עדן אויף ד ע ר וועלט, ווייס לייב נאָך זיכערער; ער פיהלט איהם, ער זעהט איהם, ער האָט איהם א חודש אין יאָהר. ווי אזוי? — הערט א מעשה!

קיין „טאלענט" האָט ער ניט געקענט אויסלערנען די טעכ־טער; שניידעריי איז אין שטעדטעל אין דר׳ערד. אין א קראָם אבגעגעבען וואָלט אודאי גוט געווען, נאָר זיינע טעכטער האָבען א שם פאר צולאָזענע, ווילדע, און קיין בעל־הבתי־שער קרעמער וואָלט זיי נישט גענומען.

אָבער איינס — וועלגערן האָבען זיי געקענט.

ווי לייבע איז אָרים געווען, האָט ער דאָך „אויף שבת" ווי עס איז „געקריגען", און אלע דאָנערשטאג פלעגט מען ביי איהם אין שטוב וועלגערן א בלאָט לאָקשען, און א דאנק אָט דעם

בלאט לאָקשען האָט לייבע זוכה געווען צו געניסען דעם גן־עדן אויף ד ע ר וועלט.

וועלגעריגס זיינען זיינע טעכטער איינע אין א מדינה, און פאר אזוינע געראָטענע וועלגעריגס איז דאָס שטעדטעל צו קליין; זיי דארפען א כרך, וואו זייער ארבייט פערשטעהט מען און וואו זייער ארבייט ווערט גוט בעצאָהלט.

און גלייך אויף מארגען נאָך פורים לאָזען זיך די דריי שוועסטער אין דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט אריין וועל־גערן מצה.

און דאָ הויבט זיך אָן פאר לייבען דער גן־עדן...

ער בלייבט איינער אליין אין שטוב. אפילו דאָס ווייב איז אויך נישטאָ אינדערהיים; זי קנעט אין א פּאָדריאד אין שטעד־טעל גופא.

און לייבע זיצט ביי דעם ביסעל גוי'אישע ארבייט, וואָס ער האָט אויף זייער „פסח" בעקומען, און טראַכט: ווי גוט איז אויף דער וועלט, אז מען האָט ניט קיין ווייב און קיין דריי טעכטער.

א גן־עדן, א גן־עדן!

---

3.

א צוויי טאָג פאר פסח קומען די טעכטער צוריק. הערענ־דיג זייערע שטימען נאָך אויף די וועגענס, בלייבט לייבע דער־שראָקען. אוים גן־עדן! דער גהינום איז געקומען.

ער איז זיך אבער טועה. עס לאָזען זיך אריין די דריי שוועסטער, פרעהליכע, ליעבליכע און גוטע, — טראָגענדיג יע־דע אין די הענד צו פעקלעך.

לייבע דערקענט זיי, דאכט זיך, ניט: זיינען דאָס זיינע טעכטער?

— נו, וואָס מאכסטו, טאַטע, — רופט זיך אָן מיט א ליעבען שמייכעל „די קאַץ".

די פראגע איז אזוי אזוי אונערוואַרטעט ווייך, אזוי בנעימות־דיג, אז ליבע פערשעמט זיך, און א טרעהר שטעלט זיך איהם אין אויג.

— יענטע! — רופט זיך אָן ווידער „די קאץ” — די פסח'דיגע שמאלץ האָסטו אראָבגעטראָגען?

— יאָ! — ענטפערט יענטע.

— ווער איז דאָס די יענטע? — פערקלערט זיך ליבע.

א גאנץ יאָהר הערט ער ניט דעם נאָמען.

— אהא, דערמאָנט ער זיך, דאָס איז „די פערזעסענע!”

— חאַשע, לאָמיר אויספּאקען די טוקעווע שמאלץ! — רופט זיך אָן יענטע.

— ווער איז די חאשע? — פערקלערט זיך ליבע.

— אהא! דערמאָהנט ער זיך — דאָס איז דער „מענה לשון”.

ליבע וואָלט זיך ניט געשעמט, וואלט ער גענומען אלע דריי טעכטער, צונויפדריקען זיי אין זיינע שוואכע אָרימס און קושען זיי.

אין א שעה ארום נעהמט יעדע טאָכטער ארויס איהר פערמעגען.

ביינאכט קומט אויך די מאמע פון פאָדריאַד אָן אָבגע־רעבענטע.

מען בע'חשבונ'ט דעם אייגענעם — איבער פיערציג רובל.

— עס וועט זיין א פסח כיד המלכות! — זאָגט די מו־טער.

די טעכטער זיצען מיט דרך־ארץ און שווייגען.

— איך האָב אויך עפּעס פערדיענט! — זאָגט ליבע ארויס מיט א שוואכען קול און קראצט אויס פון בייטעלע צעהן גילדען.

— און א רובל קומט מיר נאָך פון סטעפאנען פאר דעם קאַפּטאָן, ס'איז גוט געלד! — גיט ער צו.

— גבירים! — לאכט לאה.

— יענטע! — רופט זיך אן חאשע — לאמיר, מיין גאלד, זיך נעהמען צו וואשען אויף פסח.

— נו־נו! — שטימט איין יענטע.

— איך וועל אייך אויך העלפען! — זאגט לאה.

און די דריי שוועסטער נעהמען זיך ראמען די שטוב און דערצעהלען מעשיות פון דער גרויסער שטאדט און קוועלען אז...

און לייבע קוקט, הערט און פערשטעהט גארנישט...

---

4.

פסח מאכט מען ביי לייבען פון דער פולער האנד.

די טעכטער זיינען זאט און בעקליידט, געהען זיי ארום דעם ערשטען טאג נאכ'ן גוטען מיטאג אלע דריי שפאצירען.

— ווער זיינען דאס די דריי מיידלעך? — פרעגט איינע פון א קופקעלע ווייבער, דערזעהענדיג זיי אין גאס.

— דאס זיינען דאך לייבעס „מיילער".

— וואס זאגט מען צו זיי? — וואונדערט זיך די ערשטע.

— כ'האב גאר זיי נישט דערקענט!

— זיי האבען זיך אין פאדריאד אויסגעאיידעלט! —לאכט אן אנדערע אידענע.

— זיי האבען פסח וואס צו עסען, זיינען זיי שטיל! — לאכט נאך איינע.

— און וואס מיינט איהר, — זאגט שוין ערנסט ווידער די ערשטע, — אז מען האט וואס צו עסען, קריעגט מען זיך נים, שעלט מען זיך נים. א גאנץ יאהר איז דארט א דלות, אז נאט זאל רחמנות האבען.

— אלץ קומט פון ארימקייט! — זיפצט נאך א אידענע.

און די שוועסטער זיינען שוין אונטער'ן שטעדטעל, זיצען

אויפ'ן גרינעם גראָז, דערמאָהנען זיך די שעהנע, גרויסע שטאָדט און שמועסען ווי דריי טייבעלעך.

---

אזוי געדויערט ביז נאָך פּסח.

אָבער מיט דעם ערשטען פּערדאָרטען שטיקעל חמץ, וואס מען טראָגט אַראָב פון בוידים צוריק, קומען די קללות און קריגע צו לייבען ווידער אין שטוב אריין.

און „די קאַץ" און דער „מענה־לשון" און די „פּערזעסע־נע" קענען זיך ווידער ניט צוטיילען, און מען שעלט זיך און מען דראָפּעט זיך...

און לייבע זיפצט ווידער אויף לשון־קודש:

— אוי, צרת הבת!...

# חתן־כלה בריעף

חיים איז ענדליך געווארען א חתן.

ער איז זעהר צופריעדען. — „א סוף זאגט ער, געפטר'ט אנ'עסק, עס איז מיר נמאס געווארען ארומצושלעפען זיך אנ־קוקען כלות!" צוויי יאהר איז ער זעלטען אין דער היים גע־ווען, ער איז מעהר געלעגען אין בויד ביי יענקעל בעל־עגלה, וועלכער פלעגט איהם פיהרען אין פיעל ארומיגע שטעדטלעך, וואו לייבעל דער שדכן פלעגט נאר אנשמעקען א שטיקעל כלה... איצטער וועט ער זיך ערשט אברוהען! —

דער שדוך איז איהם אפילו ניט גאר אינגאנצען געפעלען: עס איז צו ווייניג געלד — דריי הונדערט רובל. אמת, די כלה איז א „מענש", וועט טויגען צו א געשעפט, און דאס איז דער עיקר...

— קיין מאוסע, דאכט זיך, איז זי ניט, — טראכט ער און ער וויל פארשטעלען איהר געשטאלט פאר זיך אליין, ווי ער וואלט זי ווילען נאך אמאל זעהען, נאר עס געהט ניט ארויס בולט; ער געדענקט עפעס ניט, וואס פאר א פנים זי האט, ער האט זי טאקע גאר ווייניג אנגעקוקט. דאס ערשטע מאל ביים „קנין" איז מיט איהם מעהר געזעסען און גערעדט דער מחותן אליין. האט איהם געוואלט נעהנטער בעטראכטען און איבערהויפט אנטאפען איהם, צי איז

ער קיין עם־האריץ נים. ווייל ער האט אלץ געוואָרפען פסוקים, און נאך יעדען פסוק פלעגט ער טיעף אין די אויגען איהם אריינקוקען, ווי ער וואלט געפרעגט: פערשטעהסט, התן־לעב, פירוש המלות? ביי די תנאים, ווידער, איז נאך ווענינער צייט געווען צו ריידען מיט דער כלה און אנצוקוקען זי, ווי עס געהער צו זיין. דאָס דינגען זיך וועגען נדן, וועגען מתנות און וועגען „גארדעראָבע" האט צוגענומען די גאנצע נאכט. עס איז איהם קוים געבליבען אייניגע מינוטען לײדינגע צייט דורכצוגעהן זיך מיט „איהר" אין גאס, וואו עס איז געווען זעהר פינסטער. דאך, אז ער שטרענגט אָן שטארק זיין כח הדמיון, שטעלט זי זיך פאר איהם פאר און זי קומט ארויס „א גאנץ שעהנע". ער געדענקט נאר נים, וואסערע אויגען זי האט.

ער זידעלט זיך אליין: ווי זעה איך דאס נים איהרע אויגען! א קלייניגקיים אויגען!...

„דאכט זיך שווארצע" — פרובט ער צו טרעפען. ער דערמאנט זיך אבער, אז ביים מחותן, איהר טאטען, זיינען גרויע (א, דעם מחותנ׳ם אויגען האט ער נאך צו פיעל געזעהן!) מסתמא איז ביי איהר אויך אזעלכע. ער וואלט שוין וועלען, עס זאל שוין וואס גיכער קומען די צייט, אויף וועלכע מען האט אבגעלעגט די חתונה.

„א, דאמאלס, טראכט ער, וועל איך זי ריכטיג אנקוקען, איך וועל זעהען אפילו, וועלכע ברעמען זי האט!"

און וואס מעהר ער טראכט וועגען איהר, אלץ מעהר ווערט ער צופריעדען פון דעם שדוך.

— א גאנץ גוטער שדוך — לויבט ער פאר זיך אליין — בעסערס וואלט איך נים געפונען, אז איך וואלט זוכען נאך דריי יאהר...

ער הויבט אן צו בענקען, עס פערווילט זיך איהם ריידען מיט דער כלה.

און אז עס גערט איבער די ערשטע וואך נאך די תנאים, בעשליסט ער זיך צו שרייבען איהר א בריעף.

זיי האבען זיך טאקע פערשפּראכען ביז דער חתונה זיך דורכצושרייבען, און דער רעיון וועגען בריעף בעהערשט איהם אינגאנצען. אבער עס איז פאר איהם א שווערע אויפגאבע; שרייבען אפילו, קען ער גאר גוט, זיין „האנדשריפט“ איז גאר א פיינע. זיין טאטע פלעגט זיך שטענדיג בעריהמען מיט זיין חיים׳ס שרייבען: איהר זעהט א כתב! — פלעגט ער אפט אנווייזען אויפ׳ן זוהנס א שטיקעל אנגעשריבענעם פּאפּיר, — איהר זעהט אותיות — געדרוקט! אמת, פלעגט דער טאטע אויסלאזען מיט גדלות, — ער האט מיר גענוג געקאסט: דריי „זמנים“ איז ער געגאנגען צו משה טשערטאק — דער בעסטער לעהרער!...

וואס העלפט עס אבער: כתב אליין איז ווענינ, מען דארף האבען ווערטער — א „געדאנק“. צו א כלה שרייבען קען מען דאך ניט שרייבען ווי צו א קרעמער א צעטעלע: „ידידי, שיקט מיר צעהן פונט קמח לבן“... מען דארף דאך וויסען, וואס צו שרייבען, דער שכן און דער טאטע האבען איהם אנגעגעבען פאר א וואויל געלערנטען: — „וואס ווייסט איהר, וואס פאר א „קענער“ דאס איז! — האט דער שדכן געלויבט פאר׳ן מחותן. א קלייניגקייט! — האט דער טאטע אונטערגעהאלפען, — מיין חיים שרייבט אויסגעצייכענט, זיינע בריעף געהען קיין אמעריקא“... און וואס צו שרייבען ווייסט חיים ניט.

דאך פּרובט ער זיך. ער זעצט זיך אוועק שפּעט ביינאכט ווען אלע שלאפען שוין און הויבט אן צו שרייבען:

„צו מיין טייערסטע כלה“...

ער שטעלט זיך אב און שפּייט אויס: פוי, וואס איז דאס פאר א מין שרייבען — „צו“! א מיידעל שרייבט אזוי.

„כלה“ געפעלט איהם אויך ניט.

א דאנק וואס ער האט אמאל געלעזען שמר׳ס ראמאנען, דערמאהנט ער זיך, אז כלה קאן מען פערבייטען אויף „ברויטע“.

מיט דעם ניי־געפונענעם ווארט איז ער העכסט צופרידען.

וואס איז אבער די פעולה, אז ער וויים ניט ווי צו טיר־טולירען.

„טייערסטע“, ווייסט ער זיכער, איז ניט שעהן. נאך א סך קלערעניש, נאך א סך אומגעהן איבער׳ן צימער, קנייטשענדיג דעם שטערן, צומאכענדיג די אויגען און ברומענדיג „ברויטע, ברויטע, ברויטע“, — געלינגט איהם צו דערמאהנען זיך א גאנצע פראזע. ער זעצט זיך בערוהיגט אוועק און שרייבט:

„אדעל געבוירענע און האכגעשעצטע ברויטע“.

ער לעזט עס דורך און עס געפעלט איהם: — אמת׳ע דייטשעשע ווערטער! ער הויבט אן ווייטער צו קלערען, נאר קיין שום ניי ווארט קומט איהם ניט ארויף אויפ׳ן געדאנק, ווי ער וואלט אין א פרעמדער שפראך געדארפט שרייבען.

פונדעסטוועגען שרייבט ער צו נאך א גאנצע שורה: „אין אנפאנג קום איך אייך צו בענאכריכטען, אז איך בין פאלקאם געזונד, גיעבע גאט דאס נעמליכע פון איהנען צו בעקאממען“.

ער הויבט עס אן איבערצולעזען. די ווערטער געפעלען איהם, כמעט אלע דייטשעשע, נאר צו א כלה שרייבט מען ניט אזוי; אזוי שרייבען ווייבער צו מאנען, קינדער צו עלטערן, אבער ניט חתנים צו כלות...

ער פערמעקט עס מיט צוויי גראבע שטריכען, נעהמט א צווייטען בויגען פאפיר און הויבט אן ווייטער צו טראכטען. עס פליהען איהם דורך אין מח אלערליי ווערטער, אלערליי רעיונות, דאך דער רעיון, וואס זאל האבען שייכות צו א כלה, פעהלט איהם.

עס פלאצט איהם ענדליך די געדולד, ער גיט מיט כעס א ווארף די פעדער.

— וואס געהסטו ניט שלאפען, חיים? — פרעגט דער טאטע הוסטענדיג אין בעט.

— שלאף, שלאף, ניט דיין דאגה! — ענטפערט חיים צו־

רייצט. — ער איז אין כעס, וואס דער טאטע האט איהם ניט נעגעבען לערנען נאך צו א בעסערן לעהרער.

— שלעכט! — ברומט ער מיט פערדראס, — איך וועל קיין בריעף ניט אנשרייבען — איך ווייס אפילו ניט ווי אזוי מען הויבט אן.

„אפשר עמיצען בעטען? — לויפט איהם דורך אין מח.

מיט גרויס שמחה פאלט ער ארויף אויף'ן פלאן. איצט איז זיין מח איינגאנצען פערנומען מיט דער פראגע: וועמען בעט מען?...

— גרינפעלד! גרינפעלד! — שרייט ער כמעט אויס.

— ווי אזוי האב איך דאס פערגעסען אן גרינפעלד'ן, איך וואלט דאך פערשפארט אזוי פיעל דעם קאפ צו ברעכען!

גרינפעלד איז א יונגער לעהרער. א פרעהליכער יונג, שפיעלט מיט בעלי־בתישע טעכטער אין „ליעבעס", לייענט א סך ראמאנען און שרייבט אמאל אין בלאט וועגען א „שרפה"...

אויף מארגען געהט חיים אוועק צו איהם.

— עס איז מאוס צו דערצעהלען, — קלאגט זיך, כלומרשט שמייכלענדיג, חיים פאר איהם — איך דארף אנשרייבען צו דער כלה א בריעף און איך האב עפעס ניט קיין רעכטען גע־דאנק.

— נישקשה! — טרייסט איהם דער לעהרער, ווי א דאק־טאר זיין פאציענט — דאס איז חלילה ניט קיין סכנה, דאס טרעפט אפט ביי חתנים. אט האב איך יענע וואך אויך פאר א חתן אנגעשריבען א בריעף, ער געהמט דריי טויזענד רובל נדן...

— וואס וועט איהר פארט שרייבען? — האט חיים ניי־גיריג געפרעגט.

— דאס וועט איהר שוין הערען! — האט גרינפעלד מיט גדלות גענטפערט. ער איז צוגעגאנגען צום טיש־קעסטעל,

ארויסגענומען פּאַפּיר און א נייע פעדער און ער איז שוין גע־ווען גרייט צו שרייבען.

— זאָגט מיר נאָר, ווי הייסט די כלה? — האָט ער גע־פרעגט מיט א טאָן פון א דאָקטאָר, וואָס ווענדט זיך צום חולה, ער זאָל בעווייזען די צונג.

— רייזעלע, — האָט חיים שעמעוודיג געענטפערט.

— ראָזע! — האָט פערריכט גרינפעלד — אַך, זעהר גוט, זעהר גוט! אזא נאָמען גיט שטאָף צום שרייבען. א נאָמען אין א בריעף צו א כלה איז ניט קיין קליינינקייט, דאָס איז דער הויפּט־העלד אין א ראָמאן, איהר פערשטעהט?

חיים האָט אפילו געלעזען אמאָל ראָמאנען, נאָר די לעצ־טע צוויי יאָהר, זייענדיג פערדרעהט מיט שדוכים, זיינען איהם ארויס די גאנצע ראָמאנען פון קאָפּ. דאָך האָט ער געענט־פערט:

— איך פערשטעה.

גרינפעלד האָט אָנגעהויבען צו שרייבען און אין א האלבע שעה ארום איז געווען פאַרטיג א לאנגער בריעף.

גרינפעלד האָט דעם בריעף הויך געלייענט פאר חיימען און יעדען דייטשען וואָרט האָט ער שטאַרק צוגעדריקט, ווי ער וואָלט וועלען געבען אָנצוהערעניש, אז אזוינע דייט־טשע ווערטער קאָסטען ניט ביליג... חיים האָט עס געפיהלט און ער האָט די גאנצע צייט, בשעת גרינפעלד האָט דעם בריעף געלעזען, געהאלטען די האנד אין טאַש, וואו דאָס געלד איז גע־לעגען.

— „מאָנד" איז, דאכט זיך, דער הימעל אויף דייטש? — האָט חיים געפרעגט, ווען גרינפעלד האָט געענדיגט לעזען דעם בריעף.

— ניין! מאָנד איז די לבנה! — האָט גרינפעלד ער־קלערט. אין יעדען בריעף צו א כלה מוז זיין מאָנד.

— עס איז א דין, צי א מנהג? — האָט חיים כלומרשט געלאכט.

ער האָט איהם בעצאָהלט פאר דעם בריעף און איז גע־שווינד ארויס.

אז ער האָט דעם בריעף ביינאכט איבערגעשריבען מיט זיין אייגענער האנד, האָט ער איהם פארגעלעזען פאר דעם טאַטען און דער מאַמען. דער טאַטע האָט מיט גרויס מבינות געלויבט די דייטשע ווערטער און האָט זיך געוואונדערט, וואו האָט עס זיין חיים זיך אויסגעלערנט. די מאַמע האָט זיך גע־קרימט און געמורמעלט:

— אזא בריעף, אזא בריעף! געדאַרפט נעהמען פינף הונ־דערט רובל נדן!... נישקשה, זיי וואָלטען געגעבען די חזרים!...

# אַ שטעדטעל אַהין ווייבער

**(דערצעהלט פון א רייזענדען).**

איך בין דאמאָלס געווען אַן אַגענט פון אַ געוויסער פירמע — עס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך מיין חתונה. מיין ווייב, וועלכע איך האָב אויך איצט גענוג ליעב, האָב איך דאַן נאָך ליעבער געהאט און האָב געוואָלט וואָס מעהר פערדיענען. אין אויסזוכען נייע ווינקלען פאַר מיין סחורה בין איך געווען זעהר ערפינדעריש — אַן אמת'ער קאָלומבוס! און אַט בין איך איינמאָל אויף אַזאַ אופן אריינגעפאַלען אין אַ פערוואָרפען קליינשטעדטעלע אין דער ליטאַ.

אָנגעקומען בין איך אַהין אַ זייגער איינס ביינאַכט. דער פוהרמאַן, אַ פויער, וועלכען איך האָב גענומען ביי דער באַהן־סטאַציע, האָט מיך צוגעפיהרט צו עפּעס אַ הייזעל, וואָס לויט איהר גאַניק מיט די סלופּעס, וועלכע האָבען ארויסגעקוקט פון דער פינסטערניש, האָט געזאָלט זיין די שטעדטעלשע קרעטשמע.

דער פויער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, איינמאָל, צוויי מאָל — קיינער האָט זיך ניט אָנגערופען. אַ דריטען מאָל האָב איך שוין אָנגעקלאַפּט פיעל שטאַרקער. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָרכען, און באַלד האָט אַ הייזעריגע, פערשלאָפענע מענערשטימע געפרעגט אויף גוי'איש:

— חטא העטא?

— עפענט! — האָב איך געענטפערט אויף אידיש.

די טיר האָט זיך באלד אויפגעעפענט און א איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט א צושויבערטען קאָפּ גערדיכטע האָהר, מיט א צופלאָנטערטער באָרד, האָט זיך בעוויזען און ווי מיט א גע־וויין געפרעגט:

— וואָס דארפט איהר? ווער זענט איהר?

— איך וויל בלייבען א פּאָר טעג ביי אייך אין שטעד־טעל. קען איך ביי אייך איינשטעהן?

דער איד האָט מיך אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און, ניט געפינענדיג אין מיר קיין שום פּסול, האָט ער, נאָך אלץ פערשלאָפען, געענטפערט:

— מילא, קומט אריין. מהכא תיתי...

איך בין אריין אין א גרויסער שטוב, וועלכע איז געווען בעלויכטען פון א קליין לעמפעל, וואס האָט מעהר גערויכערט, ווי געברענט. אויסער דעם גרויסען הילצערנעם טיש מיט צוויי הילצערנע לאנגע בענק ארום די טונקעלע ווענד, איז געשמאָ־גען אין א ווינקעל א ווייסע הילצערנע קאנאפּע.

— אָט דאָ וועט איהר קענען שלאָפען, — האָט דער איד מיר געמאָלדען. — איך וועל אייך באלד אויסבעטען.

איך האָב בעצאָהלט דעם פוהרמאן, וועלכער האָט מיך זעהר שטארק בעדאנקט און איז ארויס.

איך האָב בעטראַכט מיין גרויסען חדר, און עס איז מיר געפעלען געוואָרען. „געבענשט זיינען די קליינשטעדטעלדיגע! — האָב איך געטראַכט, — ס'ארא רחבות! א שאָד וואָס שוין צו ווייניג מעבעל". איך האָב געבענקט נאָך א גרויס־שטאָדטי־שען ווייכען שטוהל.

דערווייל האָט זיך דער בעל־הבית גענומען פּאָרען אין א דערנעבענדיגען חדר. באלד האָט ער זיך געוויזען מיט צוויי גרויסע קישענס, א ליילעך און א קאָלדרע.

— אט בעט איך אייך שוין אוים, טאקי אויפ'ן קאנאפע, און אין זיין שטימע האט עפעס מוטערליכעס געקלונגען.

— וואס עפעס איהר? — האב איך איהם פריינדליך געפרעגט, — פארוואס ניט די בעל־הבית'טע?

— די בעל־הבית'טע? הם... — האט ער איבערגעפרעגט

— וואס מאכט עס אוים. אט בין איך די בעל־הבית'טע... אז מען דארף, איז דער בעל־הבית די בעל־הבית'טע... עס איז אלץ איינם...

זיין חקירה איז מיר מאדנע געפעלען געווארען. א וואויל אידעל! — האב איך געטראכט און געוואלט איהם עפעס זא־גען. נאר באלד האט זיך דערהערט פון א דערבייאיגען חדר א פישטשען פון א קליין עופעלע...

דער איד האט געלאזען אין מיטען בעטען די קאנאפע און איז מיט א ניגון פון מאמע, וואס פערוויגט א קינד, אוועקגע־לאפען:

— א־א־א־א... ליו־ליו־ליו...

און באלד האב איך דערהערט א סקריפען פון א וויגעלע...

אין א פאר מינוט ארום איז ער אריין צוריק, געמאכט דאס בעט און געזאגט:

— איהר קענט געהן שלאפען...

איך האב דערשפירט הונגער, און מורא האבענדיג ניט צו קענען א הונגעריגער איינשלאפען, האב איך גאנץ איידעל און ניט אהן איגערליכען פחד געפרעגט:

— אפשר קריעגט מען עפעס עסען?

— עסען? — האט ער איבערגעפרעגט, און האט גענר־מען גלעטען די בארד... — עסען? וואס קען איך אייך איצט אזוי שפעט געבען?... סיידען אן אייער־שפייז מאכען?...

— זאל זיין אן אייער־שפייז! — האב איך מסכים געווען.

דער איד איז שנעל, ווי א בריה א בעל־הבית'טע, אוועק־

געלאָפען אין קיך אריין. איך האָב דערהערט א קלינגען פון א מעלער און א פאַן.

באלד איז ער אריין צוריק און געגרייט דעם טיש.

— איהר קענט זיך געהן וואשען, — האָט ער בתמימות געמאָלדען.

איך האָב א שמייכעל געטהאָן, און בין זיך געגאנגען וואַשען אין קיך אריין. ער איז נאָך מיר נאָכגעגאנגען און פאר איינוועגס מיטגענומען די אייער־שפּייז.

איך האָב זיך געזעצט עסען, און אזוי ווי עס האָט מיר ווירקליך גוט געשמעקט, האָב איך איהם געריהמט:

— איהר זענט ווירקליך א בריה...

— מען לערנט זיך אוים! — האָט ער ווי מיט א זיפץ געענטפערט.

„אן אלמן נעבעך!" — האָב איך איהם טיעף אין הארצען בעדויערט... „שוין לאנג?" — האָב איך איהם געוואָלט פרעגען, נאָר דערמאָהנענדיג זיך אָן דעם וויינענדיגען קינד, האָב איך פערשטאַנען, אז דאָס אומגליק האָט איהם ניט לאנג געטראָפען. פון קינפּעט — האָב איך מיך משער געווען.

איך האָב אויך א זיפץ געטאָן און פון אנ׳ארומיגען וועג גענומען ריידען:

— מילא, וואָס קען מען העלפען. עס טרעפט . . .

— יאָ, ביי אונז אין שטעדטעל איז עס ניט קיין נייעס — אלע אזוי... אָט ווי איהר זעהט א הויז — איז נישטאָ קיין בעל־הבית׳טע....

„ווערע איז מיר!" בין איך פערציטערט געוואָרען: „א שטעדטעל מיט אלמנ׳ס! אלע ווייבער אויסגעשטאָרבען — א מגפה, הייסט עס, אויף ווייבער... דאָס איז דאָך שוין טאַקי אינטערעסאנט... פארוואָס־זשע איז דאָס אין די צייטונגען ניט געשטאַנען?

— ווי אזוי איז דאָס געשעהן — אזא אומגליק? האָב

איך שטיל געפרעגט און עס האט מיך געשווידערט . . .

— אנ׳אומגליק ? — האט דער איד א מאך געטאן מיט דער האנד — אז מען וויל, איז דאס גאר קיין אומגליק ניט.

איך בין א פערציטערטער געבליבען. וואס הייסט ניט קיין אומגליק? — א שטעדטעל מיט ווייבער שטארבען אוים, און ביי דעם אידען איז עס גארנישט...

— פארוואס איז דאס, אז מען וויל, קיין אומגליק ניט ?

— דאס שטעדטעלע איז ארים, קיין פרנסה איז נישטא... איהר פערשטעהט, צי ניין ? — האט דער איד מיר קאלטבלוטיג מסביר געווען...

„הייסט עס, זיינען זיי פון הונגער אויסגעשטארבען“... האב איך מיר געוואלט ערקלערען דאס אומגליק. נאר באלד איז מיר קשה געווארען: וואס עפעס דוקא די ווייבער, פארוואס ניט די מאנסבילען אויך ?... איך האב גאנץ דיפלאמאטיש א פרעג געטאן :

— און פאר וואס ניט די מאנסבילען ?....

— די מאנסבילען ? האט ער געלאכט, — וואס רעדט איהר? ערשטענס ווילען ניט די מאנסבילען, עס פאסט ניט פאר אונז, און צווייטענס וויל זיי דער „מלאך־המות“ ניט נעהמען...

איך בין פאר ערשטוינען און שרעק שיער ניט אומגע־פאלען. הענד און פים האבען מיר אנגעהויבען ציטערן : „גאט מיינער ! —האב איך געטראכט — וואו בין איך דאס אריינ־געפאלען?“

איך האב מיך אומגעקוקט — א שטוב ווי אלע שטיבער אין א קליינשטעדטעל. דער איד אליין, אבוואהל די צושויבערטע האהר פון קאפ און בארד איז א ביסעל אבשרעקענדיג, אבער די אויגען און דער גאנצער אויסדרוק פון פנים איז זעהר מילד און ווייך... ניין ! דא מוז עפעס שטעקען וואס אנדערש.

— זאגט מיר. איך בעט אייך, — האב איך צוטומעלט געפרעגט, — א סך ווייבער ?...

— וואָס הייסט א סך ? — אַלע, אויסער צוויי אַלטע אידינעס; זיי האָבען אויך געוואָלט נעהן, נאָר דער „מלאך־המות" האָט זיי ניט געוואָלט נעהמען...

עס האָט מיך א שוידער נעטאָן און איך האָב מיט שרעק אויסגערופען :

— וועלכער מלאך־המות ? ... אום גאָטעס ווילען — איהר שרעקט דאָך מיך ביז טויט איבער !

—אַך, האָט ניט קיין פאַראיבעל, — האָט דער איד גוטמוטיג געלאַכט, — איך האָב גאָר פערגעסען, אז איהר ווייסט ניט פון קיין מעשה. דער „מלאך־המות" — דאָס הייסט ביי אונז דער פאבריקאנט פון דעם „גוט", וואָס געפינט זיך ניט ווייט... זעהר א שלעכטער מענש, און די ווייבער אונזערע רו־פען איהם דער „מלאך־המות"...

— הייסט עס אייערע ווייבער לעבען ? — האָב איך ווי מיט פרייד אויסגעשריען.

— וואָס הייסט ? אודאי לעבען זיי... וואָס פאר א קשיא, צי זיי לעבען ?... זיי ארבייטען דאָך טאקע א גאנצע וואָך אין פאבריק.. איהר פערשטעהט...

איך האָב פרייער אָבגעאָטעמט ; די געהיימנים האָט זיך פאר מיר אזוי איינפאך בענטפלעקט.

ניט ווייט פון שטעדטעל האָט זיך מיט א פּאָר יאָהר צוריק א פאבריק געעפענט. מען האָט געדאַרפט האָבען ביליגער ארבייטער, האָט מען דערצו גענומען ווייבער, ווייל פאר די מאנסבילען האָט עס ניט געפּאסט. ארבייטען אַלע ווייבער אין פאבריק א גאנצע וואָך, און די מאנסבילען פיהרען די הייזער און ניאנטשען די קינדער...

אויף מאָרגען בין איך ארויס אין שטעדטעל. בעגעגענט האָב איך בלויז מאנסבילען. זיי זיינען געגאנגען ווער מיט קינ־דער אויף די הענד, ווער האָט א מולטער געטראָגען, ווער א

דייזשע געקייקעלט... איך האָב מיט אייניגע גערעדט און גע־פרעגט, ווי אזוי זיי פיהלען זיך.

—גאָט צו דאנקען ! — האָט מיר א נעל אידעל געענט־פערט, — מען קומט אוים. שבת מאכען איז אפילו שווער פאר אונז, אבער מען טרעפט... פרייטאָג צו ליכט־בענשען קומען זיי דאָך... חי־חי־חי ! היינט וואָס מאכט עס אוים . . . מען קומט דורך....

איך האָב זיך ארומגעדרעהט אין דעם דאָזיגען קליינ־שטעדטעלע א פאָר שעה און בין אוועקגעפאָהרען.

זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, איך האָב נים ליעב קיין שטעדטעל אָהן ווייבער. איך האָב שוין געזעהען א סך אָרימע, טרויעריגע שטעדטלעך אין דער ליטא, נאָר אזא אומעט, ווי אין יענעם שטעדטעל האָט געהערשט, האָב איך נאָך אין ערגעץ נים געפיהלט...

# אידישע מטבעות

די גרויסע אידישע געלעהרטע און היסטאָריקער ברעכען זיך די קעפּ וועגען די אידישע מטבעות פון דער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז געווען זעלבסטשטענדיג אין זיין אייגען לאַנד. ס'איז דאָ סברות און השערות, אז נאָך אין אברהם אבינו'ס צייטען האָבען שוין די „עברים" געהאט זייערע מטבעות. איך וויל אזוי ווייט ניט געהן. איך בין ניט קיין היסטאָריקער און קיין ארכעאָלאָג אודאי ניט. אָבער אז די אידען האָבען געהאט אייגענע מטבעות און דוקא אין גלות, דערויף קען איך אליין עדות זאָגען. אזוינע מטבעות האָבען עקזיסטירט ביז מיט א יאָהר צוואנציג צוריק אין פיעלע אידישע שטעדטלעך און זיי זיינען „געגאַנגען" ווי די מטבעות פון א רעגיערונגס־קאָנטשאַט, האָבען געהאט דיזעלבע מאכט און דעם זעלבען ווערט, אזוי אז עס פלעגען זיך געפינען אפילו אזוינע לייט, וואָס פלעגען די מטבעות נאָכמאכען, פאר וואָס די קהילה פלעגט זיי זעהר הארט בעשטראָפען.

ערפונדען די מטבעות האָט מען א דאנק די פיעלע מחנות אָרימע־לייט, וואָס פלעגען בעפאַלען דאָס שטעדטעל אין א יקרות־יאָהר. ברויט איז דאמאָלס געווען א שאָד צו געבען. דאָס קלענסטע שטיקעל ברויט איז ווערט געווען א קאָפּיקע; געבען ווידער די אָרימע־לייט אָנשטאָט ברויט געלד, — איז די קלענ־

כסטע מטבע געווען א האלבער גראשען, און אין שווערע צייטען איז דאס פאר די שטעטעלשע אידען א צו גרויסע מטבע געווען. אט ביי די דאזיגע שווערע עקאנאמישע אומשטענדען. ווי מען דריקט זיך היינט אויס וויסענשאפטליך, איז ערפונדען געווארען די מטבע — די פרוטה.

א פרוטה האט געהאט דעם ווערטה פון אן אכטעל קאפיקע, א פיערטעל גראשען, הייסט עס. בעשטאנען איז זי פון א קליין פיערקאנטיג שטיקעל בלעכעל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט צוויי בוכשטאבען, א „צ" מיט א „ל"; דאס האט געהייסען צדקה לעניים, צדקה פאר די ארימע־לייט.

די ערשטע צייט, אז די דאזיגע מטבע איז ערפינדען געווארען, האבען די ארימע־לייט געמאכט א ויצעקו: עס האט זיי, הייסט עס, ניט געטויגט דער עסק; זיי האבען דוקא געוואלט ברויט, ווייל ברויט, ווי געזאגט, איז דאמאלס געווען גראד טייער, עס זיינען געווען יקרות־יאהרען. טייל ארימע־לייט, עקשנים, האבען זיך איינגעשפארט און קיין פרוטה ניט געוואלט געהמען, און ווען די גאנצע חאפטע ארימע־לייט וואלט געמאכט יד־אחת, קען זיין, וואלטען זיי אויסגעפיהרט; מען קען מיט א וועלט ארימע־לייט ניט איינרייסען. זיינען אבער צווישען די ארימע־לייט געווען אויך אריסטאקראטען, וואס האבען ניט ליעב געהאט צו שלעפען די טארבע, — אריסטאקראטען זיינען, ווי עס איז ידוע, תמיד פויל, — און אט די דאזיגע אריסטאקראטען זיינען דוקא מיט די פרוטות געווען צופרידען: עס איז פארט שענער — א רייכערע פרנסה, הייסט עס: אהן א טארבע!...

די קאזנאטשייסטווע, וואו די פרוטות זיינען געמאכט געווארען, האט זיך געפונען אויפ'ן שוהל־הויף. דער קאזנאטשיי איז געווען זרח דער מלמד, וואס האט צוליעב זיין אלטקייט פערלארען דאס קנעלונג, און די קהילה האט איהם געמוזט פערזארגען מיט פרנסה... ביי דעם דאזיגען אלטען מלמד איז געווען שטענדיג פול דאס שטיבעל מיט ארימע־לייט און בעלי־בתים:

די ערשטע פלעגן קומען אויסבייטען די פרוטות אויף מזומנים, און די צווייטע — קויפען פאר מזומנים פרוטות... דער אלטער זרח, א בייזער איד, פלעגט אפט וועלען א פרוטה קאנפיסקירען:

—דער „צדיק" — פלעגט ער הייזעריג טענה'ן — איז ניט דערזעלבער „צדיק" פון זיין פורים! ער וואלט שווערען, אז דאס איז א פאלשע פרוטה... כף־הקלע וועט איהר אוועק־געהן! — פלעגט ער דראהען די ארימע־לייט.

נאר אויספיהרען פלעגט ער ניט. ער פלעגט אויך די דאזיגע כלומרשט געפעלשטע, מוזען אננעהמען, כדי ניט אריינ־רייסען צופיעל מיט די ארימע־לייט, וועלכע האבען אין יענער צייט געהאט א גרויסע מאכט און האבען געקענט איהם מאכען פאר אוים קאזנאטשיי...

אסיען־צייט, אז אין שטעדטעל פלעגט זיך „אוועקשטעלען" די גרויסע בלאטע און צום מלמד איז שווער געווען צוצוקומען, פלעגען פיעל בעל־הבתים און בעלי־הבית'טעס קויפען די פרוטות ביי די ארימע־לייט אליין: פאר א קאפיקע אכט פרוטות.

נאך שפעטער, אז די פרוטות האבען זיך שטארק פער־שפרייט און זיינען געווארען מעהר ווי דאס געלד, וואס טייל בעלי־בתים האבען פערמעגט, האט מען די פרוטות גענוצט אנ־שטאט געלד: פאר צוויי פרוטות פלעגט א בעל־הבית'טע קוי־פען א פאר ציבעלע, אביסעל זאלץ אין קרעמעל און שאר ירקות. און וואס איז געווען טאקע די נפקא מינה? — ווייבאלד אז עס געהט ווי געלד ניט נאר ביי די ארימע־לייט, וואס געהען איבער די הייזער, נאר אויך ביי די קרעמער.

איבער דעם לאנגען אסיען פלעגט זיך אויף אזא אופן אנקלייבען ביי די בעלי־הבתים א סך פרוטות. און אזוי ווי די ארימע־לייט פלעגען אין א קורצע צייט ארום אבציהען אין אנ־דערע מקומות, אויסבייטענדיג די פרוטות אויף מזומנים, איז וואס ווייטער אלץ וועניגער מזומן געלד געווארען אין שטעדטעל. און אין איין העלען פריהמארגען האבען זיך פיעל בעלי־

בתים ארומגעזעהן, אז ביי זיי האָט זיך אָנגעזאַמעלט צו גרויסע סומען פּרוטות. עס איז שוין געווען אין אָנהויב פריהלינג, דער שניי האָט געלאָזט, און דער וועג איז געווען זעהר א שלעכטער; קיין אָרימע לייט האָבען זיך ניט געוויזען. מען איז געלאָפען צו זרח דעם קאָזנאַטשיי אויסצובייטען די פּרוטות אויף מזומנים, נאָר דאָ האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער חשבון שטימט ניט: זרח דער מלמד האָט לויט'ן חשבון געקענט אויסטוישען קוים די העלפט; אין דער אנדער העלפט איז ער געבליבען הינטער־שטעליג: מעהר איז קיין געלד אין קאָזנאַטשייסטווע ניט געווען.

די בעל־הבית'טעס זיינען געשטאַנען מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

דאָ האָט זרח דער מלמד זיי געטרייסט: —

— איהר ווייבעלעך, דערצעהלט קיינעם קיין מעשיות ניט: איהר קענט פאר די פּרוטות קויפען אין אַלע קראָמען, וואָס איהר דאַרפט, און אם ירצה השם נאָך פּסח ווען דער וועג וועט ווערען בע־סער, אָרימע־לייט וועלען זיך מיט גאָטס הילף ווייזען, וועט אַלץ זיין גוט, מיט גאָטס הילף, פּרוטות זיינען גוט געלד. הלואי זאָלט איהר זיי נאָר האָבען א סך, וואָלט איהר שוין ניט געדאַרפט זאָרגען, וואו אויסצוגעבען זיי... בפרט, אז אם ירצה השם נאָך פּסח קומען צוריק די אָרימע־לייט, מיט גאָטס הילף.

און געטרייסטע זיינען די בעל־הבית'טעס אוועק אהיים.

און די פּרוטות זיינען געגאַנגען פון האַנד צו האַנד ווי געלד. פאר אכט פּרוטות האָט מען געקויפט א בינטעל חריין אויף פּסח און דוקא ביי די שטעדטעלשע פויערטעס — אויך זיי האָבען די פּרוטות אָנגענומען פאר געלד.

און וואָס איז געווען טאַקע די נפקא מינה — וויבאַלד אַז גענומען האָט עס יעדערער, און פון דעם, וואָס די קאָנאַמישיים־טווע איז באַנקראָט, האָבען ניט אַלע געוואוסט, און עטליכע ווייבער, וואָס האָבען יאָ געוואוסט, האָבען עס געהאַלטען בסוד.

# קאַלט

די צוויי פענסטער מיט די זעקס שויבען, וואָס קוקען ארויס אין גאס, זיינען פערפרוירען, פערדעקט גראָב מיט אייז און קוקענדיג אויף די פאַנטאַסטישע קאַלטע בלומען, וואָס זיינען אויסגעמאָלט אויף די שויבען, דאכט זיך, אז דער פראָסט האָט דאָ זיין גאַנצען טאַלאַנט אוועקגעלעגט. — אין דעם קליינעם שטיבעלע איז קאַלט און די קעלט איז אַ דריקענדע, עס נאָגט און שרעקט דאָס הארץ פון די, וואָס געפינען זיך אין שטיבעלע. פריידע, די ווירטהין פון שטיבעלע האָט אפילו אין דער פריה געהייצט, דער פראָסט איז אָבער צו שטאַרק, אז פאַר די עטליכע דינע שייטלאַך האָלץ, וואָס פריידע האָט אויסגעברענט, זאָל ער זיך דערשרעקען, און אריינלעגען מעהר האָלץ האָט זי ניט געקענט — פערשווענדען די האָלץ טאָר זי ניט. איהר רעכנונג וויים זי גאַנץ גוט : זי האָט נעכטען פריה איבערגעצעהלט, איז געווען 25 שייטלאַך (אייגענטליך איז געווען 26 נאָר 2 זיינען געווען אזוי דין, אז פריידע האָט זיי גערעכענט פאַר איינע) האָט זי נעכטען אין דער פריה אריינגעלעגט 5 שייט, דאָס הארץ האָט איהר אזוי וועה געטון. היינט פריה אז דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, האָט זי אריינגעלעגט 6 שייטלאַך און צוגעוואָרפען שפּעטער מיט א טיעפען זיפץ נאָך א דין שייטעל. טאַקע איינע פון די צוויי דינע, און היינט איז ערשט מיטוואָך.

דאַרף זי נאָך דאַנערשטאָג פריה הייצען, פרייטאָג חלה באַקען
און ביי טאָג הייצען אויף טשאָלענט....
גאָט ווייס, צי עס וועט אפילו קארגענדיגערהייט קלעקען.
וועגען הייצען אויף דער נאַכט איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען.

און חיים דער בעל־הבית פון שטיבעלע, איז א איד א „צע־בראָכענער", אָהן לייב און אָהן לעבען. פאַר א ווארעם אויוועלע וואָלט ער דאָס חיות אוועקגעגעבען. און צו ווארעמקייט איז ער שטארק געוואָהנט. אמאָל, אז ער איז נאָך אינגער, געזונטער גע־ווען און מען האָט נאָך אזוי ניט געוואוסט פון זיין „שלים־מזל", האָבען איהם קרובים „אריינגעמאכט" צו ר׳ בערע וואָלפזאָהן אין וואַלד פאַר א „מענשען". און דאמאָלס פלעגט ער ערשט האָבען ווארימקייט! די „מענשען" פלעגען דאָרט קיין האָלץ ניט זשאָלע־ווען! מען פלעגט אָנ־„קאטעווען" אַז אויווען מיט האָלץ, אז מען פלעגט זיך נאָכ׳ן הייצען צום אויווען ניט קענען צושטעקען — דאָס איז שוין געווען אָבער לאַנג, מיט יאָהרען צוריק... אויף דער שטעלע האָט מען איהם לאַנג ניט געהאַלטען. דער סוחר האָט אַלץ געוואַרטשעט, אז חיים איז צו עהרליך און ווארטשענ־דיג האָט ער איהם ענטזאָגט. חיים האָט דעם סוחר מיט דער שטעלע לאַנג שוין פארגעסען, ער האָט שוין עטליכע שטע־לעס אנדערע געהאַט און ער האָט זיי אויך פערגעסען, איצטער זיצט ער גאָר אָהן א שטעלע און פערגעסט דאָס אויך . . . דאָס אויוועלע אבער דאָרט אין וואַלד קען ער ניט פערגעסען, דעם גאַנצען קאַלטען ווינטער שטעהט זי איהם פאַר די אויגען; א ווארעמע, א פרעהליכע שמייכעלט זי דאכט זיך...

און זיצענדיג ביים טישעל און ציטערנדיג פאַר קעלט, מאָלט זיך פאַר זיינע אויגען יענעם אויוועלע. ער פער־טיעפט זיך אין אַלטע דמיונות און מורמעלט ניט ווילענדיג ארויס:

— איצטער האָבען יענע אויוועלע! א דערקוויקעניש!

פריידע דערהערט דאָס מורמלען, זי וויים שוין וועלכע

אויוועלע ער מיינט. ניט איין מאָל האָט זי שוין געהערט פון איהם, ווינטער צייט זיינע התפעלות פון איהר, פריידע פערדריסט זיין לעדיג זיצען און זי קרימט איהם איבער:

— יענע אויוועלע, יענע אויוועלע!... וואָלסט בעסער האָבען יענע שטעלע, וואָלטען מיר דאָ געהאַט א ווארעם־אויוועלע...

חיים מאכט זיך, ווי ער הערט ניט, ער גיט נאָר שטיל א זיפץ און ענטפערט ניט. ער האָט ניט וואָס צו ענטפערען. זי איז אפשר גערעכט! באלד אָבער הויבט ער זיך אויף, רייבט די פערפרוירענע הענט און רעדט ארוים פעסט מיט בטחון:

— דער פראָסט וועט לאַנג ניט האַלטען: ער טאָר לאַנג ניט האַלטען! ער וועט אין גיכען פּלאַצען, צום מולד מוז ער פּלאַצען...

— יאָ, פּלאַצען וועט ער! וויל פריידע ניט איינשטימען — ער קען נאָך האַלטען און האַלטען

אייגענטליך האָפט פריידע אויך, אז דער פראָסט וועט אין גיכען פּלאַצען; טאָמער אָבער, א קשיא אויף א מעשה, וועט דער אויבערשטער קיין רחמנות ניט האָבען און ער וועט נאָך יאָ האַלטען, וויל זי זיך שוין צוגעוואָהנען צום טרויעריגען געדאַנק.

אין שטיבעל ווערט ווידער שטיל, עס הערט זיך נאָר דאָס קנאַקען פון פּראָסט. חיים קוקט צום קאַלטען אויוועלע, נעבען וועלכען עס שטעהט א קליין־אינגעלע, דאָס מוזיניקעל.

— וואו ביזט דו, בערעלע? — פרעגט דער טאַטע.

— איך שטעה ביים אויוועלע — קלינגט אוים א הייזעריג־קינדעריש קול'כעל.

— ביים אויוועלע? — פרעגט איבער חיים, ווי ער וואָלט זיך בעלעקט נו, וואָס? עפּעס א ווארעמער אויוועלע?

— א י י ן שטיקעלע גאָר, אין מיטען, איז ווארעם... — אָט דאָ ביים פּלייצע...

דער טאַטע הויבט זיך אויף פון טיש, שטעלט זיך אויף און קוקט דאַרשטיג אין יענער זייט וואו דער אויוועז שטעהט.

— דיר איז קאַלט, טאַטע? — פרעגט דאָס קינד — געה וואַרעם זיך!

— ניין, — זאָגט דער טאַטע פערשעמט ווערענדיג — איך וויל נאָר זעהן, צי עס איז וואַרעם...

ער מאַכט א טריט נעהנטער, ביז ער געהט צו צום אויוועלע, טאַפּט אָן דאָס שטיקעלע וואַרעמע אָרט און רעדט אַרויס מיט התפּעלות:

— טאַקע וואַרעם... וואָס זאָגט איהר דערצו?... אויב דו ווילסט, מיין זוהן, לאָז דער מאַמען זיך אביסעל אָנוואַרעמען.

— איך בין דיר מוחל! — ענטפערט פריידע בייז, ווי זי טהוט אַלע מאָל, ווען חיים איז גוט צו איהר — איך בין דיר מוחל, איך ווער ניט דערפרוירען.

— געה, מאַמע, געה! — לעגט בערעלע פאַר דאָס אָרט.

— שטעה מיין זוהן שטעה. דיר איז נעבעך קאַלט.

חיים געהט אוועק אומעטיג צום טיש און לאָזט אַרויס א טיעפען זיפץ צוזאַמען מיט א קאַלטער פּאַרע פון מויל...

* * *

אין א שעה אַרום איז דאָס קינד שלאָפען געגאַנגען. פריידע איז אַרויס ערגעץ צו א שכנה, ווענען א טעפּעל און חיים האָט זיך מיט אָן אימפּעט צוגעהאַפּט צום אויוועז. ער האָט געטאַפּט, געטאַפּט מיט די פערפרוירענע פינגער, געזוכט דאָס שטיקעלע וואַרעמע אָרט, נאָר ער האָט איהם שוין ניט געפונען. דאָס אויוועלע איז שוין געווען אינגאַנצען קאַלט, ווי אייז..

— שוין ק אַ לט!... — האָט ער פערצווייפעלט אַרויסגערעדט, וואַרפענדיג א צומישטען בליק אויף די פערפרוירענע פענסטער...

# איוב

ער האָט געהייסען חיים דער מלמד און זיין „צונעמעניש“ איז געוועזען איוב.

זיין ווייב איז געוועזען א שטענדיגע קראנקע: איהר הוסט פלעגט זיך הערען, ווי אן אבקלאנג פון א לעדיגען פאס. ווען אן אומבעקאנטער, פרישער מענש זאל אמאָל שטעהן דערביי, ווען זי פערהוסט זיך, וואָלט ער זיך זיכער דערשראקען און וואָלט געמיינט, אז אָט, אָט עקט זיך איהר שוין דאָס לעבען, אָבער חיים אליין פלעגט גאנץ רוהיג און קאלט־בלוטיג אויס־הערען איהר „הארץ־מוזיק“: ער איז שוין געוועזען געניט — זינט ער געדענקט הוסט זי אזוי און נאָכ׳ן אויסהוסטען זיך ווערט זי ווידער „געזונד“ און האָט נאָך גענוג כח צו שרייען און צו שעלטען, ווען ער ברענגט איהר קיין געלד ניט אויף דער הוצאה.

ער אליין איז אפילו אויך א „חלוש“, ווי ער דריקט זיך אליין אויס; נאָר א מאנסביל איז ניט קיין אידענע — איז דאָס ניט אזוי קענטיג, אגב האָט ער צו זיין הוסט א רפואה: די ליולקע... „די ליולקע — זאָגט ער — צעשלאָגט מיר די ליחות און איך ווער גענעזען“...

א קראנקער טאטע, א קראנקע מוטער, — זיינען די קינ־דער אודאי קראנק; נאָר די הויפט חולה איז די עלטערע טאָכ־

טער, געלע, אַ הויכע, א דארע, דאָס פּנים איהרס איז ווי אַ וואקס און די אויגען זיינען מיט א טויטען טרויער פערצויגען. אויף דער טאָכטער איז חיים אליין מודה, אז זי איז ניט „אין גאנצען“ און האָטש ער גלויבט ניט אין „חכמת הרפואה“, דאָך זיפצט ער אמאָל אונטער, קוקענדיג אויף איהר טויטען געזיכט: „געלע האָט טאקע בעדאַרפט האָבען אַ דאָקטאָר“!.. נאָר דאָס זאָגט ער סתם אין דער וועלט אריין, פונקט ווי ער זאָגט אמאָל, ווען עס איז ניטאָ קיין ברויט אין שטוב: איצט האָט מען געדאַרפט האָבען אין שטוב א דריירובעלדיגע...

אזעלכע „גוזמאות“ פלעגען ארויסרופען א ביטערן שמייכעל ביי די הויזיגע און דאָס ווייב, אויב זי פלעגט אין דער מינוט ניט פערהוסטען זיך, פלעגט זיך צעבייזערן:

— ער הויבט שוין אָן זיינע חכמה׳לעך!... עס איז גאָר ניט אזוי פרעהליך אויפ׳ן הארצען...

תלמידים האָט ער געהאַט אכט — אלע אָרעמע קינדער. די רייכע עלטערן האָבען איהם זייערע קינדער ניט געוואָלט אבגעבען, אויס מורא, זיי זאָלען זיך ניט „אָנשטעקען“, און אזוי איז חיים זיין גאנץ־לעבען אין א רייכען הויז ניט אריינגעגאַנגען און האָט שטענדיג פאַר זיינע אויגען געזעהן נאָר אָרעמקייט, דחקות און קראַנקהייט!...

— דאָס לעבען איז ניט ווערטה קיין ביטערע ציבעלע! פלעגט ער אָפט זאָגען פאַר זיין איינציגען נאָהנטען מענשען — פאַר׳ן פּרוש פון בית־המדרש, מיט וועלכען ער פלעגט ליעב האָבען אריינלאָזען זיך אמאָל אין אַ שמועס וועגען הויכע ענינים. פאַר דעם זעלבען פּרוש האָט ער אמאָל אויסדערצעהלט זיין גאנצען לעבען, ווי אזוי ער האָט זיך צו 12 יאָהר אוועקגעלאָזט אין ישיבות „לערנען“, ווי אזוי ער האָט זיך געוואַלגערט אין אלערליי קלייזלעך, געשלאָפען אויף הארטע בענק און געליטען הונגער, קעלט און קלעפּ, אומזיסטע ניט־פערדיענטע קלעפּ...

— עס, האָט ער אויסגעלאָזט זיין לעבענס בעשרייבונג— ס'איז דאָס גאַנצע לעבען אַ נאַרישקייט, הבל הבלים!... און ציט איך בין שוין פאַר זיך אַ בעל־הבית מיינט איהר לעב איך? פרעגט מיך ווען האָב איך פון נאָך מיין חתונה אַן אמאָל זאַט אָבגעגעסען — וועל איך ניט געדענקען... היינט מיין דירה... איהר זענט ווען ביי מיר געוועז?...

זיין דירה איז געוועזן אין אַ „זעמליאַנקע"; דאָרט האָט ער זיך געגעצט און געפּרוירען ציט נאָך דער חתונה. אַלע נאָך סוכות אפילו בעשליעסט ער זיך פעסט ארויסציהען פון דעם „קבר", אָבער נאָכ'ן פעסטען בעשלוס דערמאָהנט ער זיך אַן זיינע „מעבעל" און ער האָט זיך מורא צו ריהרען פון אָרט מיט זיי: ווען מען זאָל די צוויי בעטען, דעם טיש און דעם קאַסטען ריהרען פון אָרט וועלען זיי גלייך צעפאַלען אויף שטיקלעך. „די סברא איז מחייב, אַז זיי וועלען צעפאַלען — פלעגט ער אויסווייזען זיין ווייב — פערשטעהסטו מיך, האָלץ, אַז עס נעצט זיך צוואַנציג יאָהר מוז צעפוילט ווערען.. דאָס האָט שוין אַזאַ טבע"...

זיין לעבען וואָלט קיין ביטערע ציבעלע אויך ניט ווערטה געוועזען ווען ער וואָלט ניט געהאַט קיין צוויי תענוגים, וואָס ער האָט זיי געקענט גרייכען...

דער ערשטער תענוג איז די ליולקע. אַלע וואָך געהט ביי איהם אַוועק אַ פעקעל מאַחאָרקע פאַר אַכט גראַשען; דאָס איז ביי איהם אַ מין שכרות רחמנה ליצלן, און דאָס ווייב וואַרפט איהם טאַקי פאָר: דו פער'שכורסט אויף דער ליולקע דיין גאַנצע פּרנסה. ער פיהלט אליין, אַז די ליולקע איז ביי איהם טאַקע אַ מין כשוף: עס האָט איהם אמאָל ביי נאַכט פערפעהלט אין ליולקע אַביסעל מאַחאָרקע האָט ער געמיינט, אַז ער ווערט משוגע און צו אַ גוי אַ שכן איז ער אריין בעטען לייהען אַביסעל מאַחאָרקע... ער זאָגט, אַז דער רויך, אויסער וואָס ער צושלאָגט איהם די ליחות, צעשלאָגט איהם אויך די רעיונות... און רעיונות

האָט ער זעהר שווערע. ער קלערט וועגן גאָט, וועגן זיין „השגחה“, „מדוע דרך רשעים צלחה“ און דער גוטער מענש. דער עהרליכער מאַן ווערט אַזוי אויסגעריסען, ליידט אַזוי פיעל!... קלעהרענדיג אַזוי פאַלט ער אַמאָל אַריין אין ספקות, אין מוח גיט איהם אַ קלאַפּ, ווי מיט אַ האַמער, אַ פראַזע פון אַן אפיקורס: עס איז אַלץ על פי דרך הטבע און עס איז שוין ניטאָ קיין קשיות... ביי דעם רעיון פערלירט ער זיך אין גאַנצען, אין קאָפּ הויבט זיך אָן מישען, אין די אויגען פינטעלט... ער מאַכט מיט די הענד, ווי ער וואָלט זיך געראַנגעלט מיט עמיצען, טרייבט די בייזע געדאַנקען און... פערדרויכערט די ליולקע, און גלייך מיט'ן ערשטען רינגעלע רויך פון דער ליולקע פערשווינדען די מחשבות זרות, די נשמה בערוהיגט זיך און ער פיהלט, אַז ער ווערט ווידער אַ מענש, ווי גאָט האָט געבאָטען...

דער צווייטער תענוג זיינער איז צו לערנען מיט זיינע תלמידים „איוב“ און דאָס איז זיין העכסטעס, ערהאַבענסטעס פערגעניגען, זיין ליכטיגער גן־עדן אין דעם פינסטערן גהינום...

ווען אָנהויב זמן קומט צו איהם אָן אַ נייער תלמיד אין חדר אַריין, פרעגט איהם חיים די ערשטע זאַך:

— וואו האַלטסטו שוין, אינגעלע, אין תנ"ך?

— ישעיהו, — ענטפערט דער נייער תלמיד.

— און ביי מיר וועסטו אָנהויבען „איוב“... פערשטעהסט. איוב... אַ פיינער תנ"ך איוב... גאָר אַ פיינער...

דאָס אינגעלע דערשרעקט זיך לכתחילה; ער האָט געהערט פון עלטערע אינגלעך, חברים, אַז דאָס שווערסטע פון תנ"ך איז איוב און חיים־„איוב“ „רעדט אויס“ דאַרט זעהר אַ סך. ווי אָבער עס קומט צום לערנען פערלירט זיך דעם אינגעלס שרעק; אַנשטאָט שרעק נעהמט איהם דורך אַ געפיהל פון אַ זיסען טרויער, פון רחמנות אויף איוב'ן און אויף דעם רבי'ן, וואָס ווייזט אויס, לערנענדיג, ווי איוב אַליין!... דעם ערשטען קאַפּיטעל לערנט דורך חיים איילענדיג, אַזוי ווי אַן הקדמה, וואָס

איז עפּעס ניט אַזוי נויטהיג. איוב׳ס עשירות, איוב׳ס הצלחה אין די ערשטע יאָהרען ווייזען איהם אויס, ווי אַ ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע מעשה, ווי אַ בייקע, וואָס עס קאָן גאָר קיינמאָל ניט טרעפען... ווי ער קומט אָבער צום שטן, צו איוב׳ס יסורים, ווי אַזוי איוב קראַצט זיך מיט אַ שאַרבען, דאַמאָלס געהט ערשט חיים אַריין אין זיין אמת׳ער ראָליע און אין אַ פלאַם־פייערדיגע התלהבות געהט ער אַריין אין קאַפּיטעל ג׳:

— אחר כן פתח איוב את פיהו ויקלל את יומו — און חיים טייטשט עס אָב מיט געפיהל: און נאָך דעם האָט איוב געעפענט זיין מויל און האָט געשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבוירען...

און אָט אַזוי צעבייזערט ער זיך און לערנט אַ פסוק נאָך אַ פסוק. זיין טרויעריג הייזעריגער ניגון גיעסט זיך, גיעסט זיך און פילט אָן דעם ענגען חדר מיט שוידערהאַפטע קלאַנגען, מיט „קלאָג־ליעדער“ אויף דעם קראַנקען אָרעמען לעבען, אויף דעם אייביגען צער און וועהטאָג... חיים׳ען אַרט ניט בשעת לערנען, צי די תלמידים זאָגען־נאָך גוט, צי מיט גרייזען, — עס דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר קיין מלמד ניט: דאָס לערנט ער גאָר איוב פאַר זיך... און ער קלאָגט און יאָמערט, בייזערט זיך און פּראָטעסטירט... ער לערנט אַ קאַפּיטעל נאָך אַ קאַפּיטעל; ער הערט אויס קאַלטבלוטיג די טרייסט־רעד פון איוב׳ס גוטען פריינד אליפז התימני, וואָס איז איהם געקומען דולען אַ קאָפּ מיט זיינע נאַרישע נחמות, און ענטפערט ווידער בייז, קרעכצענדיג, פּראָטעסטירענדיג....

אַזוי לערנט ער אָב עטליכע קאַפּיטלעך, ביז ער ווערט מיעד. די זיסקייט פון ניגון, דאָס טיעפע געפיהל, נעמט איהם דאָס חיות אַרויס.

ער רוהט זיך אָב, פערדרייכערט די ליולקע און פערטראַכט זיך... און אַרויסלאָזענדיג געדיכטע שטיקער רויך פון מויל געהט דורך אין זיין מוח זיין גאַנץ ביטער־פערשאָלטען־לעבען.

דאָס ווייב איז קראַנק, די קינדער קראַנק, פיער, פינף קינדער (ער געדענקט שוין אליין נים) זיינען פאַר קעלט און הונגער אויסגעגאַנגען, שוין לאַנג... ער אליין קוים וואָס ער לעבט, די ברוסט טהוט איהם אַזוי וועה, די ביינער דאַרען שוין, האָבען שוין קיין זאַפט נים... א טיעפער טרויער נעהמט דורך זיין קראַנקע נשמה, שרייען ווילט זיך איהם, שרייען און שעלטען אַזאַ לעבען...

און ער הויבט אָן אויף דאָס נייע איבערצו'חזר'ן פון קאַפּיטעל ג׳: אחר כן פתח איוב את פיהו ויקלל את יומו, און נאָך דעם האָט איוב געעפענט זיין מויל און האָט געשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבוירען!...

# צוריק אויף דער שטעטל

דריי יאָהר איז יענקעל ליעבערמאן געווען אין ווארשוי; אין זיין שטעדטעל האָט מען איהם כמעט שיין פערגעסען. נאָהנטע בעקאנטע האָבען נאָר געוואוסט, אז ער איז אין ווארשוי און לויט ווי מען זאָגט „מאכט" ער דאָרטען גאנץ גוט.

אַט איז ער געקומען א היים צו זיינע עלטערן, אָרעמע בעלי־בתים אין א קליין שטעדטעל.

— איז וואָס מאכסטו פּאָרט? — האָט איהם געפרעגט דער טאַטע, אז ער האָט זיך בערוהיגט אביסעל נאָך זיין זוהן׳ס פּלוצליכען קומען.

— ניש־קשה... — האָט זיך יענקיל געשטארקט מיט שטאָלץ צו ענטפערן — גאנץ גוט!...

דער טאַטע האָט אויף איהם אויסגעשטעלט די אויגען און יענקלען האָט זיך געדאכט, אז דער טאַטע ווייס שוין אלץ, אז דער טאַטע קלערט: אי, ביזטו א גאָרנישט! און יענקעל האָט געפיהלט, אז אויב ער וועט ניט אָנרעדען עטליכע שטארקע ליגענס, וועט ער זיין זעהר ניט קיין שעהנער גאסט, וועט דער טאַטע איהם זאָגען מיט א שמייכעלע פון א חכם: „וואָס האָב איך דיר פאר דריי יאָהרען געזאָגט? — פאָהר ניט! סדנא דארעא חד הוא, אומעטום איז תהו ובהו, אומעטום זיינען געשעפטען אין דער ערד, וואָס איז מיר ווארשוי, וואוהין

פליהסטו״? און איידער צו הערען די ווערטער פון טאטען איז יענקלען ליעבער דער טויט און ער הויבט אן, נאך דעם טא־טענס אלערליי שאלות, געמאכטערהייט זיך צו היטצען:

— עט, טאטינקע... וואס דערצעהלט מען דיר און ווי דער־צעהלט מען דיר, עס איז דאך ווארשוי... פערשטעהסטו מיך, עס איז דאך ווארשוי... דארטען איז...

און יענקעל וויל פארשטעלען וואס ווארשוי איז, ווי גליק־ליך מען איז, אז מען פאלט אריין אהין: בולווארען, טעא־טערן, גערטנער, קאנדיטארייען, קארעטען, ווי אזוי מען לעבט דארטען א גוטען טאג... נאר די נ א ו ו א ל י פ י ע גאס מיט זיין פינסטערן צימער׳ל, וואו ער האט געוואהנט, לויפט איהם דורך פאר זיינע אויגען און די צונג קען זיך ניט קערעווען אויסצורעדען ווייטער א ווארט...

— נו, דערצעהל, דערצעהל! — טרייבט איהם דער טא־טע.

נאר יענקעל שטאמעלט נאך א פאר ניט דייטליכע ווער־טער און ווערט ענדליך ענטשוויעגען.

די מוטער שטעהט אין א ווינקעל און בעטראכט איהר יענקלען מיט אומעטיגע בליקען. עפעס געפעלט איהר ניט זיין גאנצער הילוך: דער הוט איז משונה הויך און ערטערווייז צובויגען, דער סורדוט הענגט אויף איהם ווי ניט פאר איהם גענעהט... איהר ווילט זיך זעהר פרעגען איהם, צי איז אין וואר־שוי ביליג אלטע קליידער? זי פיהלט אבער, אז דער זוהן קען זיך דערפון בעליידיגען און ניט־ווילענדיג רייסט זיך ביי איהר ארויס נאר א בעמערקונג:

— יענקעל איז נעבעך חשך, ווי די ערד!...

— א מת... — פעררינכט דער טאטע.

יענקעל ווערט פון די בעמערקונגען נאך מעהר חשך. די אויגען ווערען איינגעגראבענער. צום אנפאנג פערליערט ער זיך, נאר באלד ענטפערט ער:

— דאָס איז פון דער רייזע. דריי טעג אז מען פאָהרט אין ענגשאפט — א קלייניגקייט ווארשוי — א וועלט פאָהרט!..

— ס'טייטש, פון ווארשוי געדויערט דאָך נאָר א טאָג דאָס פאָהרען? — בעמערקט דער טאַטע פערוואונדערט.

יענקעל ווערט רויט, אין קאָפּ גיט איהם א קלאַפּ: מיאוס ארייגעפאלען! עס געלינגט איהם אבער גלייך צו פערבעסערן:

— יאָ, דאָס פאָהרען געדויערט טאַקע נאָר איין טאָג, אבער דאָס צוקלויבען זיך...

אין שטיבעל ווערט שטיל. אַלע פיהלען זיך ווי פערשול־דיגט, ווי זיי וואָלטען א מיאוסע זינד בעגאנגען, וואָס איינער וויים פון דעם צווייטען און מען שעמט זיך אויפצוהויבען די אויגען איינע אויף די אנדערע.

— בתי מדרשים זיינען דאָרטען פאַרהאַן עפּעס א סך?

— פרעגט פּלוצים דער טאַטע, ווי ער וואָלט וועלען צעשטערען די שטילקייט, וואָס דריקט אזוי.

יענקעל ווערט פרעהליכער און שטאָלצער. דאָ וועט ער קענען רעדען דעם ריינעם אמת און איהם זאָל עס ניט שאַ־דען... ער גלייכט זיך אוים, מאכט א טריט צום טאַטען נעהנ־טער און צעהיצט זיך:

די מעשה איז אזוי... שוהלען איז דאָרטען א סך פאַר־האַן... א קלייניגקייט ווארשוי! נאָר זייערע שוהלען זיינען ניט ווי ביי אונז. ביי זיי איז „שטיבלעך", חסידישע שטיבלעך; דאָרטען זיינען דורכאויס חסידים, משוגעים, ממש משוגעים! געהען אין לאנגע קאַפּאָטעס, אין שטריימלעך און אין גאַרט־לען.

און יענקעל רעדט א סך; ער דערצעהלט, ווי אזוי מען רעדט דאָרטען און ברענגט לדוגמא א פּאָר ווערטער: „ענקער", „יאָך", „סארנע", „עטץ"; ער דערפיהלט אָבער ענדליך, אז דער טאַטע הערט גאָר ניט, אז דער טאַטע וויל נאָר וויסען דעם עיקר, צי האָט ער פערדיענט דאָרטען געלד, צי האָט ער געבראַכט

געלד און וועגען די בתי מדרשים, די חסידים און וועגען דאָר־טיגען לשון איז א שפּעטערינגע זאָרג...

נאָר רעדען וועגען זיך אליין האָט יענקעל ווי מורא, און אין שטיבעל ווערט ווידער שטיל... אלע פּיהלען זיך ניט גוט, נאָר ערגער פאר אלעמען פּיהלט זיך די מוטער. זי וואָלט וועלען צו־געהן צו יענקלען נאָר נאָהנט, ארייננקוקען איהם טיעף אין די אויגען און פרעגען: וואָס מאכסטו? דערצעהל! זי מערקט אָבער אז יענקעל בעהאַלט זיך עפּעס, וויל עפּעס ניט אויסזאָ־גען; און איהר מוטערליך הארץ שרעקט זיך: פערשיעדענע מיאוסע פּרנסות אין א גרויסער שטאָדט לויפען איהר דורך אין קאָפּ; און קוקענדיג לאנג אויף יענקעל'ס משונה'דיגען הוט דאכט זיך איהר, אז ער איז געווען דאָרטען א קאָטערינטשיק...

---

אויף מאָרגען, נאָכ'ן אָרעמען פריהשטיק, איז יענקעל ארויסגעגאנגען אין גאס, און געהענדיג האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. צי זאָל ער פערשפּילען דעם פּאַלטאָ און דער ראָק זאָל זיך ניט זעהן, אָדער פערקעהרט; ער האָט ניט געקענט משער זיין, וואָס קומט אויס מעהר ניי — דער ראָק, צי דער פּאַלטאָ. ער האָט זיך פערשפּילעט און אָבגעשפּילעט, ווייטער פערשפּילעט און ווידער אָבגעשפּילעט, ביז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אזביידע, סיי דער ראָק, סיי דער פּאַלטאָ זעהען אויס אלט און אָבגעטראָגען און ער זעהט אין זיי אויס ווי אן אָרעמער פראנט, וואָס ווערט אזוי אויסגעלאָכט ביי זיי אין שטעדטעל. דעם גאנצען וועג האָט ער אויף זיך געכעס'ט דערפאר, וואָס ער איז געקומען אהיים אין אזוינע בגדים און אז דער שווארץ יאָהר האָט איהם שוין אהער געטראָגען, טאָ וואָס איז ער אזוי שוואך און קען ניט גובר זיין זיך אליין: ער ווייס דאכט זיך גאנץ גוט, אז אָרעמקייט איז קיין שאנד ניט,— פערקעהרט א כבוד! אלע עהרליכע מענשען זיינען אָרעם. ער האָט זיך ניט געוואָלט פערקויפען פאר געלד, און דאך ווי געפּי־

איז ער און קנייפט די באַקען מען זאָל מיינען, אַז ער האָט יאָרטען גליקליך געלעבט. וואָס טהוט ער דאָס? צוליעב וואָס?

און געהענדיג אַזוי און זידלענדיג זיך אַליין, האָט ער דער־זעהן, ווי קעגען איהם געהט פעררייסען דעם קאָפּ אַ ל י ה ל י י ב ע ס אַ „בעל־הבתישער בחור" זיינער אַן אַמאָליגער חבר. יענקעל האָט איהם אַלע מאָל פיינד געהאַט פאַר זיין פוסטקייט, פאַר זיין נאַרישען פּראַנטעווען, און דערזעהענדיג איהם איצטער אין אַ נייעם שוואַרצען הוט, אין אַ שוואַרצען פּאַלטאָ, האָט ער צו איהם נאָך מעהר פעראַכטונג געשפּירט און ער האָט איהם געוואָלט אויסוויכען, נאָר יענער האָט איהם גלייך בעמערקט, האָט איהם אָבגעשטעלט און אויסשטרעקענדיג איהם די האַנד, האָט ער פרעהליך אויסגעשריען:

— אַ סאַר אַ גאַסט! יענקעל, וואָס מאַכסטו?

נאָכהער האָט ער יענקלען בעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט איהם געוואָלט אָבשאַצען, וויפיעל ער איז ווערט. און דערזעהענדיג, אַז די בגדים זיינען אַלט און יענקעל אַליין איז הושך, האָט ער איהם טיעף אין די אויגען, ווי אַ „סלעדאָוואַ־טיעל" אריינגעקוקט און ניט ערוואַרטענדיג פון יענקלען קיין ענטפער, האָט ער מיט אַ רחמנות־פּנים אַליין געענטפערט:

—אַ פּנים ניט אַזוי גוט... האַ?...

יענקעל איז רויט געוואָרען, ער האָט זיך דאָך געשטאַרקט צו ענטפערן:

— נ נ נ... ניש־קשה... גאַנץ גוט!...

דער חבר האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געזאָגט: עפּעס ניט קענטיג, און ער האָט ווייטער גע־פרעגט:

— זאָג מיר, גוטער ברודער, וואָס טהוסטו דאָרטען?

— „אַי, זאָל ער ליעגען אין דר'ערד", האָט יענקעל אין האַרצען געשאָלטען און האָט קוים, צווישען די צייהנער, אַרויס־געזאָגט:

— אין א פאבריק פון היט.

— ווי קומסטו אהין? — האט דער חבר מיט פארשענדע בליקען געפרעגט. — יענקיל האט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאלטען און האט צורייצט געענטפערט:

—איך קום! וואס מאכט עס אויס ווי אזוי.

דער חבר איז געבליעבען שטעהן, ניט געפינענדיג מעהר קיין ווערטער. ער האט נאר א קוק געגעבען אויף יענקעל'ס פאלטא, נאכהער אויף זיין אייגענעם. אין מח צוגעגלייכט וועלכער איז בעסער, א שמייכעל געטהאן, און שמייכלענדיג צופריעדען, האט ער יענקל'ען אויסגעצויגען די האנד און קאלט געזאגט:

— א גוטען! מיר וועלען זיך נאך זעהן!...

— אדיע, אדיע! — האט יענקעל הכנעהדיג זיך פערנייגט און פרייער אבגעאטהעמט...

---

וויפיעל בעקאנטע יענקעל האט דעם טאג ניט בעגעגענט האט ער יעדערן אויף זיין פראגע, וואס מאכסטו? געענטפערט:

— „ניש־קשה... גאנץ גוט". און פאר יעדער'ן א בעזונדער ליגען אויסגעקלערט.

— נו, אביסעל ליגענם פאר א טאג אנגעזאגט! — האט ער צוריקגעהענדיג געטראכט — פוי, האט ער אויסגעשפיעט, דערמאהנענדיג זיך, ווי פאר איינעם האט ער זיך אזוי צעהיצט מיט זיין גליקליכקייט דארטען, אז ער האט זיך ארויסגעהאפט, אז ער איז דארט בוכהאלטער ביים גרעסטען גביר ישעיהו קאטלאווער. צום אונגליק האט יענער געהערט פון דעם ישעיה קאטלאווער, אז ער לאזט צו זיך קיין ליטוואק אויפ'ן שוועל ניט ארויף... „ווי מיאוס, ווי מיאוס!"

האָט איהם געקלאַפּט אין קאָפּ — „איך קען אפילו קיין גלאַטען ליגען ניט זאָגען!"...

און געהענדיג האָט ער זיך געפיהלט ווי שווערע שטיינער וואָלטען זיין האַרץ צופּרעסען. איהם האָט זיך געוואָלט געפּי־נען האָטש איין מענשען און דערצעהלען איהם דעם אמת, אַז ער האָט דאָרט קיין שטעלע גאָר קיינמאָל ניט געהאַט, אַז ער האָט די גאַנצע דריי יאָהר זעהר שלעכט געלעבט, אַז ער האָט דאָרט געהונגערט און געפראָרען, ניט געהאַט צייטענווייס וואו צו נעכטיגען און פלעגט בלאָנזשען דאָן א גאַנצע נאַכט איבער די גרויסע לאַנגע גאַסען... אַז פאַר די דריי יאָהר איז ער אפילו איינמאָל אין טעאַטער ניט געווען, אפילו אין גאָרטען ניט, ווען די מוזיק פלעגט שפּיעלען און מען פלעגט דאַרפען צאָהלען פאַר'ן אריינגאַנג; אַז דאָרטען זיינען פאַרהאַן א סך אזעלכע, ווי ער, און מיט זיי פלעגט ער זיך געפינען און צוזאַמען ליידען, טהיילען זיך מיט'ן לעצטען ביסען... אַז ער האָט אזוי פיעל צרות צו דערצעהלען! ער האָט זיך אזוי פיעל אָנגעזעהן — נויט, הונגער, עלענד!... נאָר ווי אזוי דערצעהלט מען דאָס? יעדער, וואָס פרעגט איהם: וואָס מאַכסטו, ווי לעבסטו? דאַכט זיך איהם, וויל הערען נאָר א גוטען ענטפער, אַז ער לעבט דאָר־טען גליקליך, ניט חלילה פאַר גוטע פריינדשאַפט וועגען, נאָר וויל מיט א גליקליכען מענשען איז פרעהליכער צו רעדען, ליע־בער צו פערברענגען און אַן אונגליקליכער מענש אַרט קיינעם ניט און איז קיינעם ניט אינטערעסאַנט, אפילו די אייגענע טאַטע־מאַמען ניט...

און קלערענדיג אזוי איז ער אין כעס געוואָרען: אין כעס געוואָרען אויף זיך, אויף די בעקאַנטע און אויף די עלטערן, וואָס האָבען איהם געפרעגט וועגען זיין לעבען. „וואָס ווילען זיי פון איהם, וואָס איז זייער דאגה?... און פאַר כעס האָט ער זיך בעשלאָסען צו דערצעהלען פון היינט אָן דעם אמת.

וואָס האָט ער זיך וואָס צו שעמען? ער וועט אַלע דער־

צעהלען! ער וועט זאָגען, ווי דער טאַטע האָט איהם טאקע אמאָל געזאָגט: אז „סדנא דארעא חד הוא" אז אומעטום איז תהו ובהו, נויט, דלות, עלענד; אז אומעטום זיינען די שלעכטע רייך און גליקליך, און די גוטע — אָרעם און אומגליקליך.... אז ער וועט שוין צוריק ניט פאָהרען — ער וועט בלייבען דאָ און וועט שלום ווערען מיט'ן לעבען און רוהיג טראגען דעם יאָך פון אָרעמקייט... עס וועט פון איהם א בארג אראָב!...

אז ער איז אָבער אהיים געקומען און דער טאַטע האָט איהם נאָך א לאנגען שווייגען געפרעגט: „נו, וואָס קלערסטו, יענקעל, דו בלייבסט שוין אפשר א היגער? — האָט ער גלייך ניט געקלערטערהייט, ווי ארויסגעריסען די ווערטער פון מויל:

— ניין, איך פאָהר צוריק אויף דער שטעלע... אין וואר־שוי...

און אין קאָפּ האָט איהם געקלאפּט און דאָס הארץ האָט אין איהם געוויינט, און א קול האָט אין איהם געשריען:

— געוואלד, וואָס שעהם איך מיך? וואָס דערצעהל איך ניט דעם אמת? האָטש פאר איין מענשען, האָטש פאר'ן איינענעם טאַטען?...

# די חברה כלי־זמר

די חברה כלי־זמר אינ'ם שטעדטעלע ביעלינאָווקע האָט געהאט זעהר ניט קיין שעהנעם „נאָמען", און א שטעדטעלשער בעל־הבית פלעגט צו זיי נאָר אָנקומען אין אן עת צרה, ד. ה. ווען ער פלעגט חתונה מאכען א טאָכטער. איז אויך ניט צו אבי וועמען פון דער חברה, נאָר צו לייזער דעם צימבלער — שוין א מענש אין די יאָהרען מיט א ווייסליכער באָרד, וואס האָט איהם צוגעגעבען אן אויסזעהן פון א געזעצטען אידען... די איבריגע פון דער „קאַפּעליע" זיינען אלע געווען יונגע־חברה און האָבען זיך געפיהרט אזוי, אז די שטעדטעלשע בעלי־בתים האָבען מיט די שטרענגסטע אזהרות פערבאָטען זייערע קינדער צו האָבען מיט זיי חלילה א מגע ומשא. די כלי־זמר האָבען אלע געשטאַמט פון זעהר נידריגען שטאַנד. בערעל דער ערשטער פידלער, למשל, אן אויסגעוויקסטער בחור אין א שווארצען האָר־טען קראַגען, וואָס האָט שטאָלץ אונטערגעשפּארט זיין לאַנגען גאָרגעל,—איז געווען יענקעל דעם טשעסלער'ס א זוהן און יענ־קעל דער טשעסלער, ווייסט א מינדסט־קינד אין שטעדטעל, בוים קייזער און שלעפּט די שווערע בריוסעם, ווי אן אמת'ער גוי... אודאי איז דאָס ניט קיין גרויסער יחוס... לוי, דער צווייטער פידלער, א הויכער און א דאַרער בחור אין א בלאָה העמדעל, פערנארטעלט מיט א רויטען שנור, איז געווען חיים־לייב דעם

שניידערס א זוהן, און חיים־לייב דער שניידער, ווייסט א מינדסט קינד, אז ער נעהמט קליידער אפילו פאר פראסטע גוים און שעמט זיך ניט ארַאבנעהמען א מאָס פון א שיקסע... גרונם באס איז געווען חנן דעם בעדער'ס א זוהן און חנן דער בעדער האלט שוין 20 יאהר די באָד און ער האָט שוין פערגעסען דעם טעם פון א שבת'דינער שלישי און פון א רעכטען פסוק אין אתה הראית...

אהרציק קלארענעטיסט האָט געהאט א טאטען, וואָס איז נאָר מיאוס אויפ'ן מויל ארויפצוברענגען — אן ערדגרעבער און א מאמען — א וועשערין, וואָס פלעגט זיך ניט שעמען שלעפען דעם גרויסען פאק גרעט סיי זומער, סיי ווינטער צום טייך און נאָכדעם פאנאנדער טראגען עס די שעהנע בעלי הבית'טעס, וועלכע פלעגען אליין, פערשטעהט זיך, ניט וואשען קיין גרעט.

אויסער וואס די חברה כלי־זמר האָבען געשטאמט פון אזוינע נידריגע עלטערן, זיינען זיי אליין געווען אָהן א ברעקעל שטאט און דרך־ארץ, האָבען ניט געמאכט קיין חילוק פון עלטער ביז יונגער, פון אָרעם ביז רייך... זיי זיינען געווען גרויסע עזות־פנים'ער, גבול־פה'ניקעס, וואס אויפ'ן לונג, דאָס אויפ'ן צונג; דערצו פלעגען זיי אין די לעדיגע צייט, ווי ספירה, דריי וואָכען, ווען מען טאָר ניט שפּיעלען קיין חתונות, זיך ארומשלעפען מיט מיידלעך הינטער'ן שטעדטעל... פערשטעהט זיך, די מיידלעך זיינען אויך ניט געווען בעסער פון זיי און פון קיין שעהנערען יחוס האָבען זיי אויך ניט געשטאמט. יענקעל דעם וואוכערניקס טאָכטער, צי לייבע, פון בקור חולים, דעם נאמן'ס טאָכטער, וועט מיט זיי אודאי ניט ארומשפּאציערען.

איבערהויפּט האָט זיך די חברה כלי־זמר ארויסגעוויזען, ווי ניט לייטיש זי איז, אויף א חתונה: זיי פלעגען שפּאָטען און חוזק מאכען פון די שעהנסטע בעלי בתים, פון בעלי־בתישע זיהן און טעכטער, און גרונם באס האָט גלאט ליעב געהאט אויף יעדער חתונה זאָגען דעם מחותן א שטאָך ווארט, וואס דאָס האָט אויף

כלי־זמר לשון געהייסען: אריינלאָזען א שפּילקע: פערשטעהט זיך, אז אזא יחוס, אזא אויפפיהרונג האָט שטארק אויפגערייצט די רוהיגע סטאַטעטשנע קליינשטעדטעלדיגע בעלי־בתים און ניט אומזיסט האָט קיינער מיט זיי ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא...

בעקאַנט און אפילו שטארק אויפגעטראָגען מיט זיי, איז געווען נאָר איינער פון שטעדטעל. דאָס איז געווען יאָסעל דער „שרייבער“. מען דארף איהם ניט פערבייטען מיט דעם שריי־בער פון דער „דומע“. וואָס איז אין שטעדטעל אויך געווען א איד, און איז געווען שטארק אָנגענומען ביי די בעלי־בתים. אָנ־גענומען אזוי, אז מען פלעגט פאר איהם אזש מורא האָבען. יאָ־סעל דער שרייבער אָבער האָט זיך נאָר בעשעפטיגט מיט לעהר־נען די שטעדטעלדיגע מיידלעך שרייבען א אידישען בריוועל, א חשבון ביז כפל און אין די הייזער וואו די ציוויליזאַציע האָט שוין אריינגעשיינט, האָט ער אויך געלערנט אן אדרעס שריי־בען.

ע ר אליין איז געווען כמעט פון איין יחוס מיט די כלי־זמר! זיין מוטער איז געווען אן אָרעמע עגונה. זיין טאַטע, א שניידער, האָט נאָך אין די ערשטע יאָהרען, ווען דער פּראָס־טער עולם האָט אָנגעהויבען פאָהרען אין אמעריקע, זיך אהין אוועקגעלאָזט. לויט ווי מען האָט דערצעהלט איז ער אין דער „דריטער אמעריקע“ און האָט דאָרט א דייטשקע גענומען און פון דער ווייב און זיין קינד האָט ער ניט געוואָלט הערען.

עס פערשטעהט זיך, אז יאָסעל האָט קיין גרויסע געלדער ניט פערדיענט פון זיינע שטונדען וואס ער האָט געגעבען. דאָס רוב האָט ער געלעהרנט די אָרעמע מיידלעך און ער האָט זיך קוים דורכגעלעבט מיט זיין אָרעמער מוטער.

ער איז געווען פון איין וואוקס מיט די כלי־זמר, א הויכער און א דארער, מיט א לאַנגליכע שמאָלע נאָז. זיינע שוואר־צע אויגען זיינען איהם געווען טיעף אין שטערן אריינגעראָבען

און פון דאָרט האָבען זיי געקוקט טרויעריג, פער'חלום'ט און פערטראַכט, ווי ביי אַן אמת'ן פּאָעט.

און ער האָט טאַקע לידער געשריעבען, אָדער ווי אין שטערטעל האָט עס געהייסען: ער מאַכט לידער און דאָס האָט איהם ביי די בעלי־בתים אין די אויגען נאָך חוזק'דיגער געמאַכט.

— עס איז אַ ווילדע בריאה! האָבען זיי וועגען איהם גע־רעדט. דערפאַר אָבער האָבען די נעהטאָרינס, שניידערינס און דיענסט־מיידלעך שטאַרק געהאַלטען פון זיינע לידער און פלעגען זיי ביי דער ארבייט שטענדיג זינגען, צומאַכענדיג איי־נענע טרויעריגע מעלאָדיען... שטאַרק בעוואוסט און בעריהמט איז געווען ביי זיי דאָס ליעד פון דער ליעבע, וועלכעס זיי פלעגען זינגען מיט גרוים געפיהל, דאָס ליעד האָט זיך אָנגע־הויבען אזוי...

איך וועל געהן אַ קוק טהאָן
וואָס מיין מיר'על מאַכט,
אין דער לאַנגער, שוואַרצער,
ווינטער ווינטער־נאַכט.

פערשפּרייטען זיינע לידער צווישען די מיידלעך פלעגען די „כלי־זמר", וועלכע ער פלעגט יעדעס ליעד גלייך טראַגען און פאָרלעזען, ווערענדיג דערביי דאָ רויט דאָ בלאַס פון אויפרע־גונג, וואָס וועלען „זיי" זאָגען דארויף. די כלי־זמר זיינען גע־ווען גוטע קריטיקער, פּאָעזיע האָבען זיי זעהר ליעב געהאַט, זיי זיינען געווען שטאַרק בעלעזען אין דער אידישער ליטעראַ־טור: מיכל גאָרדאָן, גאָלדפאַדען, בערענשטיין און אנדערע האָבען זיי געוואוסט אויף אויסענווענינ און די מעלאָדיען פלע־גען זיי אויסשפּיעלען אויף זייערע אינסטרומענטען. די חברה האָט שטאַרק געהאַלטען פון יאָסעל'ס טאַלאַנט און זיי פלעגען איהם זאָגען, אז מיט דער צייט וועט פון איהם ארויסוואַקסען אַ גרויסער לייט.

און יאָסעלס האַרץ פלעגט פאַר שמחה אָנהויבען שטאַרק

קלאפּען, זיינע באַקען פלעגען בלייך ווערען, די אויגען פייכט און מיט אַ ציטריגען קול פלעגט ער זיך ווענדען צום ערשטען פידלער:

— בערעל, שפּיעלט עפּעס!

בערעל פלעגט אַ שמייכעל טהאָן; יאָסעל'ס קוק איז אבער געוועזען אזוי דורכגעדרונגען מיט בקשה, אז בערעל פלעגט ערנסט ווערען, אראָבנעהמען די פידעל פון וואַנט, אָנשטעלען זי און פרעגען:

— וואָס זאָל איך דיר שפּיעלען, יאָסעל? וואָס ווילסטו?

— איך וויל — פלעגט יאָסעל ענטפערן, געריהרט פון בערעל'ס גוטסקייט, איך וויל עפּעס אַן אומעטיגע זאַך, אויף דער גראָבער סטרונע. טהי־טהי... מהי... איהר ווייסט דאָך וואָס איך מיין.

— אויף דער גראָבער סטרונע?... טהי־טהי־טהי?... וואָס מיינט ער דאָס אזוינס? — פלעגט זיך בערעל פערטראַכטען זוכענדיג דעם ניגון אויפ'ן באַלקען.

— ער מיינט דעם וואָלאך! — פלעגט אַהרציק דער קלאַרנעטיסט ערקלעהרען.

— ער איז ניט קיין נאַר, ער ווייסט וואָס גוט איז! — פלעגט דער ערשטער פידלער גומהערציג שמייכלען.

— ער איז אַ מבין אויף מוזיקע, פלעגט אַהרציק לאַכען און אַ קלאַפּ געבען יאָסלען איבער'ן פּלייצע.

און די גאַנצע חברה כלי־זמר וועלכע פלעגט זיך ביים ערשטען פידלער פערזאַמלען, אויסער דער עלטערער צימבלער, פלעגען אָנהויבען שפּיעלען, געבען קאָנצערט פאַר דעם איינ־ציגען מערעהרער אין שטעדטעל — פאַר יאָסעל דעם שרייבער...

יאָסעל פלעגט אריינלאָזען די אויגען זיינע אין בערעל'ס פידעל, פון וואַנען עס האָבען זיך געגאָסען ריהרענדע ווייכע טענער, תחנונים ובקשות... ער פלעגט קוקען אין די שפּאַלטען

פון פידעל אזוי ווי ער וואלט וועלען זעהן, צי זיצט דארטען ניט עפעס א מענש און וויינט אזוי זיס...

אז די חברה פלעגט אבשפיעלען, פלעגט יאסעל ווערען בע־גייסטערט, פלעגט אויסשטעלען ווי פערוואונדערט די אויגען, פערטראכטען זיך און קנייטשענדיג זיין שטערן ווי ער פלעגט זיך עפעס דערמאהנען, פלעגט ער מיט פייער אויסשיסען:

— הערט ברידער, לאכט זיך אויס פון זיי! פאלגט מיך, לאכט זיך אויס!...

— פון וועמען? — פרעגען די כלי־זמר.

—אט פון אלע בעלי־בתים, אט פון אלע יחסנים, אט פון אלע רייכע! פון דאס גאנצע שטעדטעל!... איך וועל ניט בייטען אייער נאגעל אויף זיי אין גאנצען. דאס זיינען גאר קיין מענשען ניט! גאר קיין מענשען ניט!! — פלעגט ער שוין העכער שרייען — דאס זיינען חיות, מיאוסע חיות!... אוי, האב איך זיי פיינט! טפו!

די חברה כלי־זמר פלעגען נאך אזא „דרשה“ שמייכלען צופריעדען און אהרציק קלארנעטיסט, ווערט צוקאכט אויך גלייך מיט יאסלען, גיט א קלאפ איבער׳ן טיש און שרייט אויס:

— ווי איך בין א כלי־זמר — ער איז גערעכט! יאסעל! דו ביזט איינער אין שטעדטעל... זיי זיינען אלע ווילדע פראים, בהמות! יאלדעס!...

— ווער שטעהט אן זיי? — רופען זיך אן די איבריגע פון דער חברה...

— ניין! עס ברענט מיר ווי א פייער, שרייט אויס יא־סעל — מענשען זאלען ניט האבען קיין ברעקעל געפיהל אין קיין זאך. א כלי־זמר זאל ביי זיי זיין טריף! — פאר וואס, פאר ווען?... וואס ווילען זיי פון אייך, פרעג איך, וואס ווילען זיי? ווען ניט איהר וואלט דאך אין שטעדטעל אן אומעט געוועז.

— לאמיר איהם נאך עפעס שפיעלען! — פלעגט אהרציק קלארנעטיסט שמייכלען, קלאפענדיג יאסלען איבער׳ן פלייצע

ער איז ווערטה, ער פערשטעהט מוזיק.

— ווייל ער שרייבט ליעדער, פערשטעהט ער מוזיקע — ערקלעהרט ערנסט בערל פידלער. מוזיקע און פּאָעזיע איז אלץ איינס — דאָס איז טענער און יענס איז ווערטער. דער וואָס איז אָבער א מבין, הערט אין פידעל אויך ווערטער. דאָס פידעלע רעדט...

— אוי, אמת! — כאפּט זיך יאָסעל אָן. — ביי אייך בעט זיך עפּעס די פידעל: האָט רחמנות, וויינט זי...

די כלי־זמר לאכען און הויבע זאָן שפּיעלען נאָך א זאך, אן אומעטיגע, א ריהרענדע. יאָסעל לאָזט אראָב דעם קאָפּ און הערט מיט גרויס געפיהל, און אז די חברה ענדיגט קאָן ער זיך וויעדער ניט איינהאלטען און שרייט אויס:

— פּאָלגט מיר, ברידער, לאכט זיך אויס פון זיי — איהר האָט נשמות און זיי ניט...

און יאָסעל בלייבט שוין ביי די כלי־זמר ביז שפּעט אין דער נאכט. די חברה לעגט זיך צונויף און מען שיקט נאָך א ביסעל בראָנפען און מען פערבייסט מיט שווארץ ברויט מיט זאלץ... נעהמענדיג אביסעל בראָנפען, נאָר צו די ליפּען, ווערט יאָסעל מוטהיגער און דרייסטער צו טהאָן דאָס, וואָס עס ווילט זיך איהם די גאנצע צייט, זיצענדיג ביי די כלי־זמר. ער נעהמט יעדען ארום מיט גרויס ליעבשאפט און קושט יעדען שטארק, שטארק... די חברה פיהלט איהם מיט, פערשטעהט איהם, און עס ווערט ביי זיי אן אמת'ע ברידערשאפט, אָהן קנאה, אָהן שנאה, אָהן רכילות און לשון הרע און ווען די שטעד־טעלשע בעלי בתים וואלטען עס צוגעזעהן, וואלטען זיי זיך ווער ווייסט, אפשר פערטראכט און ארויסגערעדט:

— וואָס וויל מען פון זיי טאקע האָבען? גאנץ וואוילע מענשען, די חברה כלי־זמר, מיט יאָסעל שרייבער!... גאנץ צוטע, גאנץ עהרליכע מענשען...

נאָר די בעלי־בתים שלאָפען שוין לאנג...

# די געשיכטע פון אַ קראָם

די קראָם, וואָס האָט זיך געפונען אין דער מיט פון דעם פיערטען קליינעם צייל קראָמען אין מארק, איז געווען געבויט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי די אלע אנדערע. דער זעלבער גאניק פון דריי שטיינער, זזויסגעלעגט ווי א סגל, א שטיקעל סגולה צו דער שטענדיגער בלאָטע, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט פאר קיין פאל אין דער וועלט טריקענען. דיזעלבע אויסגעהאַקטע לאָך, וואָס האָט געהייסען „טהיר“ און זיך פערמאכט ביי נאכט מיט גרויסע קונצען און געעפענט זיך מיט נאָך גרעסערע: דיזעלבע שווארצע פאָליצעס, וואָס קיינער געדענקט ניט ווען און ווער האָט זיי געמאכט, און אפילו דיזעלבע גרויס. און דאָך האָט די דאָזיגע קראָם געהאט א טרויעריגען אויסזעהן און האָט געשראָקען. אז מען פלעגט ארייננקוקען אין דער דאָזיגער קראם און דערזעהענדיג דעם קרעמער, צי די קרעמערין אינוועניג, פלעגט זיך דאכטען, אז ניט מיט זייער גוטען ווילען זיצען זיי דאָ, דאָס האָט עפּעס א ניט־גוטער זיי פער׳משפּט צו זיצען א צייט פאר עפּעס זעהר א הארבע עבירה...

אָבגעשיידט האָט זי זיך פון אלע אנדערע קראָמען אויך מיט איהר נאָמען. אין שטעדטעל האָט אלץ און יעדערער געהאט א נאָמען, קראָמען אבער ניט. דער נאָמען פון אַ קראם איז געגאנגען אויפ׳ן בעל הבית פון קראָם. למשל: אברהם יוסף׳ס

קראַם, וואָס באַרוך'ס קראַם, מאַטלע גיטעלס קראַם. די דאָ־זיגע קראַם אָבער האָט געהאַט א נאָמען — „די מזל'דיגע" האָט זי געהייסען.

דאָס איז געוועזן א בייסענדיגער „סגי נהור"־לשון, א איראָניע, וואָס האָט א סך איהרע אַלטע לעבעדיגע בעלי־בתים דערמאַהנט זעהר אומעטיגע, לאַנגע טעג און נאָך אומעטיגערע, לענגערע אָווענטען...

און די „מזל'דיגע קראַם" האָט געהאַט א סך בעלי־בתים. ווען מען וואָלט וויסען ווי אַלט די קראַם איז, וואָלט מען בערך געקענט אויסרעכענען וויפיעל קעפּ זיינען אין איהר געוועזן. וויפיעל אויגען האָבען דורך איהר טהיר ארויסגעקוקט אויף א קונה און שיער ניט בלינד געוואָרען קוקענדיג און שיער ניט צופּלאַצט געוואָרען וואַרטענדיג. אויסרעכענען וואָלט מען עס געקענט דערפאַר, ווייל דורכשניטליך איז דאָרט קיין קרעמער ניט געזעסען מעהר ווי א האַלב יאָהר, און אויב די קראַם איז אַלט געוועזן צוויי הונדערט יאָהר, האָבען זיך אין איהר אכט הונדערט אויגען געמוטשעט... עס איז אָבער א סברא אַז די קראַם איז נאָך עלטער פאַר צוויי הונדערט יאָהר, עס דאַכט זיך, אַז זי איז בעשאַפען געוואָרען משׂשת ימי בראשית, און דער גרעסטער סטאַטיסטיקער וועט ניט ביכולת זיין אויסרעכענען וויפיעל בעלי־בתים זי האָט געהאַט.

די, וואָס מען געדענקט, איז אָבער אויך גענוג.

פון די ערשטע, וואָס מען געדענקט זיי און מען זעהט זיי נאָך אין שטעדטעל, איז — חיים דער אַלטער. ער האָט זי געדונגען ביי דער אופּראַווע, צו וועמען זי געהערט, פאַר 20 רובעל א יאָהר און בעטראַכטענדיג מיט שכל דעם פּלאַץ, וואָס אַרום דער קראַם געפינט זיך, האָט ער בעשלאָסען, אַז די קראַם דאַרף זיין גוט פאַר דזיעגאַכטס מיט מאַזש.

און א גאַנץ האַלב יאָהר איז געשטאַנען אויפ'ן צו־פוילטען פּאָל פון קראַם, ארויסגערוקט צום טהיר, אַלס שילד,

א שוואַרצער עמער מיט דזיעגאַכטס, מיט שוואַרצע קוואַרטען, האַלבע קוואַרטען און קוואַרטירלעך. און א קעסטעל מיט שוואַרצע שטיקער מאַזש, מיט א שוואַרצען מעסער, צו שניידען עס. חיים אליין, אויסגעשמירט אין גאַנצען אין זיין סחורה מיט אַן אויסזעהן פון א זומערדיגען פאַרנאַכטיגען שאָ־טען, איז געשטאַנען פאַרביי די טהיר, די הענד צוזאַמענגענומען אין די אַרבעל און האָט געקוקט...

א וואָך האָט ער אַזוי געקוקט, און איינמאָל אין א רעגענדי־גען זונטאַג איז געקומען א אָבגעריסענער מוזשיק אין א פּאָר צוריסענע שטיוועל, האָט געקויפט א קוואַרטירעל דזיעגאַכטס פאַר פיער גראַשען און האָט טאַקע אין האָט קראָם גופא מיט זיינע איינענע פינגער אויסגעשמירט די שטיוועל פון אויבען ביז אַראָב. חיים'ן איז אביסעל פרעהליכער געוואָרען. די האָפנונג מיט די חנ'עוודיגע אויגלעך האָט איהם א ווינק געטהאָן: ניט געזאָרגט, חיים, וועסט לייזען געלד! און חיים, ניט קיין נאַרי־שער איד, דאַכט זיך, פערשטעהט גוט א שטיקעל רש"י מיט תוספות, האָט זיך איינגעהערט און געשמייכעלט, ווי געזעדט: איך גלויב דיר!

אין א האַלב יאָהר איז דער עמער מיט דזיעגאַכטס געוואָ־רען אביסעל וועניגער. חיים האָט פאַר האַרצוועהטאָג פערגעסען פיעל קוואַרט ער האָט פערקויפט. פון די מאַזש האָט געפעהלט נאָר א קליין שטיקעל, דאַכט זיך א האַלב פונט. ער האָט אויף דעם עמער דזיעגאַכטס מיט דעם מאַזש געמאַכט אַן „אויספערקויף", גע־לאָזען פאַר א דריטעל פון קרן, צוגענומען די שליסלען און מיט א קללה אַנטלאָפען געוואָרען אַהיים און געמאַכט אויף זומער א קנעלונג...

די קראָם איז געבליעבען אָן אָפּענע. עלענדע הינד און ציגען האָבען דאָרט געפונען א בעשיצונג פון שלעכטען וועטער. אבער ניט לאַנג. די שטאָדטיגע בעלי־בתים האָבען געוואָר־

פען אויגען אויף דער קראַם, אויפ׳ן געשעפט וואָס מען קען דאָ מאַכען, און איינער, ליבע טעוויעס, אַ איד מיט אַ קאַפּי־טאַל פון הונדערט רובל, וואָס האָט ניט געוואַלט עס קיינעם פערלייהען, האָט זי געדונגען פאַר אַכצעהן רובל.

— איהר וועט זעהן, אידען, — האָט ליבע טעוויעס געזאָגט: אז איך וועל פון דער קראַם מאַכען אַ „לייט", זי וועט מ י ר טראָגען צוויי־דריי רובל אַ וואָך.

— דהיינו, וואָס פאַר אַ מין סחורה רעכענט איהר צו האַלטען? — האָט מען ביי איהם געפרעגט.

נאָר ליבע טעוויעס האָט ניט אזוי גיך ענטדעקט דעם מין סחורה. צי דערפאַר ווייל ער האָט מורא געהאַט מען זאָל ביי איהם דאָס ניט אויסחאַפּען, אָדער ער האָט מורא געהאַט, אז מען זאָל פון איהם ניט לאַכען, — דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

אין אַ וואָך אַרום איז דער סוד ענטפּלעקט געוואָרען. ליבע טעוויעס האָט געמאַכט אַ קראַם פון מילכיגס, איבערהויפּט איז דאָרט געווען אַ סך „שאַטען־קעז".

וויסענדיג גוט דעם אָנגאַנג פון שאַטען־קעז אין שטעדטעל, האָט ליבע טעוויעס ניט אומזיסט געהאַט האָפנונגען. ביז אהער, ד. ה. ביז איהם איז אין שטעדטעל ספּעציעל אזא קראַם ניט געווען און שאַטען־קעז האָט נאָר געהאַט יענע בעל־הבית׳טע, וואָס האָט פערמאָגט אַן אייגענע בהמה. די אָרעמע לייט האָבען אָבער געמוזט אָנקומען צו די בעל־הבית׳טעס פון די בהמות. דעריבער האָט ליבע טעוויעס גערעכענט, אז ווען ער וועט אויפקויפען ביי אַלע בעל־הבית׳טעס פון די בהמות די מילכיגס, און דער עיקר טאַקי די שאַטען־קעז, — וועט ער לעזען פיין געלד.

און באַלד האָט מען די קראַם אויסגערייניגט מיט אַ גרויסען בעראַזעווען בעזים, מיט וועלכען מען האָט אויך די ציינער אַרויסגעטריבען, און מען האָט צוגעקליבען די קראַם ווי גע־

הערינ איז, מען האָט אוועקגעשטעלט צוויי גרויסע סריג זויער־מילך, אַ קריגעל סמעטענע, צוויי גרויסע קעז, אנשטאָט אַ שילד, אויף אַ ברעט, האלב ארויסגערוקט אין דרויסען, און אַ גרויסען צעבער מיט שאָטען־קעז.

געזעסען אין קראָם זיינען די ערשטע טעג ביידע: אי לייבע טעוויעס אי זיין ווייב שיינע. דעם ערשטען טאָג האָבען זיי געלעזט פאר א האלב פונט שאָטען־קעז — צוויי גראשען, דעם אנדערן טאָג, פאר אַ קווארטירל זויער מילך — אַ גראָשען, און אויפ'ן דריטען טאג האָבען זיי ערשט פארנאכט געלעזט פון א תלמוד־תורה איננעל פאר א גראָשען ווייסען קעז.

— נעהם בעסער שאָטען־קעז, — האָט לייבע טעוויעס פארגעלעגט: שאָטען־קעז וועסטו האָבען מעהר, נארעלע. ביזט דאָך אַן אָרעם איננעל, ווייסער קעז איז פאר דיר צו טייער.

נאָר דער תלמוד־תורה איננעל איז געווען ניט זעהר קיין אָרעמער; זיין טאטע איז געווען א שוסטער, וואס האָט פערדיענט דריי רובל די וואָך, און ער האָט זיך פערגונען צו עסען ווייסען קעז.

— פּע, שאָטען־קעז! — האָט ער זיך געקרימט.

— נעה, שנץ! — האָט לייבע טעוויעס גע'כעס'ט — ווי זאָגט מען עס אויף שאָטען־קעז „פּע"?

נאָר דער תלמוד־תורה איננעל איז ניט נתפעל געוואָרען, וואס לייבע טעוויעס האָט נעביך א גאנצען צעבער מיט שאָטען־קעז, און ער האָט ווידער געזאָגט:

— פּע, שאָטען־קעז...

און לייבע טעוויעס האָט נאָכ'ן איננעלס אוועקגאנג געזאָגט צום ווייב:

— אין דער אמת'ן, וואס דארף מען האלטען אזוי פיעל שאָטען־קעז?

— איך ווייס? — האָט דאס ווייב געענטפערט: וואס דען וועסטו האלטען?

* * *

און אז לייבע מעוויעס האט אין א האלב יאהר ארום אויך פערמאכט די קראם, ארויסגעהענדיג מיט 40 רובעל היזק, האט די קראם זיך פערצווייפעלט, זי איז דאכט זיך נידריגער, איינגעבויגענער געווארען און האט אויסגעזעהן, ווי א חורבה.

די שטערטעלדיגע בעלי־בתים אבער האבען געזוכט געשעפט און האבען געווארפען אויגען אויף דער קראם, טראבטענדיג אליין פון נייע מינים סחורות.

— דא וואלט גוט געווען צו האלטען מעהל, און נאר מעהל! אזוי האט זיך משער געווען חייקעל דער תבואה הענדלער, וואס פון תבואה־האנדעל אליין האט ער ניט געקענט האבען חיונה און האט געזוכט נאך געשעפטען.

ער האט זיך געוואלט מכח דעם מיט וועמען עס איז אן עצה האלטען, נאר ער האט מורא געהאט: טאמער איז עס טאקע גוט און מען חאפט זי איהם אוים!

און חייקעל האט געריזיקירט און האט געדונגען די קראם און אריינגעשטעלט אין איהר פינף זעקלעך ווייסע מעהל, דריי — קארנע מעהל און א זעקעל גרויפען. שפעטער, האט ער גערעכענט, וועט ער דא האלטען באב און ארבעס.

נאר צו באב און ארבעס האט די קראם ניט זוכה געווען, און חייקעל האט מיט חרטה, וואס ער האט זיך ניט געהאלטען פריהער קיין עצה מיט קיינעם, פערלאזען די קראם, און האט פערקויפט די זעקלעך מעהל צו א גרעסערן מעהל־קרעמער מיט פינף רובעל היזק און האט גענומען זוכען צום תבואה־האנדעל אן אנדער געשעפט.

און די קראם איז ווידער געבליעבען פוסט, און ווידער ניט אויף לאנג. זרח דער סופר האט חתונה געמאכט א טאכטער און האט זיך מתחייב געווען צו געבען דעם יונגען פארפאלק א יאהר קעסט מיט א געשעפט, און דאס יונגע פאר פאלק

האָט מען טאַקע אַריינגעזעצט אין דער קראָם. — געהאַלטען האָבען זיי דאָרטען שניט.

און אין א האַלב יאָהר אַרום האָט דאָס יונגע פּאָר־פאָלק אָבגעשניטען מיט די שניט און דער יונגער־מאַן האָט זיך אויס־געלערנט סופרות, שרייבען תּפילין און מזוזות, און די קראָם איז ווייטער געבליעבען אַן עגונה...

און אַזוי האָט זיך עס לאַנגע, לאַנגע יאָהרען געצויגען און די קראָם האָט צוגעצויגען בעלי־בתּים און אַוועקגעטריבען, צו־געצויגען און אַוועקגעטריבען, ביז מען האָט איהר א נאָמען גע־געבען די „מזלדיגע" קראָם, און גרונם שניידער א שטאָדטי־שער חכם, פלעגט קוקענדיג אויף איהר זאָגען:

— געדענקט, אידען, מיינע ווערטער: די קראָם איז טאַקע א מזל'דיגע, נאָר ניט פאַר אידען; א גוי דאַרף זיך אין איהר אַריינזעצען, נאָר א גוי, אַזוי זאָגט מיר עפּעס דאָס האַרץ.

און ער האָט טאַקע געטראָפען. שוין עטליכע יאָהר, אַז די דאָזיגע קראָם איז העכער געוואָרען, גרעסער און ליכטיגער, אין קראָם זיצט א גוי מיט גרויסע בלאָנדע בייזע וואָנסען, רעדט טיעף רוסיש, און לייזט אפשר הונדערט רובל א טאָג. אידען גע־העען פערביי, קוקען נעביך אַריין אינוועניג און ווערען צו־פּלאַצט: „אָט איז א מין מזל! מיר האָבען דאָ געפינסטערט און געפינסטערט... בדלות געוואָרען"...

נאָר ווער קען זיך גלייכען צו א גוי'ס מזל?... בפרט אַז די קראָם איז די „מאָנאָפּאָל" און מען פערקויפט דאָרט בראַנ־פען. א קלייניגקייט א קראָם פון בראָנפען... א גרויסער קונץ צו לייזען געלד....

# אינהאלט:


פערלארען דעם קול — 7
ווייבערשער שרעק — 18
אויף מבינות — 29
דער קוש — 36
דער גמילות חסד — 44
ביים דאווגען — 59
שכר למוד — 65
די גרויסע סוכה — 75
די צוויי ברידערלעך — 93
דער אריסטאקראט — 103
אין סאד — 111
זאל שטעהן ווי געשטאנען — 117
אין קריעג — 121
פערשפעטיגט — 129
דער רב און זיינע ספרים — 139
א פארגרעבט שטעדטעל — 149
דער פוילישער גלח — 157
דער אלטער מגיד — 164
דער ברית חדשה — 175
די ערציהונג — 183
די כלי־זמר — 189
טעכטער — 197
חתן־כלה בריעף — 204
א שטעדטעל אהן ווייבער — 211

אידישע מטבעות — — — — — — — — — — — 218
קאַלט — — — — — — — — — — — — 223
איוב — — — — — — — — — — — — — 227
צוריק אויף דער שטעל — — — — — — — — 233
די חברה כלי־זמר — — — — — — — — 241
די געשיכטע פון א קארב — — — — — — — 250